# ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטן



№ 91.

ש. אַנ–סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## פופצעהנטער באַנד

פערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנאַ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק — תרפה—1925

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק

פערקויף—געז. „צענטראַל" וואַרשא

Printed in Poland.

„Chashmonaea" Tartu.

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פון אויטאָרס צואה־פערוואַלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York U. S. A.

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
~~1941:6990~~
23548

צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג

דעם זאַץ האָט אויסגעפיהרט פייגע שריפטגיסער

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

ש. אַנ–סקי.

# פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע

# אינהאַלט

## פון

## פיפצעהנטען באַנד


זייט

הקדמה . . . . . . . . . . . . .

חיים זשיטלאָווסקי—שלמה-זאַנוויל ראַפּאָפּאָרט

אַנ-סקי און דער סאָציאַל-פּאָליטישער פאָלקלאָר . . .

דער יודישער פאָלקס-גייסט און זיין שאַפען (רעפעראַט) . . 15

די יודישע פאָלקס-שאַפונג (Пережитое ב. I 1908) . . 29

בלוט-בלבולים אין דער יודישער פאָלקס-שאַפונג

(Русское богатство, 1912 № 1) . . 99

אָבשפּרעכעניש און פערריידונג ביי די ליטוויש-רייסישע יודען

(Еврейская Старина ב. I 1909) 155

וועגען דעם יודישען פאָלקס-ליד (Еврейская Старина,

ב. II, 1909) 171

פאָלקס-קינדער-לידער (Евренская Старниа, ב. III 1910) 195

שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך (Евреиская Энцикло-

педія ב. XII) 217

שפּרוך, ווערטעל (Евреиская Энциклопедія, ב. XII) . 221

יודישע פאָלקס-רעטענישען („טאָג" ווילנא, 1919) . . . . 225

יודישע מלחמה-גלייכווערטלעך („טאָג", ווילנא, 1919). . . 233

אַלטע שוהלען און זייער לעגענדע („דער טאָג", ניו-יאָרק, 1920)

געגענזייטיגע קולטורעלע איינפלוסען („דער טאָג", ניו-יאָרק,

1920)

# הקדמה

ש. אַנ–סקי האָט פון סאַמע אָנהויב ליטעראַרישער טע-
טיגקייט זיינער אַרויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס צו פאָלק-
לאָר, צו אַלע ענטפלעקונגען פון לעבענס-שטייגער פון פאָלק,
פון דעם, וואָס ער אַליין האָט בעצייכענט מיט דעם וואָרט
אַלטעגליכקייט, איבערזעצענדיג דערמיט דעם פיינעם רוסישען
בעגריף быт. פון זיינע זכרונות ווייסען מיר, אַז נאָך יונגעל-
וויז פלעגט ער פערצייכענען אין זיין טאָג-בוך איינדרוקען און
בעאָבאַכטונגען פון זיינע תלמידים און זייערע עלטערן. דערין
האָט זיך שוין זיכער אַרויסגעוויזען זיין איינגעבוירענער חוש
פאַר פאָלקלאָר. דעם דאָזיגען חוש האָבען מיר אויך צו פער-
דאַנקען, וואָס אין צעהנדליגער יאָהר אַרום, ווען זיין אַרבייט
אויפן געביט פון דער יודישער פאָלקסשאַפונג האָט שוין אָנ-
גענומען דעם כאַראַקטער פון אַ בעוואוסטזיניגער סיסטעמאַטי-
שער טעטיגקייט, האָט ער געהאַט אויפ׳ן זכרון אַ גרויסען מאַ-
טעריאַל אויס דער רייכער וועלט פון יודישען פאָלקלאָר, גע-
דענקט פון זיין קינדהייט נאָך יודישע פאָלקסלידער, פאָלקס-
מעשיות, שפּריכווערטער וכדומה. אין זיין פאָעמע „ד ע ר
א ש מ ד א י״—דעם ערשטען וויכטיגען ווערק, וואָס אַנ–סקי האָט
געגעבען דער יודישער ליטעראַטור, דערקענען מיר שוין דעם
טיפען קענער פון דעם יודישען פאָלקלאָר, און אין זיין גרוי-

סער רוסישער אַרבעט Народ и книга האָבען מיר אַ מוסטער, ווי רייך און פילזייטיג אַנ–סקי האָט בעגריפען די פסיכאָלאָגיע פון דעם רוסישען פאָלקס-מענש.

זיין סיסטעמאַטישע עפענטליכע אַרבייט אויפען געביט פון יודישען פאָלקלאָר הויבט זיך אָבער ערשט אָן מיט זיין צוריקקעהר קיין רוסלאַנד. די נאָהנטע בעריהרונג מיט שמעון דובנאָוו, דעם גרינדער פון דער יודישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג, מיט שאול גינזבורג און פרץ מאַרעק, וועלכע האָבען זיך אַזוי לעבעדיג אינטערעסירט מיט דער יודישער עטנאָגראַפיע, סטימולירט אַנ–סקין צו גרונדליכערע אַרבייטען אין יודישען פאָלקלאָר. ער פערטיפט זיך אַלץ מעהר אין דער יודישער פאָלקס-שאַפונג, און אין דעם ערשטען באַנד פון די זאַמעלביכער Пережитое („געווידמעט דער געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער געשיכטע פון די יודען אין רוסלאַנד"), וואו אַנ–סקי נעמט אַ נאָהנטען אָנטייל פערעפענטליכט ער (אין יאָהר 1908) זיין אָבהאַנדלונג „די יודישע פאָלקס-שאַפונג". די דאָזיגע אַרבייט, די ערשטע פובליקאַציע אַנ–סקיס אויפ'ן געביט פון יודישען פאָלקלאָר, בלייבט נאָך עד־היום דער איינציגער גרינדליכער פרוב אויסצופאָרשען די גרונדשטריכען פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג. שוין דאָ ווייזט אַנ–סקי אַרויס זיין טיפען חוש און ברייטע בקיאות אין דעם דאָזיגען, ביז דאַן אַזוי פערוואָרלאָזטען ענין. דער הויפט-געדאַנק, וואָס ער געפינט אַרויס אין די ווערק פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג, אַנאַליזירענדיג זיי און פערגלייכענדיג מיט דער פאָלקס-שאַפונג פון די אייראָפעאישע פעלקער, ווערט זיין ליבלינגס-אידעע, וועלכע שטימט אַזוי גוט מיט דער פיינער איידעלער נשמה זיינער. דאָס איז די אידעע וועגען דער העכערקייט פון דער גייסטיגער קראַפט איבער דעם גראָבען מאַטעריאַליזם, איבער דער געוואַלד און תקיפות פון די גיבורים פון פיזישען כח.

פון דאַן אָן הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין אַנ–סקיס שאַפען. ער ווערט דער גרויסער מאַן פון דעם יודישען פאָלק-

לאָר, דער מאַן, וואָס האָט אין דעם פּרט אפשר נישט זיין גלייכֿען ביי אונז. ער זאַמעלט די ווערק פֿון דער יודישער פֿאָלקס-שאַפֿונג, שאַפֿט זיך איין די רייכֿסטע קאָלעקציע פֿון דער יודישער רומל-ליטעראַטור, וועלכֿע האָט אַזוי רייך אויסגענוצט די יודישע לעגענדעס און פֿאָלקס-מעשיות, שרייבט אַ רייה אַרטיקלען וועגען די באַזונדערע אָבטיילונגען פֿון דעם יודישען פֿאָלקלאָר, וואו ער ווייזט אַרויס אַ טיפֿע בעהאַוועוונטקייט אין דעם געדיכֿטען וואַלד פֿון דער פֿאָלקס-שאַפֿונג, דער אַלטער ווי דער נייער, דער יודישער ווי דער אייראָפּעאישער. ווי ווייט גרויס עס איז געווען זיין אינטערעס פֿאַר דער יודישער פֿאָלקס-שאַפֿונג ווייזט אגב אַזאַ פֿאַקט: אין זיין רעצענזיע וועגען בערענשטיינס „שפּריכֿווערטער און רעדענסאַרטען" ברענגט ער אויפֿן זכרון פֿערצעהן שפּריכווערטער אויף דעם איינעם וואָרט „גאָט", וועלכֿע זענען דורכֿגעלאָזט אין בערנשטיינס קאָלעקציע,

די קרוין פֿון אַנ—סקיס טעטיגקייט אויפֿן געביט פֿון יודישען פֿאָלקלאָר, איז זיין אַקטיווסטער אָנטייל אין דער ערשטער „וויסענשאַפֿטילכֿער עקספּעדיציע אויפֿן נאָמען פֿון באַראָן האָראַץ גינצבורג צו זאַמלען די ווערק פֿון דעם יודישען פֿאָלקלאָר". די אָנפֿיהרונג פֿון דער דאָזיגער עקספּעדיציע ווערט איבערגעגעבען אַנ—סקין, און צוזאַמען מיט דעם בעקאַנטען יודישען מוזיקער יוליוס ענגעל און אַנ—סקיס פּלימעניק ה' יודאָווין בעזוכֿט ער איבער זעקס און זעכֿציק פּונקטען פֿון וואָלין און פּאָדאָליע, זאַמעלט צונויף רייכֿע קאָלעקציעס פֿון אַלטע און זעלטענע מוזיי-חפֿצים און כּתב-ידן (איבער אַכֿט הונדערט), פֿאָלקס-מעשיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים א. אַ. וו.

די דאָזיגע עקספּעדיציע—די איינציגע אין איר אַרט ביי אונז—האָט אָבגעראַטעוועט גאַנצע אוצרות יודישען פֿאָלקלאָר פֿון אומקומען אין די טעג פֿון דער וועלט-מלחמה און רעוואָלוציע, האָט אויך אַנ—סקין געגעבען אַ רייכֿען מאַטעריאַל פֿון דער יודישער פֿאָלקס-שאַפֿונג, אַנ—סקי אינספּירירט איהם משכּעות צו זיין בעריהמטען פֿאָלקלאָריסטישען טעאַטערשטיק „צווי וועל-

טען אָדער דער דיבוק״ און האָט אויך אַרויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס אין די קרײזען פון דער יודישער אינטע־ליגענץ. אַנ—סקי קלויבט זיך צו בעאַרבײטען דעם דאָזיגען אומגעהויערן מאַטעריאַל (ביז אויף פערציג בענד), אָבער עס קומט אָן די מלחמה, און צעשטערט די דאָזיגע גרויסע פּלע־נער. אַנ—סקי וואַרפט זיך מיט לײב און לעבען ארײן אין דע־ דרינגענדיגער הילפס-אַרבעט פאַר די פעראומגליקטע פון דע־ מלחמה און שפּעטער, נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע—אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון נײעם רוסלאַנד. אַזוי אַז אים בלײבט נישט קײן צײט פאַר זײן לעבענס-אויפגאַבע. בלויז אײן גרויס ווערק געלינגט אים צו שטאַנד צו ברענגען—דעם ערשטען טײל פון „דאָס יודישע עטנאָגראַפּישע פּראָגראַם״—אַלס „אויסגאַבע פון דער יודישער עטנאָגראַפּישער עקספּעדיציע אינם נאָמען פון באַראָן הערץ גינצבורג (זעלבשטענדיגע אָבהאַנדלונג פון דער יודישער היסטאָריש-עטנאָגראַפּישער געזעלשאַפט), פער־פאַסט פון ש. אַנ—סקי צוזאַמען מיט אַ גרופּע צוהערער פון דער יודישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג: ש. ווײנשטײן, א. יודיצקי, ש. לאָקשין, י. לוריא, י. נעוסיכין, י. פּיקאַנגור, י. קימעלמאַן, ירבּרבּי, א. רעכטמאַן, ש. שרײער, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם עלטסטען עטנאָגראַף בײ דעם רוסישען אַנטראָפּאָלאָגיש-עטנאָגראַפּישען מוזעאום בײ דער קײזערליכער וויסענשאַפטליכער אַקאַדעמיע ל. י. שטערענבערג.

דאָס דאָזיגע בוך (238 זײטען) פּראַכטפול אַרויסגעגעבען, געווידמעט דעם גרינדער און שטיצער פון דער יודישער עט־נאָגראַפּישער עקספּעדיציע, דעם באַראָן וולאַדימיר האָראַציע־וויטש גינצבורג, האָט אַן אומגעהויערע באַדײטונג פאַר דער יודישער עטנאָגראַפּיע. אַ חוץ אַ פאָררעדע פון ש. אַנ—סקי וועגען דער וויכטיגקײט צו זאַמלען „אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר פערבליבען פון אונזער עבר סײ אין רוחניות סײ אין גשמיות״ און כללים פאַר די זאַמלער, ענטהאַלט דאָס ווערק 2087 פראַ־גען, וואָס שעפּען אויס אַלע פאָרשטעלונגען, גלויבונגען, מנהגים פון דעם יודישען פאָלק, וועלכע זענען פערבונדען

מיט דעם בעגריף מענש זינט זיין געבוירען ביז'ן טויט, לויט דעם פאלגענדיגען פלאן: I) דאס קינד: א) דאס טראגען, ב) די הייבאם (באבע), ג) דער קימפעט, ד) בן-זכר, שלום זכר, וואך-נאכט, ה) ברית, ו) פדיון הבן, ז) דאס זויגן, די אם, ח) דאס זויג-קינד, ט) אבשערעניש, י) די ערציהונג פון קינד ביז'ן חדר; II) פון חדר ביז דער חתונה: א) דאס געוועהנען צום חדר, ב) אריינפיהרען אין חדר, ג) בעהעלפער, ד) מלמד, ה) דער חדר און סדר הלמוד אין דרדקי- און חומש-חדר, ו) דער גמרא-חדר, ז) בעשטראפונגען, ח) די זיטען פון חדר, ט) תלמוד-תורה, י) בר-מצוה, יא) דאס לערנען אין בית-המדרש, יב) די ישיבה, יג) דער לעהרער, יד) ערציהונג און לערנען פון א מיידל, טו) פריזיוו; III) די חתונה: א) שידוכים פון יונגע קינדער, ב) שדכנים, שידוך, יחוס, נדן, ג) אבלאזען א שידוך, קנין, ראשי-פרקים, תנאים, ד) חתונה-אבשטימען, גאב, מתנות, בריוו; ו) די זילבערנע און גילדערנע וואכען, אויפרופעניש, פארשפיל, ז) יום החופה, פיהרען די כלה אין מקוה, ארים-מאהלצייט, ח) כלי-זמר, בדחן, ט) דעם חתן איבערנעהמען, בעזעצענס, בעדעקענס, י) די חופה, יא) חופה-וועטשערע, שבעת ימי משתה, יב) אויסערגעוועהנליכע חופות און קדושין; IV) משפחה-לעבן: א) קעסט, שווער און שוויגער, ב) מאן און ווייב, ג) עלטערן און קינדער, ד) קרובה'שאפט, ה) עקר, עקרה, גט, גרוש, גרושה, ו) אלמן, אלמנה, עגון, עגונה, ז) ירושה, ח) א בעל-הבית, זקן, ט) עובר בטל, י) קראנקהייטען, יא) גסיסה; V) דער טויט: א) מת, חברה-קדישה, טהרה, תכריכים, לויה, ב) בית-עולם, קברים, ג) קבורה, ד) שבעה, שלשים, ה) מלאך המות, מלאך דומה, די נשמה נאכ'ן טויט, גילגול, דיבוק, ו) גיהנום, כף-הקלע, עולם התוהו, ז) גן-עדן, תחית המתים.

הגם עס איז בלויז א פראגראם פאר יודישער עטנאגראפיע אין פראגען, אבער שוין דורך די פראגען אליין איז געגעבען געווארען דאס רייכסטע מאטעריאל פאר דעם אלטען יודישען לעבענסשטייגער, און ס'איז נאר צו בעדויערן, וואס די דאזיגע גרויסע ארבייט אן-סקיס, וועלכע איז ארויס אנהויב

מלחמה איז געבליבען אומבעקאַנט דער גרויסער יודישער וועלט.

ווען אַנ—סקי איז צוליב די רדיפות פון די באָלשעוויקעס אויף דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערן, צו וועלכער ער האָט אָנגעהערט, געצוואונגען געווען צו פערלאָזען ראַטען-רוסלאַנד און איז געקומען קיין ווילנא, האָט ער אויך אין זיין נייער היים נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען פאַר דער יודישער עטנאָגראַפּיע. ער האָט געגרינדעט די יודישע היסטאָריש-עטנאָגראַפּישע געזעלשאַפט אין ווילנע (וועלכע טראָגט איצט זיין נאָמען) פערעפענטליכט איינינגע אַרטיקלען איבער יודישען פאָלקלאָר, פּלאַנט צו פערשרייבען אַ יודישע איבערזעצונג פון גאַנץ תנך לויט די טייטשען פון אַלטע מלמדים, און טראַכט וועגען די אוצרות פון יודישען פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמעלט אין זיינע עקספּעדיציעס און זיי געמוזט איבערלאָזען אין פּעטערבורג (זיי זענען עד היום דאָרט און ווערען אויפגעהיט אין דעם מוזיי פון אַלעקסאַנדער דעם III).

אַז אַנ—סקי פאָהרט שפּעטער אַריבער קיין וואַרשא, פּרובט ער אויך כאָטש עפּעס צו טון פאַר דער יודישער עטנאָגראַפיע און ענדליך געלינגט איהם צונויפצורופען אַ גרינדונגס-פערזאַמלונג צו שאַפען אַ יודיש היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין וואַרשא. אָבער דאָס איז שוין זיין לעצטע אַרבייט אויף דעם פעלד, וואָס ער האָט אַזוי פלייסיג בעאַרבייט. אויף מאָרגען נאָך דער זיצונג, מאָנטאָג, דעם 8-טען נאָוועמבער 1920, האלב אַכט אַ זייגער אין אָוועגד ווערט פלוצלינג אויסגעלאָשען זיין לעבען.

אין זיין צוואה זאָגט ער אָב אַ העלפט פון זיין פאַרמעגען אין גלייכע הלקים: דער יודישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנא, דער יודישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג און אַ עהנליכער אַנשטאַלט פון עטנאָגראַפיע אָדער אַרכעאָלאָגיע אין ירושלים.

---

* * *

אזוי ווי די אַרטיקלען, וואָס ווערן איצט פערעפענטליכט אין דעם פאָרגעלעגטען באַנד, זײַנען פון אַנ-סקין געשריבען אין פערשידענע צייטען און פאַר פערשידענע מינים לעזער (נישט נאָר פאַר לעזער פון יודיש און פון רוסיש, נאָר אויך פאַר רוסען, ווי, למשל, דער אַרטיקעל וועגען „בלוט-בלבולים" אין Русское богатство) דערפאַר חזר'ען זיך מאַנכע באַמער-קונגען און אויספיהרונגען איבער. אָבער מיר האָבען, צוליב פערשפּאָרען אַ פּאָר זייטלעך דרוק, נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות צו מאַכען אין דעם אָדער יענעם אַרטיקעל קו-פּיורען צו בעזייטיגען די איבערחזרונגען.

ז. רייזען.

# שלמה־זאנוויל ראַפּאַפּאָרט —
# אַנ - סקי
## און דער סאָציאַל־פּאָליטישער פאָלקלאָר

# א

מען ווייס, אַז אַנ-סקי איז געווען אַ באַדייטענדער קינסטלער און אַז ער האָט איבערגעלאָזען אַ היפּש ביסעל ווערק אין יודיש און אין רוסיש, וואָס מוזען פערנעהמען אַ חשובען פּלאַץ אין יעדער ליטעראַטור: מען ווייס אַז אַנסקי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איינער פון די גרינדער פון דער רוסישער „אַגראַר-סאָציאַליסטישער ליגע", שפּעטער אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען", אַז ער איז געשטאַנען זעהר נאָהנט צו דעם צענטער פון דער פּאַרטיי, אַז ער איז איז געווען אַ דעפּוטאַט פון דער פּאַרטיי אין דער פּעטערבורגער רעוואָלוציאָנערער דומאַ און שפּע-טער אין דער „גרינדונגס פערזאַמלונג."

מען ווייס, אַז אַ חוץ דעם איז ער געווען זעהר אַנ'אָנ-געזעהענער יודישער כלל טהוער; אַז ער האָט געגרינדעט דעם יודישען עטנאָלאָגישען מוזעאום און האָט אַוועקגעגעבען אַ סך צייט פּאַר דער זאַמלונג פון דעם יודישען פּאָלקלאָר (ווערטלעך, מעשה-לעך, לעגענדען, אַבערגלויבענס, שפּילען און ניגונים, וואָס זענען פערשפּרייט צווישען די יודישע פּאָלקס-מאַסען).

מען ווייס אויך, אַז אין די צייטען פון דעם קריג האָט ער זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט דער הילפס-אַרבייט פּאַר דער פון

איהרע היימען פערטריבענער יודישער בעפעלקערונג.

און די וואָס זענען געקומען אין אַ נאָהענטען פערזענליכען בעריהר מיט איהם ווייסען אויך עפּעס פון אַנ-סקין אַליין, פון דעם קרן: דער זעלטען גוטער, איידעלער, אָריגינעלער מענשליכער נאַטור זיינער.

אָבער נאָר גאָר ווייניגע ווייסען, אַז די הויפּט-בעשעפטיגונג פון זיין לעבען, דער צענטער פון זיין גייסטיגען אינטערעס איז געלעגען נישט אין דער קונסט, נישט אין דער פּראַקטישער רע-וואָלוציאָנערער און פּאָליטישער טעטיגקייט, נישט אין דער יודי-שער קהלישער עסקנות און הילפסטעטיגקייט און אויך נישט אין דעם זאַמלען פון פּאָלקלאָריסטישען מאַטעריאַל.

דאָס זאַמלען פון פאָ־קלאָריסטישען מאַטעריאַל איז פאַר אים געווען נאָר מאַטעריאַל פאַר אַ גרעסערער, טיפערער און בע-דייטענדערער זאַך, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבען מיט זיין גאַנצען האַרצען און וואָס ער האָט בעטראַכט פאַר זיין לעבענס-אַרבייט. אָט די גרעסערע זאַך איז געווען די אויסבילדונג און בעפעסטיגונג פון אַ נייער וויסענשאַפט, לכּחות פון אַ נייעם צווייג אין אַ שוין עקזיסטירענדער וויסענשאַפט — אַ וויסענסצווייג וואָס דאַרף לויט זיין מיינונג נאָך, פיהרען צו זייער וויכטיגע רעזול-טאַטען פאַר דער ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט.

אָט אויף דעם שאַפונגס-פעלד איז אַנ-סקי געווען אַמאָרי-גינעלסטען און אַמזעלבשטענדיגסטען און, לויט דער גרויס פון דעם פערנעהם און דער טיף פון דער אויפפאַסונג, דאַרף דאָ אַנ-סקי צוגערעכענט ווערען צו יענע גייסטער, וואָס האָבען זיך פאַרטראַכט וועגען די יסודות גופא פון אונזער יעצטיגער פּראָגרעסי-ווער קולטור און האָבען געזוכט פאַר איהר גאַנץ נייע וועגען.

ווען איך בין, אין אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט נעהנטער באַקענט געוואָרען — דער עיקר אויס פערזענליכע געשפּרעכען — מיט זיינע וויסענשאַפטליכע בעשטרעבונגען, האָב איך איהם פאָר-געשלאָגען, ער זאָל דעם נייעם וויסענסצווייג אַ נאָמען געבען: „פערגלייכענדער סאָציאַל-פּאָליטישער פאָלק־אָר״, און ער האָט דעם נאָמען אַקצעפּטירט.

איך ווילֿ דאָ אין קורצען דערקלֿערען, וואָס אַזוינס איז אַ פערגלייכֿענדער סאָציאַל-פּאָליטישער-פֿאָלקלאָר, וואָס איז געווען אַנ-סקיס ריכֿטונג אין אָט דעם וויסענס-צווייג און וועלכֿע האָפֿנונגען ער האָט פֿערבונדען מיט איהם.

נאָר קודם — אַ קורצען איבערבליק איבער אַנ-סקיס טעטיגקייט, וואָס וועט אונז נאָך קלאָרער מאַכֿען די בעדייטונג פֿון יענע ריין וויסענשאַפּטליכֿע שטרעבונגען פֿאַר זיין אייגענעם לעבן.

אַנ-סקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1865, איך וויים נישט גענוי צי אין וויטעבסק, צי אין אַ קליין שטעדטעל „טשאַשניק". פֿון וואַנען זיין פֿאַמיליע שטאַמט, על כל פּנים האָבען זיך זיינע עלטערען פֿריה בעזעצט אין וויטעבסק, וואו ער איז אויסגעוואַקסען און וואו ער האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פֿיס.

פֿריה איז אַנ-סקי בעקאַנט געוואָרען מיט די ליידען און צרות פֿון די אָרימע מאַסען, די יודישע און די ניט-יודישע: נישט אַזוי פֿון דעם אייגענעם לעבען — ער איז געווען אַ בן יחיד ביי אַ באַלעבאַטישער ערלעכֿער פֿרוי (דער פֿאָטער איז קיינמאָל נישט געווען אין דער היים), וואָס האָט געצויגען איר חיונה פֿון אַ שענק — ווי פֿון יענע סצענעס, וואָס ער האָט זיך אין דער קינדהייט אָנגעזען ביי זיך אין דער היים, אין דער שענק-שטוב.

פֿריה האָט אין איהם זיך אויך דערוועקט דער דורשט צו אַלגעמיין מענשליכֿער בילדונג און צו שריפֿטשטעלערישען שאַפֿען. פֿריה איז ער אויך געוואָרען אַנ'איבערצייגטער סאָציאַליסט. קוים זיבעצען יאָהר אַלט, פֿערפֿאַסט ער אין יודיש אַ גרויסע נאָוועלע פֿון דעם יודישען לעבען: „די געשיכֿטע פֿון אַ יודיש הויז", וואָס איז דערנאָך דערשינען אין אַ פֿרעמדער רוסישער איבערזעצונג אין „וואָסכֿאָד" און שפּעטער פֿון איהם אַליין איבערגעאַרבייט געוואָרען אין יודיש (געווען אָבגעדרוקט אין יודיש מיט אַ יאָהר 15 צוריק, דאַכֿט מיר, אונטער דעם נאָמען „דעם מזלס שטיפֿקינדער").

אָט די נאָוועלע איז געווען — אויב איך מאַך נישט קיין

טעות — די ערשטע ריין קינסטלערישע אַרבייט פון אַ יודישען סאָציאַליסט.

נאָך דער אויסאַרבייטונג פון די „שטיפקינדער״ פאַרשטומט אַן-סקיס קינסטלערישע מוזע אויף אַ לאַנגע צייט. וועניגסטענס, פאַרעפענטליכט ער גאָר נישט פון זיין קינסטלערישען שאַפען. ער פערלאָזט וויטעבסק און ליטע בכלל און לאָזט זיך אַוועק פריהער אין צענטראַל-רוסלאַנד (קיין יעפרעמאָוו, לעבען טולאַ) דערנאָך קיין דרום-רוסלאַנד. דאָרטען בעזעצט ער זיך אויף אַ לענגערער צייט. ער פערדינט זיין לעבען דורך לערעריי און שפעטער אויך דורך אַרבייט ווי אַן׳איינפאַכער אַרבייטער, אין די זאַלץ-מינעס, זיין גאַנצע פרייע צייט גיט ער אַוועק דער טעטיגקייט צווישען די דאָרטיגע פויערים און שאַכטיאָרן.

אין וואָס בעשטעהט די דאָזיגע אַרבייט? פיהרט ער אָן אַ סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פראָפּאַגאַנדע, ווי ער האָט דאָס געפּלאַנט? ניין. ער זאָגט זיך באַלד אָפּ פון דעם דאָזיגען פּלאַן. ער פּראָפּאַגאַנדירט גאָרנישט, ער לייענט נאָר פאַר זיי פערשידענע מעשה׳לעך און ביכלעך, וואָס זענען לעגאַל אַרויסגע-געבען געוואָרען פאַר דעם פאָלק, און לאָזט זיי אַליין זיך דורכ-שמועסן צווישען זיך און פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דעם, וואָס זיי האָבען געהערט. ער ענטפערט נאָר אויף יענע שאלות, וואָס ווערען איהם געשטעלט.

אָבער מיט זיין גאַנצער אויפמערקזאַמקייט הערט ער זיך איין אין די פויערישע געשפרעכען, זוכט זיך אַליין קלאָר צו מאַכען, ווי אַזוי דאָס אָדער יענץ ביכל איז אויפגענומען געוואָרען פון זיינע צוהערער; וואָסערע געדאַנקען דאָס האָט אַרויסגערופען אין זיי. דערביי הערט ער זיך בעזונדערס איין אין יענע לע-גענדען און פאָלקס-מעשהלעך וועלכע די פויערים דערצעהלען ביי דער אָדער יענער געלעגענהייט.

געקומען אַהיים פערשרייבט ער דאָס געהערטע און גע-זעהענע אין זיין טאָג-בוך, שטודירט די גאַנצע רייכע רוסישע ליטעראַטור, וואָס איז געווידמעט דעם ענין פון פאָלקסבילדונג, בעזונדערס די לעגאַלע „נאַראָדניקעס״ — פאַר-

גלייכט די רעזולטאַטען, וואָס אַנדערע האָבען אויסגעפונען, מיט זיינע אייגענע, פערגלייכט די הערשענדע מיינונג וועגען דעם פאָלק, זיין שאַפען, און זיין ווילען מיט יענע פאַקטען, וואָס אַנטפּלעקען זיך פאַר אים טאָג נאָך טאָג (ריכטיגער: אָוועגט נאָך אָוועגט). ביסלעכווייז זאַמעלט זיך ביי איהם אָן אַנ׳אומגעהויער רייכער מאַטעריאַל, וואָס פיהרט איהם צו גאַנץ אַנדערע שלוסען בנוגע דעם פאָלק און „די נשמה פון פאָלק״, ווי אויך בנוגע דער פראַגע וועגען אינטעליגענץ און פאָלק, איידער די, וואָס האָבען געהערשט ביי די נאַראָדניקעס, סיי ביי זייערע געגנער.

אַ טייל פון יענע רעזולטאַטען פערעפענטליכט ער אונטער דעם נאָמען: „אָטשערקי נאַראָדנוי ליטעראַטורי״ (עטיודען וועגען דער פאָלקסליטעראַטור) פריהער אין דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, דערנאָך אין אַ בוך.

דאָס בוך מאַכט נישט קיין בעזונדערען רושם אויף דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, פאַר וועלכער ער איז אייגענטליך געווען בעשטימט. אָבער נישט קיין קלענערער געלערנטער ווי פּיפּין (טשערנישעווסקיס בוזים פריינט, דער ביאָגראַף פון ביעלינסקי און טשערנישעווסקי און אַליין אַ ספּעציאַליסט אין סלאַווישען פאָלקלאָר) פעראינטערעסירט זיך מיט דעם בוך און ווידמעט איהם צוויי גרויסע אַרטיקלען אין דעם „וויעסטניק יעוראָפּי״ אונטער דעם נאָמען „נעאָ נאַראָדניטשעסטוואָ״ (ניי פאָלקסטימלערטום״). פּיפּין האָט דערשפּירט אַ נייע ווענדונג צו דעם פּראָבלעם פון פאָלקסטימלערטום, אַ ניי וואָרט. איז דאָס נייע וואָרט אַנ־סקיס געקומען צו פריה, אָדער צו שפּעט? אפשר ביידע זאַכן אינאיינעם. ווי אַ טעאָרעטישע ריכטונג פאַר דעם רוסישען רעוואָלוציאָנערען געדאַנק — צו שפּעט. ווי אַנ׳אַלגעמיינער קולטור־פילאָזאָפישער בליק — אפשר צו פריה.

אויף דעם סמך פון דעמזעלביגען, דעמאָלט אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל פערעפענטליכט אַנ־סקי אַ צווייטע אַרבייט: „נאַראָד אי קניגאַ״ („דאָס פאָלק און דאָס בוך״) און נאָך שפּעטער (אין די „פריהייטס־צייטען״ פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע) אַ מערקווירדיגע אינטערעסאַנטע שטודיע: „נאַראָד אי צאַר״

(„דאָס פאָלק און דער קיסר״). פאַר דער לעצטער אַרבייט האָט אַנ-סקי געהאַט אויסצושטעהן אַ פּראָצעס, און דאָס בוך גופא איז אונטערדריקט געוואָרען פון דער רעגירונג. צו דעם זעל-ביגען פעריאָד פון אַנ-סקיס שאַפען דאַרף מען אויך צורעכענען זיין נאָוועלע „אָוצי״ („שעפסען״) וואָס איז שוין געווען אָפּגע-דרוקט אין דעם זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ״ פון 1892, נאָר האָט געמוזט אַרויסגעריסען ווערען אויף דעם בעפעל פון דער צענזור.

אין 1892 פערלאָזט אַנ-סקי רוסלאַנד און נאָך אַ קורצען בעזוך אין בערלין און שווייצאַריע, בעזעצט ער זיך אין פּאַריז. זיין לעבען פערדינט ער פריהער, ווי אַן איינבינדער, דערנאָך ווי אַ פּריוואַט-סעקרעטאַר ביי דעם בעריהמטען רוסישען געלער-טען סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער פּיאָטר לאַווראָוו. אַנ׳ערך אַ צעהן יאָהר פערבלייבט ער אין פּאַריז. וואָס איז זיין הויפּטבעשעפטי-גונג אין אָט דער צייט?

ער שטעהט אין נאָהענטער בעציהונג צו די רעוואָלוציאָנע-פּאַרטייען און שטרעמונגען, אָבער נעמט נישט קיין אַקטיווען אָנטייל אין קיינער פון זיי. ער „זינדיגט״ פון צייט צו צייט מיט אַ בעלעטריסטיש ווערק אָדער אַנ׳אַרטיקל אין אַ זשורנאַל, אָבער אַלץ טאַקע אויף דעם סמך פון פריהערדיגע זכרונות און מאַטעריאַלען, וואָס זענען געווען אָנגעקליבען אין רוסלאַנד. זיין הויפּטאינטערעס ווערט צוגעצויגען דורך אַ נייעם און אין דער זעלבער צייט אַלטען טעטיגקייטס פעלד: ער רייסט זיך בעקאַנט צו ווערען מיט די גייסטיגע שאַפונגען פון די פראַנצויזישע פאָלקסמאַסען, ווי ער איז בעקאַנט געוואָרן אין רוסלאַנד מיט די שאַפונגען פון די רוסישע פאָלקסמאַסען.

ליידער איז פאַר איהם אונמעגליך צו געהן אין די פראַנ-צויזישע דערפער און שאַכטעס, כדי דאָרטען צו זאַמלען זיין מאַטעריאַל, מוז ער דאָס זוכען אין די ביכער. אין פראַנקרייך איז שוין פון לאַנג אָן געזאַמעלט געוואָרען און אַרויסגעגעבען געוואָרען דער פראַנצויזישער פאָלקלאָר, שאַפט ער זיך אָן פון זיינע קאַרגע פערדינסטען אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון ביכער, ווע-

מענס נעמען קיין אַנשטענדיגער ראַדיקאַל האָט קיינמאָל נישט געהערט, און גראָבט זיך אין זיי און פערטיפט זיך אין זיי. — מיר וועלען שפּעטער זעהן, וואָס עס האָט איהם געצויגען אַהין און וואָס ער האָט דאָרטען געזוכט.

אין דעם יאָהר 1901 אָדער 1902 זענען זיינע שטודיען אָט אויף דעם פּעלד שוין געוועזן אַזוי ווייט אויפגעקלערט, אַז ער האָט זיך שוין געקאָנט נעמען פאַר דער אויסאַרבייטונג פון אַ גרעסערען וויסענשאַפטליכען ווערק, אונטער דעם נאָמען: „דער פּערגלייכענדער סאָציאַל-פּאָליטישער פּאָלקלאָר״, אין וועלכען עס זאָלען אַריינגעאַרבייט ווערען זיינע רוסישע און פראַנצויזישע מאַטעריאַלען, ווי אַן אילוסטראַציע צו זיינע גרונט-געדאַנקען. דאָס ווערק האָט געזאָלט דערשיינען אין דער דייטשער שפּראַך, אין „דעם אַקאַדעמישען פאַרלאַג פאַר סאָציאַ.ע וויסענשאַפטען״ אין וועלכען איך בין דעמאָלט געוועזן אַ שתּוף און דער וויסענשאַפטליכער רעדאַקטאָר.

עס איז אָבער נישט בעשערט געווען, אַז דאָס וויסענשאַפטליכע ווערק זאָל אויסגעאַרבייט ווערען. נאָך לאַווראָווס טויט פערלאָזט אַנ-סקי פּאַריז און בעזעצט זיך אין שווייצאַריע, אין דער קאָלאָניע, רוישיגער רעוואָלוציאָנערער קאָלאָניע. אין יענער צייט האָט אין רוסלאַנד זיך גענומען הויבען דער רעוואָלוציאָנערער געוויסער. אַלץ העכער און העכער האָבען גענומען געהן און ברויזן זיינע וואַלן. עס איז נישט געווען קיין צייט פאַר רוהיגער וויסענשאַפטליכער אַרבייט.

אַנ-סקיס טעטיגקייט אין אָט דער צייט איז אַ ריין ליטעראַרישע און רעוואָלוציאָנערע. ער גרינדעט—מיט נאָך אַנדערע—די אַגראַר סאָציאַליסטישע ליגע. ער טרעט אַריין אין דעם „פּערבאַנד פון די רוסישע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען״. נאָך גערשונים קומען פון אויסלאַנד גייט ער אַריין — אין איינעם מיטן גאַנצען פערבאַנד — אין דער ניי-געגרינדעטער פּאַרטיי. באַלד נעמט ער איבער די פיהרונג פון איהר יודישער אָפּטיילונג. ער האָט פיל צו טהון מיט גאַפּאָנען. נאָך דעם מאַניפעסט פאָרט ער אַריבער קיין רוסלאַנד און איז טעטיג אין אַלע אַרבייטען פון

דער פּאַרטיי — דערהויפּט אויף דעם זשורנאַליסטישען געביט. אָט די פּאָר יאָהר פון 1902 ביז 1908 זענען אויך די רייכסטע אין זיין בעלעטריסטישען שאַפען. ער שרייבט אָן דעם „אשמדי״ און זיינע בעסטע רוסישע נאָוועלען, שרייבט יודישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע לידער און רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאַטירען. שפּעטער, אין פּעטערבורג, שטעלט ער צונויף זעהר אינטערעסאַנטע רוסישע „פאָלקסקאַלענדאַרען״, וואָס האָבען דעם צוועק דעם קאַמף אַנטקעגען דער שוואַרצער מאה און די פּראָפּאַגאַנדע פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערליכקייט. — די פאָלקלאָריסטישע אַרבייט ווערט אָפּגערוקט אָן אַ זייט:

ערשט אַרום 1908 דערוועקט זיך ביי איהם ווידער דער אינטערעס צו איהר, אָבער שוין בנוגע אַ גאַנץ אַנדער פאָלק. אין דעם אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט, בעת זיין זיין אין שווייצאַריע, קערט זיך אַנסקי אום צוריק צו זיין יודישען פאָלק, וועלכען ער האָט פערלאָזט אין דעם אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען. ער איז, פערשטעהט זיך, געוואָרען אַ יוד נישט צוליב דעם יודישען פאָלקלאָר. ריין נאַציאָנאַלע מאָטיווען זענען לעבעדיג געוואָרען אין זיין ברוסט און האָבען איהם געבראַכט אַהיים. אָבער דאָס יודישע פאָלקסשאַפען האָט דערביי לגעשפּיט אַ בעדייטענדע ראָליע. וואָס נעהנטער ער איז געוואָרען צו די פּראָבלעמען פון דעם יודישען לעבען, אַלץ מעהר זענען אָפּגעפרישט געוואָרען אין זיין ערינערונג יענע עלעמענטען פון דעם יודישען פאָלקלאָר, וועלכע ער האָט אויפגענומען אין זיינע קינדערישע און יונגלישע יאָהרען און אויף וועלכע ער האָט זיך צופעליג אָנגעשטויסען אין דעם שפּעטערדיגען לעבען. און וואָס אָפּגעפרישטער עס זענען ביי איהם געוואָרען די ערינערונגען וועגען יודישען לעבען און וועגען יודישען פאָלקסשאַפען אַלץ מעהר צוגעבונדען האָט ער זיך געפיהלט צו זיין פאָלק און צו זיינע ,עבענס-נויטען און פּראָבלעמען, אַז יעדע מחיצה צווישען איהם און פאָלק איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען סיי אין געדאַנק, סיי אין געפיהל.

עס איז פאַר אַנ-סקין געווען נישט מעהר ווי נאַטירליך, אַז דיזעלביגע פראָבלעמען, וואָס האָבען אַזוי פער׳עקשנט בעשעפטיגט זיין געדאַנק בנוגע דעם רוסישען און פראַנצויזישען פאָלק, זאָלען אויפסנייי אַרויפשווימען אין דער פערבינדונג מיט זיין נייעם נאַציאָנאַל-יודישען „אני מאמין״. אָבער דער יודישער פאָלקלאָר, ווי אַ סיסטעמאַטיזירטער וויסען וועגען דעם יודישען פאָלקסשאַפען, איז נאָך גאָר נישט געווען געבוירען. דער מאַטעריאַל דערצו האָט נאָך ערשט געדאַרפט צונויפגעקליבען ווערען פון דעם פאָלקס ליפען, און דאָס האָט אַנ-סקין געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם יודישען פאָלקס-מוזעאום און צו זיין פאָלקלאָריסטישער עקספעדיציע איבער די יודישע שטעט און שטעטליך. זיינע זאַמעל אַרבייטען אויף דעם געביט זענען געווען, ווי ער האָט מיר דערצעהלט, אונגעהויער ערפאָלגרייך. די אוצרות, וואָס ער האָט געפונען צעשפּרייט און פערוואָרפען אומעטום, האָבען אַריבערגעשטיגען אַלע זיינע ערוואַרטונגען. ער האָט געשעפט פון פולן און האָט געהאָפט, אַז איהם וועט זיך איינגעבען צונויפצוקליבען אַזוי פיל מאַטעריאַל, אַז ער וועט קאָנען מיט זיי אַוועקלעגען דעם יסוד פאַר דער יודישער פאָלקלאָריסטישער וויסענשאַפט.

דער וועלט-קריעג האָט איבערגעריסען אַלע זיינע האָפנונגען. אויף דער יודישער היים האָט זיך אַ גאָס געטהון די ברענענדיגע לאַווע פון דעם אויסגעבראָכענעם וואולקאַן און האָט אַרויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונט די אויפגאַבען פון אונמיטעלבאַרער הילף.

די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען זענען אַלעמען בעקאַנט. מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט אַנ-סקי פערלאָזען רוסלאַנד. זיינע עטנאָלאָגישע זאַמלונגען און פאָלקלאָריסטישע מאַנוסקריפּטען האָט ער איבערגעלאָזען אין מאָסקווע אין זיכערע הענט.

ווי מיר זעען פון אָט דעם אייליק אָנגעוואָרפענעם ביאָגראַפישען עסקיז, פערנעמט זיין פאָלקלאָריסטישע טעטיגקייט דעם אויבענאָן אין זיין לעבען און שטרעבען. דער גרויסער

פעריאָד פון 1882 ביז 1902 ד. ה. אין משך פון אַ צוואַנציג יאָהר, איז כמעט אינגאַנצען אויסגעפילט מיט פאָלקלאָריסטישען אינטערעס. און פון דעם לעצטען פעריאָד אין רוסלאַנד שטעהען פאַר איהם די זעקס יאָהר, פון 1908 ביז 1914, אונטער דעם צייכען פון אַן׳אינטענסיווער פאָלקלאָריסטישער טעטיגקייט.

לאָמיר דעריבער זעהען קלאָר צו ווערען אין דעם „כשוף״, וואָס האָט צוגעצויגען צו זיך דעם גרעסטען טייל פון אַנ־סקיס לעבענס־ענערגיע.

## ב

די אַלטע וועלט האָט נישט געהאַט קיין ריכטיגע פאָר־שטעלונג וועגען אַ קאָלעקטיווען גייסטיגען שאַפען פון דעם פאָלק. די היסטאָריש קלאָרע ערינערונגען פון דער מענשהייט הויבען זיך אָן אין אַזאַ צייט, ווען די איינציגע אינדיווידואומען האָבען זיך שוין גאַנץ בולט אַרויסגעשיידט פון דער מאַסע צו וועלכער זיי האָבען געהערט און ווען די בערייכערונג פון דער קולטור איז פערגאַנגען אויף דעם חשבון פון דעם אינדי־ווידואומס אייגענע אויפטואונגען.

פאַר אַלעמענס אויגען איז אויפגעשטאַנען דער אָדער יענער געזעצגעבער, מיט אַ בעשטימטען נאָמען, וואָס האָט דורכגעפיהרט די אָדער יענע רעפאָרמען אין געזעץ: דער אָדער יענער קריגערישער העלד, וואָס האָט געפיהרט זיינע מחנות צו זיעג אָדער מפלות: דער אָדער יענער דיכטער וועמענס לידער עס האָבען בעצויבערט די צוהערער: דער אָדער יענער נביא אָדער דענקער, וואָס זייער גייסטיגע ירושה איז מיט רעכט פערשריבען געוואָרען אויף זייער נאָמען.

אַלע ענדערונגען אין אַלע צווייגען פון דער קולטור, אויף וועלכע מען האָט געהאַלטען אַנ׳אויג, זענען געמאַכט גע־

וואָרען פון אויסערגעוועהנליכע איינצעל-מענשען, אַ דאַנק זייער אייגענעם אויסערגעוועהנליכען טאַלענט. אָט דער עמפּיריש בעמערקבאַרער פאַקט וואָס האַלט אָן עד היום, האָט שוין אין גאָר די אַלטע צייטען, — ד. ה. אין דעם אָנהויב פון היסטאָרישען דענקען ביי דער מענשהייט, — געפיהרט צו אַ טאָפּלטער אילוזיע, וואָס ווערט אויך נאָך אָפט אָנגעהאַלטען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

די ערשטע אילוזיע בעשטעהט אין דעם גלויבען, אַז דאָס איז אַלעמאָל אַזוי געווען. תמיד, מיט דעם ערשטען בליאַסק פון דעם בעוווסטזיניגען דענקען, זענען געווען גאָט-געבענשטע יחידים, וואָס האָבען מיט דער מאַכט פון זייער געדאַנק, אַליין געבראַכט עפּעס אַ נייעס, — אַ נייע ערפינדונג אין דער טעכניק, אַ נייעם געזעץ, אַ נייעם געדאַנק, און די גאַנצע איבעריגע וועלט האָט דאָס איבערגענומען פון זיי.

נאָר דאָרטען, וואו דער מענשליכער שכל פלעגט בלייבען שטעהן אַ פערוואונדערטער אין דער בעטראַכטונג פון אַ וועלכען עס איז אויפטהו, — דער ערפינדונג פון פייער אָדער פון דעם ערשטען צוועגגל, — אָדער פון אַ צו הויכער רעליגיעזער שאַפונג — פלעגט ער אָט דעם וואונדער ערקלערען, ווי אַלע „וואונדער” איבערהויפּט: דורך דער אַריינמישונג פון אַנ׳איבערנאַטירליכער קראַפט, אַ גאָט, אַ האַלב-גאָט, אַ מלאך, וואָס האָט די אַלע וואונדערליכע זאַכען „ענטפּלעקט” און איבערגעגעבען דער מענשהייט.

אַזוי איז עס געוואַקסען דער גלויבען, אַז אַלץ וואָס איז דאָ אין דער מענשליכער קולטור, איז בעשאַפען געוואָרען פון דעם געניאַלען יחיד, אָדער פון די געניאַלע יחידים אויף אַ בעוואוסטזיניגען קלאָרען שכלדיגען אופן, און די לעגענדע האָט אונטערגעכאַפּט אָט דעם גלויבען און האָט אונבעוואוסט אויסגעשפּינען פערשיעדענע האַלב און גאַנץ-וואונדערבאַרע ערצעהלונגען, וואָס זאָלען ערקלערען, וואָס פון וועמען עס שטאַמט אין דער מענשליכער קולטור.

עס איז דערביי זעהר כאַראַקטעריסטיש אַפילו ד י א ו י ס אַ ר-

ב ײ ט ו נ ג  פ ו ן  ד ע ר  מ ע נ ש ל י כ ע ר  ש פ ר אַ ך, — יענעם גרעסטען װאונדער פון דעם האַלב-אונבעװאוסטען קאָלעקטיװען פאָלקס-שאַפען, — האָט אויך נישט אַרויפגעפיהרט די אַלטע װעלט אויף דעם דאָזיגען ענין. אין גריכנלאַנד, למשל, האָבען די מערסטע פילאָזאָפען גערעכענט, אַז די שפראַך איז אַרײנגעפירט געװאָרען אין לעבען, װי אַנ׳ערפינדונג, דורך דעם הסכם, דעם בעװאוסטזיניגען אָפּמאַך, פון א סך מענשען.

זענען געװען, הײסט עס, מענשען פריהער אָן אַ שפראַך. איז אײנעם אַרײנגעפאַלען אַ געניאַלער געדאַנק: װאָס דאַרפען מיר זיך פערשטענדיגען אײנער מיט דעם אַנדערען דורך מימיק און פינגער-לשון, — אַ מער, לאָמיר זיך פרובען בעסער פער-שטענדיגען דורך די קלאַנגען פון אונזער קול: װעלען מיר זיך בעסער קענען „צונויפרעדען". איך שלאָג פאָר, ברידער, מיר זאָלען אַלע חפצים, זאַכען און ענינים בעצײכענען מיט בעזונ-דערע נעמען, מיט װערטער, װעלען מיר ערשט דעמאָלט װיסען אויף װאָסער װעלט מיר זענען. איך שלאָג אײך פאָר, ברידער, אַז אָט די זאַך זאָלען מיר רופען „בוים" און יענע זאַך — „טיש". װערט אַ גערודער און אַ געפילדער. אַ טײל טענה׳ט און באַװײזט מיט הױכע מליצות, אַז דער נײער אױסטראַכט איז אַ פּידרעך און געהט להיפוך צו אַלע הײליגע טראַדיציעס פון דער מענשהײט: עס איז קײנמאָל נישט געהערט געװאָרען אַזױנס, אַז מענשען זאָלען זיך פערשטענדיגען דורך קלאַנגען פון אַ שטים. אַנדערע װידער זענען מסכים מיט דער אידעע פון אַ „דבור אנושי", — מענשען זאָלען רעדען מיט אַ שפראַך, אָבער זענען בשום אופן נישט מסכים, אַז גראָד אָט דאָס זאָל זיך רופען „בוים" און גראָד יענץ זאָל גאָר הײסען „טיש". לפי עניית דעתם קומט אויס, אַז אדרבה: פונקט פערקערט. סוף כל סוף זענען גובר די „שפראַכיסטען", מען שטימט אָפּ, װאָס זאָל זיך רופען װי, און מען קלױבט אױס אַ קאָמיסיע, װאָס זאָל אױסאַרבײטען אַ גראַמאַטיק פאַר דער שפראַך, װײל אָן אַ דקדוק װעט דאָך דאָס זײן — װי איר פערשטעהט אַלײן — נישט קײן שפראַך, נאָר אַ „זשאַרגאָן".

שוין אין יענע אַלטע צייטען, זעגען וועלכע איך רעד, האָבען אַ סך געשפּירט די אונמעגליכקייט פון דעם „הסכם“-געדאַנק, אַז מענשען אָן אַ שפּראַך זאָלען זיך „צונויפרעדען“, ווי מען זאָל אַריינפיהרען אַ שפּראַך אויף צונויפרעדען זיך, פון וועלכע קלאַנגען זי זאָל בעשטעהן, אויף וועלכע זאַכען די אָדער יענע קלאַנגען זאָלען אָנגעווענדט ווערען און וועלכע גראַמאַטיקאַלישע כללים מען זאָל אָפּהיטען ביי דעם געברויך פון די קלאַנגען.

עס איז דעריבער אויסגעוואַקסען דער געדאַנק, אַז שפּראַך איז אַ נאַטור-זאַך. דער מענש ווערט פון דער נאַטור געבוירען מיט דער פעהיגקייט צו רעדען און צו פערשטעהן אַ גערעדט וואָרט, ווי ער ווערט געבוירען מיט דער פעהיגקייט צו געהן אויף צוויי פיס און צו בענוצען זיינע הענד. דער מענש איז אַ „מדבר“ (מעדאַבער), ווי מען האָט דאָס שפּעטער פאָרמולירט. און די זעלביגע פאָרשטעלונג האָט פאָרגעשוועבט אויך פאַר דעם מחבר פון יענער שטעל אין חומש, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז ווי נאָר גאָט האָט בעשאַפען אדמ׳ען, אַזוי האָט ער צוגעפיהרט צו איהם אַלע חיות און עופות, און אדם האָט זיי געגעבען „נעמען“.

וואַרפט מען אָבער אַראָפּ פון חשבון אַזעלכע וואונדערליכע ערשיינונגען, ווי די שפּראַך, אָדער אַנדערע שווער דערקלערבאַרע קולטור-פּראָדוקטען, וואָס צוליב זיי האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו דער הילף פון דער „נאַטור“ אָדער דער „איבער-נאַטור“, איז פאַר אַלע געוועהנליכערע פענאָמענען פון דעם מענשליכען פּראָגרעס געלעגען אַ פאַרטיג אָנגעגרייטע ערקלערונג: דער יחיד און זיין שכל׳דיגער איינפאַל. אָן „לייזרעליען“ מיט זיינע „פּעטענס“, האָט מען געגלויבט, קען זיך די מענשליכע קולטור נישט אַ ריר טהון פון אָרט. און דאָס פּלעג אייך אַלע מאָל בעשטעטיגט ווערען דורך דער טאָג-טעגליכער ערפאַרונג פון דעם מענשליכען פּראָגרעס.

די צווייטע אילוזיע, וואָס איז פערבונדען מיט אָט דעם בליק, געשעפּט פון דער איבערפלאַך פון דער מענשליכער קול-

טור, בעשטעהט אין דעם, וואָס מען שטעלט זיך אָפּט פאָר, אַז דאָרטן וואו דעם יחידס ראָ׳יע אין בעשאַפען עפּעס נייעס ליגט אַזוי קלאָר אויף דער האַנט, איז טאַקע דער יחיד דער איינציגער בעשאַפער פון דער נייעס: אַז ער באַשאַפט אַ „יש מאין״; און די גרויסע מאַסען, צו וועלכע דער יחיד געהער, מיט וועמענס לעבען ער לעבט, וועמענס געפילען, געדאַנקען, זיטען און מנהגים עס רינגלען איהם אַרום מיט אַנ׳אייגענאַרטיגער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אַטמאָספערע, — האָבען קיין ברעקעל חלק נישט אין דעט געניאַלען „פּעטען״, וואָס ער ברענגט אַרויס. און עד היום זענען נאָך די דענקער וואָס געהען מיט דער שיטה פון אַ קאַרלייל עמערסאָן אָדער ניטשע, אַז די קולטור איז אַ פּראָדוקט פון דעם שאַפענדען געניאַלען אינדיווידואום, און אַז די מאַסען, — די פיל-צו-פילע, — ווי ניטשע רופט זיי אָן — זענען — מיט עמערסאָן צו רעדען — נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ „מחנה פליי״, אָדער „צערונענער קעז״.

פון אַזאַ שטאַנדפונקט איז גאַנץ נאַטירליך, אַז מען זאָל זיך אַ ברעקל נישט אינטערעסירען מיט יענע שאַפונגען, וואָס ווערען געבוירען אין דער שויס פון די פאָלקס-מאַסען, פון דעם המון-עם און פיהרען אין איהם אַנ׳אייגענאַרטיגען לעבען. אויף וויפיעל מען קען אין יענע שאַפונגען ענטפּ׳עקען אַ ניצוץ פון אמתער מענשליכער געניאַליטעט, זענען זיי, על פי סברה, אַלע מאָל געוועזען אַ פּראָדוקט פון אַ וואָסער עס איז איינצעל-זשעני, וועמענס נאָמען עס איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם פאָלקס-ים. און אויף וויפיעל יענע שאַפונגען זענען אַ פּראָדוקט פון אַ געמיינשאַפטליכען גייסט, וואָס הערשט אין די מאַסען, זענען זיי געוויס אָנגעמאָסטען אָן יענעם אינטעלעקטועלען צושטאַנד, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ „מחנה פליי״, אָדער אַ „צערונענעם קעז״. דער קירצסטער אויסדרוק פאַר דעם אינטעלעקטועלען ווערט פון דעם פאָלקס-שאַפען איז געשמידט געוואָרען דורך דעם פאָלקס-שאַפען גופא, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס ווערטעל, אַז „דער עולם איז אַ גולם״.

ערשט אין דעם נייננצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך גע-

נומען בייטען דער בליק אויף דעם מהות און דעם ווערט פון דעם שאַפענדען „עולם”. נייע געזיכטס־פונקטען האָבען זיך דאָ אויפגעעפענט פאַר דעם פאָרשערס אויג, און אָט די נייע געזיכטס־פונקטען הויבען אָן זעהר לאַנגזאַם און נישט אויף אַלע פּע׳דער פון דעם מענשענס וויסען מיט אַ גלייכען אימפּעט — אַריינצודרינגען אין די מוחות פון דער געבילדעטער וועלט — אַ דאַנק דעם געדאַנקען־שטראָם, אַרויסגעבראַכט אין דייטשלאַנד פון אַ הערדער, אַ שעלינג, אַ העגעל, וואָס אין זייערע פילאָזאָפיעס האָבען מעכטיג געשלאָגען די לעבעדיגע שליסלען פון שפּינאָזאַס „סובסטאַנץ”, איז געפאַלען אַ גאַנץ נייער ליכט־שטראַל אויף דעם תּוך פון די פאָלקס־מאַסען און זייער ראָליע אין דער ענטוויקלונג פון דעם גאַנצען מענשליכען פּראָגרעס.

לויט שפּינאָזאַן קען קיין איינצעל־זאַך אין דער וועלט נישט פיהרען קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, נישט זיין קיין „יש בפני עצמו”. אַלע איינצעל־זאַכען, ווי זעלבסטשטענדיג זיי זאָלען זיך נישט אויסדאַכטען, זענען, אין תּוך אַריין, צו־נויפגעגאָסען אין איינעם אין איין איינציגען וועלט־ים, אין איין איינציגער געטליכער ד. ה. שאַפענדער וועלט־סובסטאַנץ. דער איינצעל־מענש, ווי יעדע איינצעל־זאַך, איז נישט מעהר ווי אַ כוואַליע, וואָס בעשטעהט פון דער זעלביגער וועלט־סובסטאַנץ. די כוואַליע הויבט זיך נאָר אויף אויף אַ ווײַלע פון דעם אַל־געמיינעם וועלט־ים און גיסט זיך מיט איהם ווידער צונויף.

טראָגט מען אַריבער אָט דעם פילאָזאָפישען גרונט־געדאַנק פון דער וועלט בכלל אויף דער וועלט פון דעם מענשליכען לעבען, איז דעמאָלט דער ים — דאָס פאָלק, די קאָמפּאַקטע מאַ־סען און די כוואַליע איז דער איינצעלנער מענש. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט קען שוין נישט זיין קיין גרויסער פּרינציפּיעלער חי׳וק צווישען מאַסען און געניאַלע יחידים. מען קען נישט פערגלייכען די מאַכען צו אַ „מחנה פליי” און די זשעניען, זאָגען מיר, צו בעפליגעלטע מלאכים. זיי ביידע זענען פון דער זעלביגער סובסטאַנץ. און ווי הויך דער איינצעל־מענש זאָל זיך גישט אַרויסהויבען פון זיין ים, — ער מעג אַרויפשפּריצען ביז

צו דער הויך פון אַ „לבנה-קושער״, ווי זעהר אַ הויכער וואַל-ווערט אָנגערופען ביי די אַמעריקאַנער מאַטראָזן, — איז זיין מהות דער זעלביגער, וואָס דעם ימ׳ס און זיין גאַנצער יש איז בעשטימט דורך יענע געזעצען, וואָס בעהערשען דעם וואַלען-גאַנג פון דעם ים.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער דערפון אויך געדרונ-גען, אַז דאָס פאָלק אין זיך גופא, אָן אַ ברעקעל דיפערענצירונג און געבענשטע איינצעלנע אינדיווידוען, איז אויך נישט אַט יענע געדיכטע גליטשיגע מאַסע, וועלכע עמערסאָן האָט געגליכען צו „צערונענעם קעז.״ ים איז ים: אויך ווען ער איז שטיל און רוהיג און עס זעהען זיך נישט אויף איהם קיין בערג און טאָלען פון דעם אויפגערודערטען וואַלען-גאַנג. ים איז ים. פאָלק אין זיך גופא איז די פערקערפערונג פון דער געטליכער, ד. ה. אייביג שאַפענדער, וועלט-סובסטאַנץ.

נאָר אַזאַ שפינאָזיסטישער בליק האָט געקענט פיהרען צו אַ פערשטענדעניש פון דעם פאָלק און זיין שאפען. זינט הער-דערן האָט מען זיך גענומען אינטערעסירען מיט דער „תורה שבעל פה״, וואָס לעבט ביי יעדען פאָלק: מיט די שעהנקייטען פון זיין שפראַך, מיט דער קלוגשאַפט פון זיינע ווערטלעך און שפּרוכען, מיט דעם שכל, וואָס שטעקט פערבאָרגען אין זיינע מנהגים און אין זיין לעבענס-פיר. עס איז געבוירען געוואָרען דער „פאָלק-לאָר״, ווי אַ בעזונדער צווייג פון דער מענש-ליכער פאָרשונג.

אָבער — ווי אַזוי שאַפט, דאָס פאָלק? ווי זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען דעם פראָצעס גופא פון אַ קאָלעקטיווען גייס-טיגען שאַפען?

מיר קאָנען דאָ לאָזען אָן אַ זייט אַלע ריין מעטאַפיזישע ערקלערונגען, ווי למשל, די וואָס נעמען אָן, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין רוחניותדיגע מאַכט, — אַנ׳אויסער- און איבער-מענשלי-כער גייסט, — אַ „רוח הקודש״, אָדער „פאָלקס-גייסט״, וואָס ווירקט אין די מאַסען און דורך די מאַסען, און נאָר דורך זיי.

ס׳איז אמת, אַז אין דער לעצטער צייט האָבען אַזעלכע מעטאַפיזישע אָנשויאונגען ווידער גענומען געווינען קרעדיט אין דער פאָרשער-וועלט, אַ דאַנק די ריין נאַטור-וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען פון אַ פאַבר אין דער ענטאָמאָלאָגיע און אַ דאַנק די פילאָזאָפישע אַרגומענטען פון אַ בערגסאָן, וואָס זוכט צו זיין אַזוי נאָנט צו דער ריינער וויסענשאַפט, אויף וויפיעל דאָס איז נאָר מעגליך.

אָבער אָט דער ריין מעטאַפיזישער געדאַנק פון אַנ׳אויסערמענשליכען גייסט, וואָס ווירקט אין די מאַסען, — איז ביי זיין גרויסקייט און וויכטיגקייט, ביי דער גאַנצער שטיצע, וואָס ער הויבט אָן צו געפינען ביי ריין וויסענשאַפטליכע פאָרשער, נאָך אַזוי טונקעל און אומדערקלערבאַר, הענגט נאָך אַזוי אין דער לופטען, אַז עס איז אַ חוב פאַר יעדען פאָרזיכטיגען דענקער, נישט אָנצווענדען איהם ווי אַ ווירקליכען דערקלערונגס-מיטעל, כל זמן מען קאָן אויסקומען אָן איהם, און נישט צוגעבען איהם אין דער וויסענשאַפט קיין איינציגע הנחה, סיידען מען ווערט געצוואונגען דערצו דורך די קלאָרע עדות פון די פאַקטען.

פאַר דער דערקלערונג פון יענע פאַקטען, מיט וועלכע עס בעשעפטיגט זיך די פאָלקלאָריסטישע וויסענשאַפט, — די לערע וועגען פאָלקס קאָלעקטיווען שאַפען, — קאָנען מיר אָבער דערווייל אויסקומען אָן דער הילף פון אַ טראַנסצענדענטאַלען, די מענשליכע וועלט אַריבערשטייגענדען ספּיריטואַליזם, און מיר ווערען ערגעץ נישט געצוואונגען דורך די עדות פון די פאַקטען ערנסטליך זיך צוצוהערען צו איהם.

צוויי וועגען שטעהען פאַר אונז אָפען, כדי צו דערקלערען דעם פּראָצעס פון דעם פאָלקס-שאַפען, און די מערקווירדיגע-גייסטיגע רייכקייט פון יענע אוצרות, וועלכע אַזאַ שאַפען ברענגט אַרויס.

איין וועג איז — די פאָרשטעלונג פון אַ געוועהנליכען בשותפותדיגען טראַכטען פון אַ סך אינדיווידואומען, וואָס לעבען אין איינעם און טוען זייער אַרבייט אין איינעם.

אַ פשוטערביישפּיעל וועט דערקלערען דעם ענין. אין אַ געיעג, וואָס אַ יעגער-שבט האָט דורכגעפיהרט, איז געפאַלען ווי אַ קרבן איינער פון זיינע העלדענהאַפטסטע זין. דער שבט ברענגט איהם צו טראָגען צוריק אין דאָרף, און די עלטסטע זעצען זיך אַרום אַרום איהם און בעוויינען איהם.

אַ לאַנגע צייט זיצט מען שטיל, פערזונקען אין צער. נאָר אָט הויבט איינער אָן צו ציען אין אַ טרויעריגען טאָן: גע-שטאָרבען—געשטאָרבען—געשטאָרבען — און אַלע כאַפּען אונטער דאָס זעלביגע וואָרט מיט דעם זעלביגען ניגון און ציהען אים אַ ווײַלע און ווערן פאַרשוויגן. דערנאָך הויבט ווידער איינער אָן: „דער העלד, וואָס האָט אונז געשפּייזט מיט בערן-פלייש" און ווידער כאַפּט דער עולם אונטער דעם שבח — און ווערט אַנטשטומט. און אַזוי געהט דאָס אַ לאַנגע צייט. יעדער איינער ברענגט אַרויס אַ נייעם שבח, אַ נייעם גרונט פאַר דעם טרויער פון דעם גאַנצען שבט. אייניגע שבחים זענען באַנאַל, אַנדערע האָבען אין זיך אַ ניצוץ פון פּאָעזיע. דער אויפגעבליצטער פּאָע-טישער פונק גיט אַ נייע ריכטונג צו דעם שאַפען פון דער מסיבה.

— „די ביימער פון וואַלד וועלען טרויערען נאָך איהם" שטעלט איינער אַריין.

— „נישט מעהר שניצען פון זיי וועט ער זיינע פיי-לען" — איז מוסיף אַן׳אַנדערער.

דער אַלגעמיינער געדאַנק ווענדט זיך צו דער פייל, און דאָ קאָן אַרויסקומען, אַז זי, די פייל, „האָט געלעכצט נאָך בערן-פעט" אָדער „איז מיט תשוקה געפלויגען צום בערס האַלז".

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועט פון אַזאַ בשותפותדיגען שאַפען אַרויסוואַקסען אַן׳עלעגיע אויף דעם טויט פון אַ העלד, וואָס קאָן זיין רייך אין פּאָעטישע שעהנקייטען, און אויב דער העלד האָט פערדינט, זיין נאָמען זאָל לעבען אַ לאַנגע צייט אין דעם געדעכעניש פון דעם שבט, וועט מען דאָס ליעד אויסלער-נען אויף אויסוועניג, און דורך שטענדיגע ווידערהאָלונגען און איבעראַרבייטונג פון אַלץ נייע און נייע עלעמענטען קאָן די עלע-

גיט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ העלדען-געזאַנג.

וואָס מעהר מענשען עס וועלען זינגען דאָס געזאַנג, — ביז זיין לעצטער קריסטאַליזירונג, — אַלץ מעהר אויסבעסערונגען וועלען אַריינגעטראָגען ווערען אין איהם פון די פערשידענסטע אינדיווידואומען, באַנאַלע זאַכען וועלען אַרויספאַלען אָדער פערקירצט ווערען. פון די פּאָעטישע וועלען איבערבלייבען נאָר די בעסערע. דער פּראָצעס פון אַ געוויסען אָפּקלויב, — אַ סאָציאַל-פסיכאָלאָגישען, עסטעטישען און עטישען, — וועט פיהרען סוף כל סוף דערצו, אַז אין די ליפּען פון דעם פאָלק וועט בלייבען לעבען אַ ליעד פון אפשר אַ געניאַלער שעהנקייט, — על כל פנים אַזאַ ליד, וואָס קיין יחיד פון דעם פאָלק וואָלט עס נישט געקאָנט בעשאַפען.

אַזאַ וועג פון קאָלעקטיווען שאַפען זעצט נישט פאָראויס, אַז דער פאַקט גופא פון זיין אין איינעם, פון דיכטען אין איינעם — זאָל אויפוועקען אין דעם יחיד וועלכע עס איז נייע כוחות, אָדער אַ נייעם געשטייגערטען גראַד פון זיינע געוועהנליכע כוחות. דאָ קאָן בלייבען אמת דער כלל, אַז „אין בכלל, אלא מה שבפרט“. דער קאָלעקטיוו האָט דאָ נאָר צונויפגעזאַמעלט דאָס בעסטע פון יעדען איינעם און אַרויסגעוואָרפען דורך דעם פּראָצעס פון דעם סאָציאַל-פסיכישען אָפּקלויב — דאָס שוואַכע און מינדערווערטיגע.

אין דעם קאָלעקטיווען שאַפען קאָן אָבער אַריינפאַלען אַ נייע קראַפט, וואָס מוז נישט אַלע מאָל אַרויסטרעטען אין איהם, וואָס באַווייזט זיך אָבער נישט זעלטען. דאָס איז דער אויסערגעוועהנליכער פסיכאָלאָגישער צושטאַנד פון מאַסען-עקסטאַז, וואָס שאַרפט אויף אַ זעלטענעם אופן די פעהיגקייטען פון יעדען איינעם און הויבט זיי אויף אויף אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער זיי וואָלטען אין אַ געוועהנליכען צושטאַנד קיינמאָל נישט געשטאַנען. עס קאָנען דערביי אויך אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך פעהיגקייטען און שאַפונגס-קרעפטען, וואָס ליגען טיעף פערבאָרגען אין דעם מענשענס נשמה און קומען קיינמאָל נישט אַרויס אין דעם טאָג-טעגליכען אום-דערוואַכען. דער „חבל-הנביאים“ ביי-

דעם אַלטען פאָלק ישראל, ענליכע פעראייניגונגען ביי די פע־ניציער און אין דער אַלטער וועלט בכלל, גיבען אונז ביישפּי־לען פון אַזאַ פסיכאָלאָגיש־גײַסטיגערטען שאַפען. דורך טענץ און געזאַנג און שטענדיגען ווירקען איינער אויפן אַנדערן, דורך שטענדיגען שאַרפען זיך איינער אין דעם אַנדערען, דורך דער כמעט מיסטישער התלהבות, וואָס צינדט אָן אַלעמענס נשמות מיט איין פייער פון איין פאַנטאַסטישער קאָליר, פערלירט יעדע נשמה איהרע קייטען און איהרע אינדיווידועלע גרענעצען. יעדער איינער פערשטעהט דעם אַנדערען אויפ׳ן האַלבען וואונק. עס איז, אַקוראַט ווי זייערע אַלעמענס שווערע נשמות וואָלטען זיך פער־איינוגט אין איין גרינגער, בעפליגעלטער, וואָס טראָגט זיך אַרום פריי אין די העכסטע וועלטען פון דעם מענשליכען זשעני.

די וואונדערבאַרסטע פּראָדוקטען פון דער רעליגיעזער פּאָעזיע זענען אָפט בעשאַפען געוואָרען פון אַזעלכע גרופען אין די מאָמענטען פון דעם קאָלעקטיווען מיסטישען עקסטאַז. אויך געוויסע איבערנאַטירליכע ערשיינונגען פון נבואה קאָנען אָפט־מאָל דערקלערט ווערען דורך די וואונדערזאַמע פסיכישע פּראָ־צעסען, וואָס ווערען געבוירען ביי אַזעלכע קאָלעקטיווע עקס־טאַטישע צושטאַנדען.

אין אַזעלכע פאַלען איז שוין שווערליך צו רעדען וועגען „אין בכלל אלא מה שבפרט״. דער כלל איז דאָ דער הויפּט־גורם, אַז דער „פּרט״ זאָל ווערען אַ גאַנץ אַנדערער, אַ העכע־רער, שענערער, גאָט־געבענשטערער, — אַ כוואַליע פון דעם אויפגערודערטען ים, וואָס פערדינט שוין דעם טיטל: „אַ לבנה־קושער״.

אָט די וואונדערבאַרע איבערלעבונגען אין מאָמענטען פון קאָלעקטיווען עקסטאַז, אָט די דערהויבונגען פון דער נשמה צו הויכען, וועלכע זי האָט פריער קיינמאָל נישט דערגרייכט, אין וועלטען, וועגען וועלכע זי האָט פריהער קיינמאָל נישט גע־טרוימט, זענען אַליין געווען גענוג צו בעשאַפען דעם גלויבען אין אַ „רוח הקודש״, — אַן אויסער־מענשליכע, איבערנאַטירליכע, געטליכע קראַפט, וואָס לאָזט זיך אַראָב אויף דעם מענשען פון

אויבען און רופט אין איהם אַרויס געדאַנקען, בילדער און זעאונגען, וועלכע מען קאָן אויף אַ געוועהנליכען אופן, מיט די מיטלען פון דער טאָג־טעגליכער נאַטירליכער פּסיכאָלאָגיע בשום אופן נישט דערקלערען.

די וואונדער פון דער מאַסען־פּסיכאָלאָגיע, — פון דעם מאַסען־עקסטאַז, דעם מאַסען־היפּנאָז, — מיט איהרע משונהדיגע עפּידעמישע גייסטעס־קראַנקהייטען, — האָבען לפי ערך גאָר נישט לאַנג צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פאָרשער. עס איז נאָך זעהר פיל פער׳סודות׳ט אין דעם געדיכטען טונקעלען וואַלד. אָבער שוין דאָס ביסעלע ליכט, וואָס די ווי־סענשאַפט האָט אַריינגעטראָגען אין איהם, האָט אונז געגעבען אַ שליסעל צו אַ סך געהיימענישען פון דער מענשליכער קולטור, — ווי למשל, צו די סודות פון דעם רעליגיעזען דענקען און פיהלען, — און אויך צו יענעם פּראָצעס, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ: די אַרויסברענגונג פון יענע פּראָדוקטען, וואָס זייער מחבר איז, ווי מען זאָגט, „דאָס פאָלק אַליין".

צי דורך דאָס צונויוועבען אין איינעם פון איינצעלנע פעדים, וועלכע יעדער יחיד ברענגט אַרויס: צי דורך דאָס צונויפגיסען זיך פון אַ סך נשמות אין איין פּסיכישער ווירקונגס־ספערע, צי דורך אַ קאָמבינאַציע פון ביידע וועגען — ווערען אויף אַ קאָלעקטיוון אופן אַרויסגעבראַכט פונם פאָלק קולטור־ווערטען, וואָס אַ סך גרויסע דענקער שטעלען זיי העכער פאַר די העכסטע פּראָדוקטען, וואָס ווערען בעשאַפען פון די געניאַלסטע יחידים.

שטיצענדיג זיך אָט אויף דעם פאַקט, זענען אין דער לעצטער צייט אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיינונגען, אַז די יחידים־קולטור, אין וועלכער מיר לעבען איצט, איז אין תוך אַריין פון אַ נידעריגערן טיפ און קלענערען מהות, איידער די קאָלעקטיווע מאַסען־קולטור. די בעשאַפונגען פון דעם זשעני זענען, זאָגט מען דאָס רוב איינזייטיג, איינגעצאַמט אין ענגע גרענעצען פון אַ בעשטימטער אינדיווידואַליטעט און צופיעל אָפּגעריסען פון דעם לעבען. ביי זייער גאַנצער שעהנקייט, אָריגי־

נעלקייט און קראַפט, פערקריכען זיי צו אָפט „קיין בויבעריק״ און האָבען קיין ברעקעל ממשות נישט פאַר דעם לעבען פון דער מענשהייט, וואָס איז אין דער לעצטער שורה דאָס לעבען פון די גרויסע פאָלקס-מאַסען.

ל. טאָלסטאָי איז געווען איינער פון די, וואָס איז גרייט געווען מבטל צו זיין די גאַנצע „ציוויליזירטע״ קולטור, אויסגעטראָגען און אויסגעווייטאָגט פון די געבילדעטע יחידים. ער האָט זי מבטל געווען צוליב יענע פראָדוקטען, וואָס שטאַמען פון דעם פאָלק גופא און אין וועלכע עס רעדט צו אונז דירעקט דעם פאָלקס נשמה.

אָבער נישט נאָר אידעאַליסטישע טאָלסטאָיאַנער, נאָר אויך איניגע מאַטעריאַליסטיש דענקענדע מאַרקסיסטען האָבען אין דער לעצטער צייט גענומען געהן אין זייערע געדאַנקען אויף דעם זעלבען דרך.

דאָס פונאַנדערפאַלען פון דער פאָלקס-געזעלשאַפט אין איינצעלנע אינדיווידוען און די ענטוויקלונג פון אַ קלאַס געבילדעטע, וואָס האָבען זיך ספעציאַליזירט אין בעשעפערישער קולטור-טעטיגקייט, ווערט מיט זיי צונויפגעפאָרט מיט יענעם עקאָנאָמישען פראָצעס, וואָס האָט געפיהרט צו דעם פונאַנדערפאַל פון דעם אוראַלטען קאָמוניזם, און צו דער אויסבילדונג פון איינצעל ווירטשאַפטען אין הערשענדע קלאַסען, פאַר וועמען די זשעניען האָבען בעשאַפען די הערשענדע קולטור.

מיט דעם צונויפגיס פון אַלע איינצעל-ווירטשאַפטען אין אַ העכערען אַרט קאָמוניזם און מיט דער אָפשאַפונג פון אַלע הערשענדע קלאַסען, וועט אויך פערשווינדען די אינדיווידואַליזירונג פון די איינצעלנע מענשען אין דער געזעלשאַפט. אָנשטאָט דעם יחיד וועט ווידער אַרויסטרעטען די ג ר ו פ ע, ווי אַ קאָלעקטיווע שאַפערין, וואָס וועט אָדער צונויפוועבען די איינצעלנע פעדים, וועלכע יעדער יחיד וועט שפינען אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופע, אָדער וועט צונויפגיסען אַלע נשמות אין איין סאָציאַל-פסיכישען שטראָם.

עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו אונטערזוכען, אויף וויפיל

אַזעלכע אָנשויאונגען שטימען-איין אָדער געהען זיך פונאַנדער מיט די אידעען פון קאַרל מאַרקס גופא. אָבער דאָס מוז מען צוגעבן, אַז זיי ליגען אויף דער ליניע פון דעם קאָמוניסטישען געדאַנקען-גאַנג און פון יענער קריטיק, וועלכע די גרעסטע סאָציאַליסטען האָבען אָנגעווענדט אויף דער איצט הערשענדער קולטור.

יעדער קאָמוניסט איז מעהר אָדער ווייניגער נוטה צו גלויבען, אַז אַלץ וואָס ווערט געטון פון אַלעמען אינאיינעם דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערען אויף אַ העכערער מדרגה, איידער דאָס וואָס ווערט געטהון פון יעדען בעזונדער.

דאָס איז אויך געווען מיט ש. אַנ-סקין. שוין אין דער פריהסטער בעוואוסטזיניגער יוגענד זיינער איז ער געוואָרען אַן׳איבערצייגטער קאָמוניסט, און איז דעריבער געווען זעהר געניגט צו אַזאַ „קאָמוניסטישען” בליק אויף דעם מהות פון דעם פאָלקס-שאַפען און צו די האָפנונגען, וואָס ווערען געלייגט אויף איהם פאַר דער ווייטער צוקונפט, ווען אונזער גאַנצע מענשליכע קולטור וועט דאַרפען אַוועקגעשטעלט ווערען אויף גאַנץ אַנדערע יסודות.

עס איז אויך פאַר מיר קיין ספק נישט, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט ווידער מעגליך מאַכען אַ קאָלעקטיווען גייסטיגען שאַפען אין אַלע פע/דער פון געדאַנק און קונסט. אַזאַ קאָלעקטיווער שאַפען וועט אפשר אַרויסברענגען אַ סך העכערע פראָדוקטען פון דעם מענשליכען אויפטו, איידער די, וואָס וואַקסען אַרויס פון די איינצעלנע מענשען, ווי געניאַל זיי, די יחידים, זאָלען נישט זיין.

אָבער אָט דער שעהנער ניגון פון דער צוקונפטס-מוזיק פערענטפערט נאָך נישט די פראַגע וועגען דעם ווערט פון יענעם קאָלעקטיווען פאָלקס-שאַפען, וואָס איז איינגעזאַמעלט געוואָרען ביז אַהער.

מען דאַרף נישט פערגעסען דעם גרויסען חלוק, וואָס הערשט צווישען דעם שאַפען פון דעם פאָלק און זיינע יעצטיגע בעדינגונגען און אין די בעדינגונגען, וואָס ליגען

היסטאָריש הינטער אונז, און דעם שאַפען פון דעם זעלביגען פאָלק אין אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט.

ס׳איז אפשר אמת, אַז אַ שאַפען, וואָס ווערט געלייטערט אין אַ פראָצעס פון אַ סאָציאַל־פּסיכישן אָפּקלייב און ווערט גע־שטייגערט דורך די ניי־געבוירענע כּוחות פון אַ קאָלעקטיוון עקסטאַז, דאַרף — ביי גלייכע בעדינגונגען — שטעהן אויף אַ העכערער מדרגה, איידער אַ שאַפען פון איזאָלירטע, פעראיינצעלטע מענשען. אָבער דער טראָפּ דאַרף דאָך געשטעלט ווערען אויף די „גלייכע בעדינגונגען״.

זענען די בעדיגונגען, אונטער וועלכע עס האָט זיך גע־מוזט אָפּשפּילען דער קאָלעקטיווער שאַפען ביז אַהער, פון אַזאַ נאַטור, וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופען דעם פולסטען צוטרוי צו יענע פּראָדוקטען, אויף וועלכע זיי, — די בעדינגונגען, מיין איך — האָבען געמוזט אַרויפלעגען זייער שטעמפּעל?

דער קאָלעקטיווער שאַפען פון דעם פאָלק ביז אַהער האָט זיך געמוזט אָפּשפּילען אין אַנ׳אַטמאָספערע פון מאַטעריעלען דלות און נויט, פון פּאָליטישער און סאָציאַלער פערשקלאַפונג און אונטערדריקונג, פון גייסטיגער עם־הארצות און פערווילדע־רונג.

זענען אָרימקייט, שקלאַפעריי און עם־הארצות גראָד יענע בעדינגונגען, וואָס קאָנען אַרויסברענגען פון זיך די העכסטע פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען זשעני? מוז נישט דער קאָ־לעקטיווער עקסטאַז פון וועלכע עם־הארצים אַרויסברענגען פון זיך די העכסטע גיפטיגסטע פּירות פון ווילדער עם־הארצות? מוז נישט דער סאָציאַל־פּסיכישער אָפּקלייב, וואָס ווערט געמאַכט פון דערשלאָגענע פאַרהונגערטע שקלאַפען, איבערלאָזען אין דעם פאָלקס־אוצר נאָר דאָס, וואָס איז אָנגעמאָסטען צו אַ דערשלאָגע־נער פערהונגערטער שקלאַפען־נשמה?

דאָס אַלץ זענען זעהר האַרבע, זעהר שווערע שאלות, און עס זענען פערהאַן דענקער, וואָס שרעקען זיך נישט אָפּ צו דערקלערען, אַז גראָד אָט די בעדינגונגען — נישט נאָר האָ־בען זיי נישט פערמינערט דעם גרויסען ווערט פון דעם פאָלקס־

שאַפען, נור אדרבא: זיי האָבען אים געהאָלפען אַריינצודרינגען אין אַזעלכע טיפען פון דער מענשליכער נשמה, צו וועלכע אַ נאָרמאַלער זאַטער, פרייער און מיט וויסענשאַפט און חכמה בעלאָדענער גייסט וואָלט קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכען

דאָס איז—אין מיינע אויגען—גאַנץ זיכער אַ געוואַלדיגע גוזמא און מען מוז אָנקומען צו דער הילף פון אַ היפּש פערדרעהטער מיסטיק, כדי עפּיס אַזוינס זאָל איבערהויבט קענען געטראַכט ווערען פון אַ מאָדערען דענקענדען מענש אַנ—סקי, אויף וויפיעל איך ווייס, איז גאַנץ זיכער געווען פריי פון דער נייגונג צו אי־דעאַליזירען אין אַ וועלכער עס איז מאָס די צושטאַנדען פון אָרימקייט, פערשקלאַפונג און פערווילדערונג. אַנדערש וואָלט ער ניט געקענט בויען זיינע האָפנונגען אויף יענער ליכטיגער סאָציאַליסטישער צוקונפט, אין וועלכער דער קאמוניסטישער שאַ־פען וועט פאָרקומען אונטער די ליכטיגע הימלען פון פרייהייט, מאַטעריאַלען וואוילזיין און געלייטערטען וויסען.

אָבער אויך אַנ—סקי האָט געגלויבט, אַז די כוחות פון דעם פאָלקס־שאַפען זענען אַזוי געוואַלדיג שטאַרק, אַז אפילו די ביז אַהער הערשענדע האָפנונגען האָבן ניט געקענט אויפ־האַלטען זייער אימפעט און האָבען—בדרך כלל—ניט געקענט פערדונקלען דעם טיעף מענשלעכען אינהאַלט פון אַלץ, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער פאָלקס־נשמה.

און אַ גרויסער טייל אמת שטעקט אין דעם דאָזיגען גע־דאַנק. דאָס פאָלק אַליין ווייס גאַנץ גוט, אַז זיין שאַפען האָט אַנ׳אונגעהויער וויכטיגען ווערט פאַר דעם מענשלעכען לעבען. „פּאָסלאָוויצע ניע מימאָ מאָלוויסיאַ", זאָגט דער רוס וועגען זיי־נע פאָלקס־ווערטלעך. „אַ ווערטל רעדט זיך ניט פערביי"—ד. ה. אַ ווערטל רעדט תמיד וועגען **דעם תּוך** פון דער זאַך און דרינגט אַריין אין דעם תּוך.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די עדות פון דעם **יודי־שען** פאָלק, וואָס איז נאָך אודאי געווען פריי פון אַ וועלכען עס איז אידעאַליזירען „דעם גויס חכמות". אָבער אויך דער יוד איז מודה, אַז „דעם גויס אַ ווערטל איז, להבדיל, אַ תּורה"

דער יוד מאַכט נור אַ טעות דערביי, ווען ער מיינט, אַז נור דעם גויס אַ ווערטל פערדינט אַזאַ הויכע לויב. זיינע אייגענע יודישע ווערטלעך שטעהען מיט גאָרנישט ניט נאָך, ווען מען פערגלייכט זיי מיט דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער אין דעם פרט פון טיעפער „תורה״.

און דאָס אייגענע מוז אויך געזאָגט ווערען וועגען אַלע אַנדערע פּראָדוקטען פון דעם קאָלעקטיווען פאָלקס-שאַפען. די פאָלקס-מוזיק איז שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרען פון אַלע גרעסטע מוזיקער פון דער וועלט, און אפילו אַזעלכע זשעניען, ווי אַ בעטהאָווען, האָבען זיך נישט געשעמט, עניוותדיג צו בויגען זייער קאָפּ פאַר דער מוזיקאַלישער רייכקייט פון אַ פאָלקס־מאָטיוו. ניט וועניגער התפעלות רופען אַרויס ביי די גרעסטע מבינים־עסטעטיקער די שענקייטען פון אַ פאָלקס-ליעד, אַ פאָלקס-מעשה׳לע און אַ פאָלקס-לעגענדע.

יאָ, אפילו יענע צווייגען פון דער פאָלקס־קולטור, וואָס זענען אַזוי ענג פערבונדען מיט די ווילדעסטע אַבערגלויבענס און דער חושכ׳סטער עם-הארצות—די ווערטער-נביאות און די מעדיצין פון דעם פאָלק,—הויבען איצטער אָהן צוצוציהען צו זיך די ערנסטע אויפמערקזאַמקייט פון ערנסטע מעטעאָראָלאָגען און מעדיצינישער טעאָרעטיקער.

אויף אַזוי ווייט, רעכען איך, קענען מיר געהן מיט אַן—סקי׳ן אין זיין ריכטונג, אַז מיר זאָל גריילעך צו געבען דעם פאַקט: די „אומוויסענדע״ פאָלקס־מאַסען האָבען אין זייער שאַפען אַרויסגעבראַכט עפּיס אַזוינס, וואָס האָט אַ טיעפען לעבענס-ווערט און בעדייט פאַר יעדען מענשען, אויף וועלכער שטופע פון בילדונג ער זאָל ניט שטעהן. נאָר פון דעסטוועגען מוז מען זיך בעגעהן זעהר פאָרזיכטיג מיט אָט דעם אמת. דער דלות און די פערשקלאַפונג און די עם־הארצות פון די פאָלקס-מאַסען האָבען, אמת, ניט געקענט אינגאַנצען פערשטאָפּען דעם קוואַל פון דעם פאָלקס־שאַפען, אָבער זיי האָבען געוויס געמוזט פעראומרייניגען אים און אָפט מאָל אויך פערגיפטען.

די רעזולטאַטען פון דעם פאָלקס־שאַפען קענען מיר געוויס ניט אַוועקמאַכען אונטער דער האַנד, ווי דאָס טהוען אַ סך איבערפלעכליך „געבילדעטע" מענשען. מען טאָר אָבער אויך ניט קניהען פאַר די „שטומע נשמות" און מען טאָר ניט ברענגען אויף זייער מזבח פאַר אַ קרבן די פראָדוקטען פון דעם שטאָלצען אינדיווידואַליסטישען גייסט. די אוצרות, וואָס די פאָלקס־מאַסען האָבען בעשאַפען און אָנגעזאַמעלט, דאַרפען קריטיש דורכגעמוסטערט ווערען, איבערגעזיפט און אָבגעשאַצט ווערען. און דער מאַסשטאַב ביי דער אָבשאַצונג מוזען בלייבען אונזערע „אינטעליגענטישע" אידעאַלען פון אמת, יושר און שענקייט, ווי זיי האָבען זיך היסטאָריש אַרויסגעוויקעלט אין דער ליידענפולער געשיכטע פון דעם מענשלעכען פראָגרעס.

אויב אָבער עס קענען נאָך זיין חלוקי־דעות וועגען דעם ל ע ב ע נ ס־וו ע ר ט פון דעם קאָלעקטיוען פאָלקס־שאַפען פאַר אַ מאָדערן־דענקענדען פראָגרעסיווען מענשען, קען דערפאַר קיין ברעקעל ספק ניט זיין וועגען דעם א נ ט ר א פ א ל אָ ג י ש ע ן און ק ו ל ט ו ר־ה י ס ט אָ ר י ש ע ן ווערט פון יענעם מאַטעריאַל, וועלכען די פאָלקאָריסטישע וויסענשאַפט זאַמעלט און שטודירט.

די פראָדוקטען פון דעם פאָלקס־שאַפען זענען קודם־כל אָבשפיגלונגען פון יענע ווירקונגען, וועלכע דאָס לעבען—די נאַטור און די געזעלשאַפט—האָט אַרויסגערופען אין דער נשמה פון אַ גאַנצען פאָלק. דאָס זענען אָבשפיגלונגען און צוריקשפיגלונגען. דאָס איז די צופאַסונג פון דער פאָלקס־נשמה צו די לעבענס־בעדינגען, וואָס רינגלען זיי אַרום, צו די קולטור־עפאָכען, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט אין איר ענטוויקלונג.

מיר געפינען אין דעם פאָלקלאָר אָבקלאַנגען פון צייטען, וואָס זענען שוין לאַנג פערשוואונדען, און אָט מיט די אָבקלאַנגען מוז זיך דער קולטור־היסטאָריקער רעכענען, בעת ער וויל ווידער אויסריסעווען פאַר אונזערע אויגען דעם גאַנג פון דער מענשליכער גייסטיגער ענטוויקלונג. אַזוי האָבען מיר למשל, אין די פאָלקס־מעשה׳לעך אַ סך אָבקלאַנגען פון יענער צייט, ווען דער קאַניבאַליזם, די פ ש ו ט ע מ ע נ ש ע ן־פ ר ע ס ע־

ריי, איז נאָך געווען זעהר אַנ׳אָפּטע ערשיינונג אין דעם מענשליכען לעבען.

ווי דער געאָלאָג געפינט אויס די געשיכטע פון אונזער ערד־באל לויט די שטיין־פלאַסטען, וועלכע ער געפינט אין די באַרג־ריסען, אַזוי נוצט אויס אויך דער אנטראפּאָלאָג פאַרשי־דינע נשמה־פלאַסטען, וועלכע ער ענטפּלעקט און שיידעט פו־נאַנדער אין די פּראָדוקטען פון דעם פאָלקס-שאַפען, כדי ווי־דער אויפצובויען דעם וועג פון דער אונטולעקטועלער, רעלי־גיעזער און מאָראַלישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט.

און וויפיעל אַרבייט וואַרט נאָך אויף אונז אָט אויף דעם נייעם פעלד! די פאָלקלאָריסטישע וויסענשאַפט איז, ניט קוקענ־דיג אויף די גרויסע ערפאָלגען אירע זינט הערדענ׳ס צייט, ניט קוקענדיג אויף די באמת קאָלאָסאַלע דעראָבערונגען, וואָס זענען אין איר געמאַכט געוואָרען דורך אַ מ אָ נ ה אַ ר ד ט און אַ פ ר ע י ז ע ר, נאָך אַלץ אין אירע ערשטע אָנהויבען. אָבער דער בעוואוסטזיין פון איר גרויסען ווערט און בעדייט וואַקסט ביי אַלע פעלקער פון טאָג צו טאָג און הויבט אָהן אַריינצו־דרינגען אויך צו אונז, צו דעם יודישען פאָלק,—אַ דאַנק די בעמיהונגען—דער עיקר—פון ש. אַנ—סקי׳ן.

אונזער יודישער פאָלקלאָר ליגט נאָך גאָר אין די ווינ־דעלעך. דער מאַטעריאַל הויבט ערשט איצטער אָהן געזאַמעלט צו ווערען. די בעוועגונג פאַר גרינדען ענטאָגראפישע מוזעען און צונויפקלויבען דעם יודישען פאָלקלאָר האָט ערשט אַנ—סקי אָנגעהויבען, און זי האָט קוים געמאַכט די ערשטע שריט.

אָבער וויפיעל אויפגאַבען וועלען אויסגעפיהרט ווערען און וויפיעל רעטענישען וועט מען נאָך פערענטפערען מיט דער הילף פון דעם פאָלקלאָר!

איך וועל מיר דאָ ערלויבען צו ברענגען איין קליינינקען ביישפיל פון איין קליינינקער אויפגאַבע, וואָס דאַרף פערענט־פערט ווערען אויף דעם וועג פון פאָלקלאָריסטישער פאָרשונג.

אין אַ משך פון יאָהרען און יאָהר־הונדערטען וואוינען יודען אינאיינע מיט גוים. וואָס פאַר אַנ׳א י י נ ד ר ו ק האָבען

זיי געמאַכט איינער אויף דעם אַנדערען? ווי האָט זיך דער אָנבליק פון גוי אָפּגעשפּיגעלט אין דעם בעוואוסטזיין פון דעם יוד? ווי האָט זיך דער מהות פון דעם יוד אָפּגעשפּיגעלט אין דער נשמה פון דעם גוי?

עס זענען פערהאַן איינצעלנע לעבענס-בעמערקונגען, וואָס דער אָדער יענער יוד האָט אַרויסגעטראָגען פון די גוים, און דער אָדער יענער גוי האָט געוואונען פון די יודען. אָבער אויף אַזעלכע פעראיינצעלטע בעמערקונגען און מיינונגען קאָן מען קיין סך נישט בויען. זיי זענען צופעליגע, אומגענויע, צוגעאיילטע, אָדער האָבען צו טהון מיט אַנ׳אויסנאַם, נישט מיט׳ן כלל.

גאַנץ אַנדערש איז עס, ווען מען זאָל די פּסיכאָלאָגישע בעציהונגען צווישען „יוד״ און „גוי״ אויספאָרשען אין דעם פאָלקלאָריסטישען מאַטעריאַל, אין די ווערטלעך, לידער, מעשיות און לעגענדעס, וואָס איין צד האָט בעשאַפען וועגען דעם אַנדערען. ווי סתירותדיק דער מאַטעריאַל זאָל נישט זיין, ווי ער זאָל זיך נישט ווידערשפּרעכען אין זיך גופא, קאָן מען זיכער זיין, אַז אפילו אין די ווידערשפּרוכען שלאָגען זיך אָפּ אמתע לעבענס-זייטען, שטענדיגע כאַראַקטער-שטריכען. ווייל דאָס צופעליגע, צוגעאיילטע, אומגענויע, און אויסנאַמהאַפטע, האָט נישט געקאָנט פערבלייבען אין דעם זכרון פון דעם פאָלק, ווייל דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אָפּקלויב האָט געקאָנט איבערלאָזען נאָר אַזוינס, וואָס איז דויערהאַפט און שטענדיג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש, — וועניגסטענס אין די אויגען פון דעם פאָלק.

ליידער איז דער פערגלייכענדער פאָלקלאָריסטישער מאַטעריאַל וועגען דער „יוד-און-גוי-פראַגע נאָך נישט געזאַמעלט געוואָרען און — אַ פשיטא — נאָך גארנישט אנגעהויבען צונויפגעשטעלט צו ווערען. עס איז דעריבער אונמעגליך אַרויסצוזאגען וואס עס איז פאָזיטיווס וועגען דעם ענין, אבער אַ פאר פאַקטען קאנען, ווי מיר דאַכט זיך, איצטער בערירט ווערען.

דאס יודישע פאלק פרעגט אַ שפּאַסיגע רעטעניש: „וואס איז עס אַזוינס? דאס עסט נישט, און טרינקט נישט, און שלאפט

נישט, און רעדט נישט, און האָט נישט קיין פאָטער, און האָט נישט קיין מוטער, און שטאַרבט נישט, און איז פאָרט אַ מענש״? דער ענטפער איז: ס׳איז אַ גוי. דאָס עסט נישט: עס פרעסט. עס טרינקט נישט: עס זויפט, עס שלאָפט נישט: עס „פאָפט״, עס רעדט נישט: עס „דברט״, עס האָט נישט קיין פאָטער, נאָר אַ „פאָקערלע״, נישט קיין מוטער, נאָר אַ „מוקערלע״, און עס שטאַרבט נישט, נאָר עס „פגרט״...

די גראָבע מגושמדיקייט פון דעם „גוי״ דעם „בעל גוף״, שפיגעלט זיך אָפּ אין דעם רעטעניש און אויך דער אונגעהויער בּיטול, מיט וועלכען דער יוד קוקט פון אויבען אַראָב אויף דעם גוי.

און דער יוד זינגט אין זיינעם אַ פאָלקס-לידעל:

„אָי אָי אָי! שיכּור איז דער גוי.
שיכּור איז ער, טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז אַ גוי!״

(נאָך אַנ׳אַנדער ווערסיע הייטט עס: „ווייל ער איז אַזוי״. ד. ה. ווייל אַזוי איז ער אַזאַ שיכּור על־פּי־טבע).

אויך דאָ האָט דאָס יודישע אויג אויפגעכאַפּט איינעם פון די טרויעריגסטע חסרונות, וואָס כאַראַקטעריזירען דאָס לעבען פון די גוישע פאָלקס-מאַסען.

אָבער האָט דען די יודישע נשמה שוין גאָר קיין גוט וואָרט נישט פאַר׳ן גוי? זעט דער ייד אין אים נאָר די מגושמדיגע שיכּורע בריאה?

מיר האָבען אויבען ציטירט אַ יודיש ווערטעל, וואָס זאָגט אַז „דעם גויס אַ ווערטעל איז, להבדיל, אַ תּורה״, און ווער עס וויס, ווי גרויס עס איז די ווערטשעצונג, וואָס דער יוד פערבינדט מיט דעם בעגריף „תּורה״, יענער וועט מוזען מודה זיין, אַז דער יוד גיט אָפּ אַ גרויסען כּבוד דעם גויס שכל און זיין לעבענס-קלוגשאַפט.

ווי געזאָגט: דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס שפיגעלט אָפּ דעם איינדרוק, וועלכען דער גוי האָט געמאַכט אויף דער יודישער נשמה, איז נאָך נישט געזאַמעלט און נישט בעאַרבייט גע-

וואָרען. נאָך וועניגער ווייסען מיר פון יענע איינדרוקען, וועלכע דער יודישער מהות האָט אַרויסגערופען אין דער פּסיכיק פון דעם גוי. אָבער — לאָזט מיך דאָ ברענגען אַ קליינע מעשהלע, וואָס איך האָב געלייענט אין דער זאַמלונג פון „קליינרוסישע פאָלקס-דערצעהלונגען", אַרויסגעגעבען פון דעם פערשטאָרבענעם פּראָפעסאָר דראַגאָמאַנאָוו.

ליידער האָב איך דאָ, אין ניו-יאָרק, נישט געקאָנט קריגען דאָס ווערק, און מוז איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דעם מעשה׳לע אויסן זכרון.

אין איינער אַ נאַכט, ערב קריסטלעכן געבורטס-טאָג, לאָזט זיך קריסטוס אַראָב אין אַ דאָרף און קלאַפּט אָן אין די הייזער פון טיר צו טיר. און אַז מען עפענט איהם, זאָגט ער אַלעמען אָן:

דאָ וועט באַלד פערבייגעהן אַ יוד. ער וועט ביי אייך בעטען געלד. זאָלט איר אים קיין געלד נישט געבען. גיט איהם אַ שטיקעל ברויט.

און כך הוה. ווי נאָר קריסטוס איז פערשוואונדען, אַזוי איז אין דאָרף געקומען אַ יוד און האָט גענומען געהן איבער די הייזער. און וואו נאָר ער פלעגט אָנקלאַפּען, פלעגט ער זיך בעטען: „איך בין הונגעריג: גיט מיר אַ צוויירל!" אָבער אומעטום פלעגט ער טרעפען אַנ׳אויסגעשטרעקטע האַנד מיט אַ „לוסטע" ברויט אין איהר, פון אומעטום פלעגט ער הערען דעם זעלביגען ענטפער:

— ניין, קיין געלד טאָרען מיר דיר נישט געבען. אָט איז ברויט. נאַ, נעם!

און דער יוד פלעגט זיך אומעטום אָפּזאָגען פון דעם ברויט און געהן ווייטער.

ליידער געדענק איך נישט, מיט וואָס עס ענדיגט זיך דאָס מעשהלע. איך געדענק נאָר, אַז קיין געלד האָט מען אים נישט געגעבען און קיין ברויט האָט ער נישט גענומען...

האָט דער גוי בעמערקט נישט נאָר די יודישע חסרונות, נאָר אויך די יודישע מעלות? האָט אויך דעם גויס נשמה אַ גוט וואָרט פאַר דעם יודען? — דאָס ווייס איך נישט. דאָס דאַרף

געזוכט ווערען אין דעם פאָלקלאָריסטישען מאַטעריאַל.

דעם ביישפּיל מיט די יודיש-גוישע בעציאונגען האָב איך דאָ געבראַכט נאָר כדי צו אילוסטרירען די וויכטיגקייט פון פאָלקלאָריסטישע שטודיען, אפילו ווען מען פאַלט נישט קיין כורעים פאַר די פּראָדוקטען פון דעם קאָלעקטיווען פאָלקס-שאַפען.

אין דער אמתן האָט די פאָלקלאָריסטישע וויסענשאַפט, — דער עיקר אין מערב-אייראָפּא, שוין איצטער אַרויסגעפינען אַ סך זאַכען פון אַ בעדייטענדיגען ווערט פאַר דעם אָדער יענעם צווייג פון דעם מענשליכען וויסען.

מער פאַר אַלץ האָט דערוייל פּראָפיטירט די שפּראַך-וויסענשאַפט, וואָס האָט אין דעם פאָלקס-אוצר געפינען אַן אומגעהויערען רייכען מאַטעריאַל פאַר אירע פאָרשונגען. אָבער נישט ווייניג געשעפּט פון דעם פאָלקלאָר האָט אויך די קולטור-וויסענשאַפט אין אַלע איהרע אויסצווייגונגען. די עטישע און עסטעטישע ענטוויקלונג פון דעם פאָלק, דער איבערבייט אין זיינע רעליגיעזע אידעען און נאַטור-פילאָזאָפישע אָנשויאונגען. די לעבענס-קלוגשאַפט פון דעם פאָלק וואָס האָט זיך בעזונדערס אויסגעדריקט אין זיינע ווערטלעך, — דאָס אַלץ ווערט בעלויכטען דורך דעם סיסטעמאַטיש און ריכטיג אויסגעטייטשטען פאָלקלאָר.

מערקווירדיג איז דערביי. וואָס גראָד די סאָציאַלע און די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון דעם פאָלק זענען פון דער פאָלקלאָריסטיק אָדער גאָר נישט בעריהרט געוואָרען, אָדער בעהאַנדעלט געוואָרען זעהר אויבערפלעכליך און נאר אגב אורחא. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס די פאלקלאָריסטישע וויסענשאַפט איז ביז אַהער געלעגען — דאָס רוב — אין די הענט פון פילאָלאָגען, עסטעטיקער און קולטור-היסטאָריקער, טיילווייז אויך קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך אָבער אינטערעסירט מיטן פאָלקלאָר נישט ווי מיט אַ הילפס-וויסענשאַפט פאַר זייער פאַך, נאָר ווי „ליבהאָבער״, אויס אַ ריין פילאָלאָגישען, עסטעטישען אָדער קולטור-היסטאָרישען אינטערעס.

די ראַדיקאַלע פּאָליטיקער און סאָציאָלאָגען ווידער,

האָבען אין די שאַפונגען פון די פּאָלקס-מאַסען, — דער עיקר,— פון דער פויערשאַפט,—געזען איינע פון יענע קאָנסערוואַטיווע קרעפטען, וואָס שטיצען דעם אַלטען סיסטעם און וואָס זענען פערמשפט צו פערשווינדען אינאיינעם מיט דער גאַנצער אַלטער פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט.

זעלטען וועט מיר געפינען אַ ראַדיקאַלען פאָרשער, וואָס זאָל לייגען וואָג אויף דעם **סאָציאַל-פּאָליטישער פאָלקלאָר**, ווי מען מעג מיט רעכט אָנרופען יענעם צווייג פון דער פאָלקלאָריסטיק, וואָס זאָל זיך ספּעציעל בעשעפטיגען מיט די איינדרוקען, וועלכע דאָס פאָלק בעקומט פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס לעבט. (אַזוי האָט ענגעלס, למשל, ציטירט איניגע מיטעלאַלטערליכע פאָלקס-לידלעך, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער קלאַסען-קאַמף פון די אַרבייטענדע מאַסען אַנטקעגען די זיי בעהערשענדע פּריצים).

דער מאַטעריאַל אָבער פאַר אַזאַ סאָציאַל-פּאָליטישען פאָלקלאָר איז אַן'אונגעהויער רייכער. ער וואַרפט זיך אין די אויגען אפילו אין יענעם ביכעלע, וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען פון די אוצרות פון דעם יודישען שפּריכוואָרט. אַזעלכע ווערטלעך, למשל, ווי: „אַז מען רייבט זיך אַרום אַ גביר, רייבט מען זיך אויס אַ לאָך", „פון יגיע-כפּו האָט מען קוים אויף פּאַפּע", דער קערבל געהט צו דעם קערבל", און נאָך פיל אַנדערע, לאָזען דורכבליקען דעם פאָלקס שטעלונג צו דער סאָציאַלער דערשיינונג פון „רייך" און „אָרעם".

גראָד אָט דאָס פעלד פון סאָציאַל-פּאָליטישע ערשיינונגען האָט אינטערעסירט אַן-סקין, בעת ער האָט געשטודירט דעם רוסישען און פראַנצויזישען פאָלקלאָר. איך האָב שוין דערמאָנט וועגען זיין פּלאַן אַרויסצוגעבען אַ גרעסערע אַרבייט (אין דייטש) אונטער דעם נאָמען: „דער פערגלייכענדער סאָציאַל-פּאָליטישער פאָלקלאָר". מאַטעריאַל פאַר דער אַרבייט, וואָס האָט געזאָלט אַוועקלעגען דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייעם זעלבסטשטענדיגען צווייג אין דער פאָלקלאָריסטישער פאָרשונג, האָט ער געהאַט גענוג. איהם זענען אויך קלאָר געווען זיינע טעאָרעטישע יסודות.

עס איז מיר נישט בעקאַנט, צי ער האָט אין דעם שטורעמדיגען פעריאָד פון זיינע לעצטע לעבענס-יאָהרען נאָך געהאַט צייט צו טראַכטען וועגען אָט דער זעהר וויכטיגער טעאָרעטישער אַרבייט. ווען אַלע זיינע מאַנוסקריפּטען וועלען פערעפענטליכט ווערען, וועט מען קאָנען זען, צי עס לאָזט זיך מיט דעם מאַטעריאַל, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען, אויספיהרען דעם בנין אַזוי ווי ער האָט איהם געפּלאַנט.

דער בנין גופא וועט אָבער אַמאָל אויסגעבויט ווערען סאַי ווי סאַי. און ווער עס זאָל איהם נישט אויסבויען, וועט זיין קינפטיגער געשיכטס-שרייבער נישט קאָנען פערבייגעהן אַנ-סקיסנאָמען, ווייל שוין די פערעפענטליכטע פאָלקלאָריסטישע אַרבייטען זיינע, — דעם עיקר, דאָס בוך: „נאַרזאָד אי צאַר“, — גיבען איהם אַ רעכט, ער זאָל בעטראַכט ווערען, אויב נישט פאַר איינעם פון די גרינדער פון דער נייער וויסענשאַפט, איז לפּחות, פאַר איינעם פון איהרע טאַלאַנטפולסטע פאָרלויפער און פּיאָנערן.

צום סוף וויל איך דאָ אָנדייטען אויף דעם וויכטיגסטען טעאָרעטישען פּונקט, אין וועלכען מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף פערשידענע וועגען, ווען אפילו מיר זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען פון איין און דעם זעלביגען גרונט-געדאַנק.

מיר ביידע האָבען זיך שוין לאַנג בעפרייט פון יענער דאָגמאַטיק, וואָס גלויבט, אַז די מענשהייט האָט שוין געכאַפּט דער אַבסאָלוטען אמת פאַר דער גריוועס און קאָן שוין פאָהרען רייטענדיג אויף איהם.

פאַר אונז, פאַר ביידע, איז געווען קלאָר, אַז לפּחות אין די העכערע עולמות פון דעם מענשליכען וויסען וואָס דערווייטערען זיך פון דער מאַטעמאַטיק און פון דער מאַטעמאַטישער נאַטור-וויסענשאַפט, איז פּשוט אַ חוזק צו רעדען וועגען אַבסאָלוטע אמתן. (אין דעם פּרט בין איך געגאַנגען נאָך ווייטער, איידער ער, ווייל איך האָב אויך פאַר דער מאַטעמאַטיק, די מאַטעמאַטישע נאַטור-וויסענשאַפט און פאַר דער גאַנצער מענשליכער לאָגיק, אויף וועלכער זיי זענען געבויט, נישט געמאַכט

קיין בעזונדערען אויסנאַם) אַלע אַזוי גערופענע אמת׳ן (לפּחות אין די העכערע „עולמות״) שפּיגלען אָב נישט אַזוי דעם ע נ י ן, וועגן וועלכען זיי רעדען, ווי די מ ע נ ש ע ן, וואָס גלויבען אין זיי. די געדאַנקען, זאָגען מיר, וועגען גאָט אָדער וועגען קלאַסענקאַמף, — סאַי פון די וואָס גלויבען אין דיביידע זאַכען, סאַי פון די, וואָס לייקענען זיי, — כאַראַקטעריזירען אַ סך מעהר דעם מהות פון די גלויבענדע אָדער אומגלוי׳בענדע מענשען, איידער דעם מהות פון גאָט אָדער דעם מהות פון קלאַסענקאַמף. י ע ד ע ר אמת איז סוביעקטיוו, און איז אַנ׳אמת נאָר פאַר דעם, וואָס גלויבט אין איהם.

אָבער פון דאָ אָן האָבען זיך אונזערע וועגען אין געדאַנק פונאַנדערגעשיידט.

האַלטענדיג אַז דער קאָלעקטיוו איז אַ העכערער מהות איידער דער איינצעלנער יחיד, — אפילו דער געבילדעטסטער, — און אַז דער קאָלעקטיווער פאָלקס־שאַפען, ווי אַ סוביעקטיווער שאַפען פון דעם פאָלק, איז אַ העכערער אין שאַפען, איידער דער אינדיווידועלער, וואָס ברענגט דאָך אויך אַרויס נאָר „סוביעקטיווע״ אמתן, איז אַנ־סקי צו אָפט געווען גענייגט צו פערבייגען זיינע אייגענע „סוביעקטיווע״ אמתן צוליב די „סוביעקטיווע״ אמתן פון דעם פאָלק, — על כל פנים: נישט זיין אַזוי איינגע׳עקשנט אויף דעם אייגענעם אמת דאָרטען, וואו ער שטויסט זיך צונויף מיט דעם אמת פון דעם פאָלק.

אין אונזער פּאָליטישען לעבען האָט זיך דאָס אין דער לעצטער צייט אַרויסגעוויזען — צווישען אַנדערע זאַכען — אויך אין דער אומגעהויערער ווייכקייט זיינער אין די פראַגען פון דער יודישער רעליגיעזער ערציהונג, — וואָס אין דעם פּרט איז ער געווען גענייגט צו געהן אויף די אויסערסטע קאָמפּראָמיסען מיט דער פרום־גלויביגער יודישער וועלט.

מיין געדאַנקען־גאַנג איז אָבער אַלעמאָל געווען אַזאַ: געוויס מוז איך צוגעבען די מעגליכקייט, אַז סאַי מיין „אמת״, סאַי „זייער״ „אמת״ זענען אין תוך אַריין גאָר קיין „אמתן״ נישט, — אין דעם אַלטען זין פון דעם וואָרט, — ווייל זיי אַלע

קאָנען נישט אַרויסשפּרונגען פון דעם סוביעקטיווען גדר. אָבער פאַר מיר און מיינע אויגען, איז מיין אמת אַנ׳אמת, בעת זייער אמת, איז אין מיינע אויגען אַ שקר. מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָל איך מיך אָבזאָגען פון אַ שקר, וואָס איז אין מיינע אויגען אַנ׳אמת, צוליב אַ שקר, וואָס איז אויך אין מיינע אויגען אַ שקר?

אויף אַזאַ אופן בין איך געקומען צו דעם אַבעליאַר־דישען „סי אָמענס פּאַטרעס סיק· אַק עגאָ נאָן סיק!״ („אפילו ווען גַלע אבות זאָגען, ס׳איז אַזוי, זאָג איך, ס׳איז נישט אַזוי״), נאָר אויך אַ גאַנץ אַנדער טעאָרעטישען דרך, איידער דאָס האָט געטהון אַבעליאַר.

אַנ־סקיס ווייכקייט צו די רעאַקציאָנערע כּוחות אין אונזער פאָלקס־לעבען האָבען מיך שטאַרק געקרענקט. איך האָב אָבער נישט געטראָגען אין האַרצען קיין ברעקעל רוגזא אויף איהם, נישט דערפאַר ווייל איך האַלט, אַז מען מעג זיין ווייך צו די ווייכע, און נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער פריינד און ברודער פון מיין גאַנצען לעבען, נאָר דערפאַר, וואָס די אַבסאָ־לוטע ריינקייט, איידעלקייט און צאַרטקייט פון זיין כאַראַקטער: די הייסעסטע פאָלקס־ליבע, וואָס האָט געלעבט אין זיין נשמה און די הויך און ברייט פון יענער וועלט־אָנשויאונג, וואָס האָט אים געפיהרט צו זיין ווייכקייט, זענען אין דעם פאַל געווען די באַרעדעוודיגסטע מליצי־יושר פאַר דעם ברודער און פריינד פון מיין גאַנצען לעבען.

# דער יודישער פאָלקס־גייסט און זיין שאַפען *)

---

*) רעפעראַט, געהאַלטען אין לאָקאַל פון ווילנער „אייזענבאַהנקרייז״, פרייטאָג דעם 8־טען נאָוועמבער 1918. אָראַנזשירט פון דער „חברה מפיצי השכלה״, האָט דער רעפעראַט צוגעצויגען אַ קאָלאָסאַלען עולם, וועלכער האָט דעם רעפערענט געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. דער באַריכט פון דעם רעפעראַט, פערעפענטליכט פון ז. רייזען אין די ווילנער „לעצטע נייעס״, NN 264–267, איז אָנערקענט געוואָרען פון ש. אַנ–סקי אַלס כמעט סטענאָגראַפישער.

דער רעפערענט הויבט אָן פון די בעגריפען פאָלק, נאַציע, קולטור און ציוויליזאַציע, פאָלקסטימליכקייט און פאַלקסשאַפונג, וועגען וועלכע מ'האָט די לעצטע יאָהרען אַזוי פיל גערעדט און געשריבען, און ווייזט-אויף די נויטווענדיגקייט אָבצוגעבען זיך אַ קלאָרען חשבון וועגען דעם עצם פון די דאָזיגע גאַנץ פשוט'ע ווערטער, אין וועלכע יעדערער לעגט אָבער אָפט אַריין אַ גאַנץ אַנדערן זין, וואָס ס'ברענגט צו אומפערשטעהענישען. ער שטעלט זיך בעזונדערס אָב אויף דעם בעגריף פאָלקסשאַפונג און אויף דעם חילוק צווישען איהר און אינדיווידועלער שאַפונג. אַנאַלי-זירענדיג די אַטריבוטען פון דער פאָלקסשאַפונג, ברענגט דער רעפערענט אַרויס די דריי הויפט-סימנים איהרע, וואָס שיידען זי אָב פון דער אינדיווידועלער שאַפונג. ערשטענס איז בנוגע די פראָדוקטען פון דער פאָלקסשאַפונג נישט שייך צו רעדען וועגען דער פערזאָן און וועגען דער צייט פון זייער שאַפען; אויף זיי ליגט נישט דער אינדיווידועלער שטעמפעל פון זייער שעפער, נאָר דער קאָלעקטיווער חותם פון דעם גאַנצען פאָלק. צווייטענס, זענען זיי אָנגענומען ביי דעם גאַנצען פאָלק אָדער ביי אַ גאַנצער פאָלקס-גרופע. דריטענס, געהען זיי איבער פון דור צו דור ווי אַ רעליגיעזע אָדער טראַדיציאָנעלע פאָרם.

די פרימיטיווע פאָלקס-מאַסען לעבען כמעט אינגאַנצען מיט פאָלקס-שאַפען. אויך די מאַטעריעלע קולטור זייערע—די האַק, דאָס שפּינדעל, דער אַקער—טראָגט אַ בולט׳ען פאָלקסטימליכען כאַראַקטער. ס׳איז אומבעקאַנט, ווער עס האָט דער ערשטער געשאַפען די דאָזיגע אינסטרומענטען; פון דור צו דור זענען זיי אַריבערגעגאַנגען און זענען אָנגענומען ביים גאַנצען פאָלק. פערקעהרט דער זייגער, די דרעש-מאַשין, די פאַבריק זענען פּראָדוקטען פון אינדיווידועלער שאַפונג. דעם חילוק צווישען פאָלקסטימליכער און אינדיווידועלער שאַפונג אילוסטרירט אויך דער רעפערענט אויף די ווערק פון אַרכיטעקטור, מלבושים, ציירונג. פאַרהאַן בעשטימטע פאָרמען פון פאָלקס-אַרכיטעקטור, פון דעם שטייגער צו בויען הייזער לויט א געוויסען מוסטער, פון בעצירען זיי מיט דיזעלביגע שניצונגען וכדומה. פאַרהאַן טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון מלבושים און ציהרונגען; אַזוי, למשל, זענען די אַמאָליגע יודישע זופּיצע, דאָס שטריימעל, דער טראַדיציאָנעלער שנור פּערל, דאָס שטערן-טיכעל, דאָס ברוסט-טיכעל—יודישע פאָלקס-טיכלעך; זיי זענען פאָרמען, וואָס זענען געשאַפען פון פאָלק גופא און אין משך פון דורות אָנגענומען ביי איהם, וואָס דאָס קאָן מען נישט זאָגען וועגען די היינטיגע קליידער און די היינטיגע מינים ציהרונג, וועלכע זענען אַ פּראָדוקט פון דער מאָדע, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון איהר אינדיווידועלען שעפער.

פון דער מאַטעריעלער קולטור, וואָס געהערט אויך צו דער פאָלקס-שאַפונג און איז אַ טייל פון דער וויסענשאַפט פון דער עטנאָגראַפיע, געהט דער לעקטאָר אַריבער צו די גייסטיגע ווערק פון דער פאָלקס-שאַפונג, אין וועלכע ער ווייזט אויף דעמזעלביגען חילוק בנוגע דער אינדיווידועלער שאַפונג, אילוסטרירענדיג דורך דעם אַנאַליז פון דעם עצם פון פאָלקס-לידער, פאָלקס-מעשות א. אַז. וו.

די גייסטיגע פאָלקס-שאַפונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די מנהגים, סימנים, שפּרעכענישען, פערשפּרעכענישען, פאָלקס-רפואות, גלייכווערטלעך, ווערטלעך, רעטענישען, משלים,

לידער, מעשיות, קאָן איינגעטיילט ווערען אין אוטיליטאַ-רער פאָלקס-שאַפונג. וואָס איז אויסען אַ געוויסען נוצען, ח׳ למשל די פאָלקס-רפואה, די מנהגים, למשל, דער מנהג צו בעגעגענען אַ גאַסט מיט דער בעגריסונג „סקאָצעל קומט!”, צי אָפּרופען זיך אויף אַ נאָס „צו געזונד!” א. ד. גל., און אין עסטעטישער פאָלקס-שאַפונג, וואָס איז אויסען צו גע-בען עסטעטישע עמאָציעס, איבערלעבונגען; נישט שטענדיג איז דאָ מעגליך דורכצופיהרען אַ שטרענגע גרענעץ. אַזוי, למשל, קאָנען גלייכוועדטלעך געהערען אויך צו אוטיליטאַרער פאָלקס-שאַפונג, ווייל זיי זוכען צו נאָרמירען דאָס לעבען, טראָגען אַ דידאַקטישען כאַראַקטער, דאָך געהען זיי אַריין אין דער טייל פון דער עסטעטישער פאָלקס-שאַפונג.

די עכט-לימעראַרישע ווערק פון דער פאָלקס-שאַפונג ווערן אויסגעטיילט פון דער עטנאָגראַפיע אין אַ בעזונדער דיסציפלין— פאָלקלאָר. צוליב דער אומגעהויערער ברייטקייט פון דער טע-מא, וואָס פאָדערט לכל-הפחות אַ צעהן אָוועגדען, טיילט דער רעדנער אויס פאַר זיין ערשטען רעפעראַט נאָר די יודישע פאָלקס-מעשיות אי דאָס, נישט אין אַלגעמיין, נאָר וועגען זייער סאָציאַלען געדאַנק, וועגען זייער גרונד-מאָטיוו.

איז דען אָבער כדאי אַרויסצעווייזען אַזאַ אינטערעס צו די מעשיות, וואָס ס׳דערצעהלט אַ באָבע איהר אייניקעל, אָדער אַ בטלן אין קלויז אונטער׳ן אויווען? לוינט עס דען אַזוי אָפּ-צוגעבען זיך מיט די מעשיות פון די פראָסטסטע און אומווי-סענדיגסטע?—פרעגט דער רעדנער און שטעלט זיך אָפּ אויף דער מיינונג פון דעם ברייטען עולם, וואָס האַלט פאָלקס-מעשיות פאַר נאַרישקייטען, באָבע-מעשיות*), גאָר קיין פער-

---

*) אייגענטליך שטאַמט דער אויסדרוק באָבע-מעשיות פון דער בבא-מעשה, דער מעשה וועגען „באָווא קאָראָלעוויטש”. צום ערשטען מאָל איבערזעצט אויף יו-דיש פון אליהו בחור אין 1507 און שפעטער צרויסגעגעבען אין אָהן א שיעור איפלאגען. ז. ר.

גלייך נישט מיט אַ געדרוקטען ספר. דער רעדנער גיט איבער פון אייגענעם נסיון די שווערינקייטען, וואָס דער פאָלקלאָריסט בעגעגענט ביים בעשרייבען די ווערק פון פאָלקס-שאַפונג. דער פאָלקס-מענש האָט אַ געפיהל פון שעמעוודיגקייט איבערצוגעבען אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון אַ באָבען אָדער אַ בטלן אונטער׳ן אויוועו. „אָט ווען איך וואָלט געקענט אַ געדרוקטע זאַך, וואָלט איך עס אייך מיט׳ן גרעסטען כבוד איבערגעגעבען!"

אָבער דאָס איז נישט מעהר ווי אַ געפיהל פון דעם פשוט׳ען פאָלקס-מענש. די פאָלקס-שאַפונג האָט דעם אומגעהויערסטען ווערט. די גרעסטע, די אומשטערבליכסטע פראָדוקטען פון מענשליכען גייסט זענען נאָר די שאַפונגען פון פאָלק. דער תנך, די אינדישע „נאַל און דאַמאַיאַנטי", די גריכישע „אָדיסעע", דאָס דייטשע „ניבעלונגען-ליד", די פראַנצויזישע „שענסאָן דע זשעסט", די סקאַנדינאַווישע סאַגען, די פינישע „קאַלעוואַלאַ", די רוסישע בילינעס—זענען פאָלקס-שאַפונגען. און אפילו די געניאַלסטע ווערק פון דעם אינדיווידועלען שאַפען זענען אויפגעבויט אויפ׳ן גרונד פון פאָלקלאָר, ווי סאָפאָקלעס׳עס טראַגעדיעס, שעקספירס „האַמלעט", סערוואַנטעס „דאָן קיכאָט", בייראָנס „קין", פושקינס „רוסלאַן און לודמילאַ", פרצ׳עס „פאָלקסטימליכע געשיכטען", וואו די טעמא, דער מאַטעריאַל, דאָס קערנדעל איז דורכאויס פאָלקסטימליך.

דער רעפערענט ווייזט-אויף די גרויסע בעדייטונג פון דער פאָלקס־מעשה נישט נאָר פון קינסטלערישען שטאַנדפונקט. אויך פאַר דער פעדאַגאָגיק איז די פאָלקס־מעשה אומגעהויער וויכטיק. די פאָלקס־מעשה איז אַ בריק פון דעם קינד צו דעם דערוואַקסענעם, אין דער פאָלקס־מעשה געפינען זיי דאָס מיטעל זיך צונויפצורעדען, הגם יעדער׳ער פערשטעהט עס אויף זיין שטייגער. און נישט נאָר פעדאַגאָגיש, אויך פאַר דער וויסענשאַפט, פאַר דער געשיכטע פון אַ פאָלק, פאַר דער פסיכאָלאָגיע איז דאָס מעשה׳לע מאַטעריאַל פון דער העכסטער וויכטיגקייט. פאָלקס־שאַפונג איז פאַר׳ן היסטאָריקער אַ געאָלאָגישע שיכט, אין

וועלכער ער קאָן ענטדעקען ברייטע און ווייטע שפורען נאָכצו-פאָרשען דאָס לאַנג פערגאַנגענע לעבען פון אַ פאָלק. איין וואָרט אַמאָל פון אַ פאָלקס-ווערק קלעקט פאַר׳ן פאָרשער אויפצובויען גאַנצע היסטאָרישע טעאָריעס און היפּאָטעזעס וועגען דעם לע-בען כון געגעבענעם פאָלק. דער רעדנער אילוסטרירט עס מיט זעלטען אינטערעסאַנטע און בעשיינפערליכע ביישפילען פון זיי-נע אייגענע נסיונות בשעת זיין עקספּעדיציע צו זאַמלען די פּראָדוקטען פון יודישען פאָלקסשאַפען אין אוקראַאינע.

ביי די ציוויליזירטע פעלקער האָט זיך דער פּראָצעס פון דער פאָלקסשאַפונג אָבגעשטעלט, אָבטרעטענדיג אַלץ מעהר און מעהר דאָס אָרט פאַר דעם אינדיווידועלען שאַפען. אָבער דער אינטערעס צו דער פאָלקסשאַפונג איז אָהן אַ שיעור גרויס, בהסכם מיט דעם ווערט, וואָס זי האָט אין אַלע אופנים. די אומות העולם ווייזען דעריבער אַרויס די גרעסטע אויפמערק-זאַמקייט דער אויספאָרשונג פון דער פאָלקסשאַפונג. עס ווערען אָרגאַניזירט ספּעציעלע עקספּעדיציעס, אפילו צו די ווילדסטע פעלקער, וואָרום די קולטור-געשיכטע איז אויפגעבויט אפשר אין איר גרעסטער טייל אויפ׳ן גרונד פון דער אויסגעפאָרשטער עטנאָגראַפיע פון די ווילדע שבטים; עס ווערען געגרינדעט עט-נאָגראַפישע מוזעען, קאַטעדרעס, אַקאַדעמיעס, עס ווערען אַרויס-געגעבען גאַנצע ווערק איבער דער פאָלקסשאַפונג און ספּעציעל איהר געווידמעטע פעריאָדישע אויסגאַבען. מיט איין וואָרט—עס איז גאָרנישט אָבצושאַצען, וואָס די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען אויפגעטהון פאַר דער זאַמלונג און בעאַרבייטונג פון די פּראָדוקטען פון דער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר.

גאַנץ אַנדערש שטעהט דער ענין ביי אונז, יודען, ביי דעם עם-הספר. דער דרך-ארץ צום בוך, צום געדרוקטען וואָרט האָט געשאַפען אַ מין פעראַכטונג, אַ ביטול צו דער אוממיטעל-באַרער פאָלקסשאַפונג. און ס׳איז ביי אונז ביז דער סאַמע לעצ-טער צייט גאָרנישט געטהון געוואָרן פאַרן יודישען פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט גאָר גע-נומען האַלטען, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט נישט קיין שום

פאָלקסשאַפונג, און אַזעלכע מיינונגען טרעפען מיר אַרויסגעזאָגט פון פערשידענע „אויטאָריטעטען“ בנוגע דער גייסטיגער טעטיגקייט פון יודישען פאָלק.

ערשט פאַר די לעצטע אָנדערטהאַלבען צעהנדליג יאָהר האָט מען אויך ביי אונז אָנגעהויבען עפעס טהון פאַר דער זאַמלונג פון די פּראָדוקטען פון דעם יודישען פאָלקלאָר. אין 1903 איז אַרויס די ערשטע זאַמלונג יודישע פאָלקסלידער דורך שאול גינזבורג און פרץ מאַרעק, אין 1908 בערנשטיינס קאָלעקציע יודישע שפּריכוועטער און פּיעראָזשניקאָווס קליינע זאַמלונג, שפּעטער אַ ביסעל די זאַמלונגען פאָלקסלידער און אַנדערע מאַטעריאַלען פון יודישען פאָלקלאָר פון נח פּרילוצקי און אין 1913 די צוויי פּרעכטיגע בענד יודישע פאָלקסלידער, געזאַמעלט דורך י. ל. כהן און ארויסגעגעבען אין ניו-יאָרק. דאַן איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון רעפערענט אָרגאַניזירט געוואָרען די ערשטע יודישע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע, וועלכע האָט אין וואָלינער, פּאָדאָליער און קיעווער גובערניע פערערגיסטרירט און צונויפגעזאַמעלט טויזענדער פאָלקס-מעשהלעך, פאָלקס-לידער, גלייכווערטלעך וכדומה, סך הכל אויף פערציג בענדער (אַ חוץ אַ רייכער קאָלעקציע יודישע חפצים און אַנטיקען פאַר אַ יודישען מוזיי). אָט דערמיט שעפּט זיך אויס דער גאַנצער באַגאַזש פון דעם פּעררעגיסטרירטען יודישען פאָלקלאָר, דער באַגאַזש, וואָס איז נאָר אַ טראָפּען אין דעם אומגעהויער טיפען און ברייטען ים פון יודישען פאָלקסשאַפען. ס'איז גענוג צו זאָגען, אַז מיר האָבען נאָך עד היום נישט קיין איין זאַמלונג פון יודישע פאָלקס-מעשיות. אָבער דאָס פשוט'ע פאָלק, די פאָלקסמאַסע האָט געלעבט מיט די דאָזיגע מעשיות און זי האָט אַליין געזאָרגט פאַר זייער פיקסירונג. ביי די מוכרי-ספרים אין די ביכעלעך, וואָס געהערען מעהר צו דער רומל-ליטעראַטור, קאָנען מיר געפינען הונדערטער און טויזענדער פאָלקס-מעשה'לעך, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפען אין משך פון דורות, און אויפ'ן גרונד פון אָט די דאָזיגע פאָלקס-מעשיות ווי אויך אויפ ן גרונד פון דעם מאַטעריאַל, וואָס דער רעפערענט האָט אַליין צונויפ-

געזאַמעלט, פרובט ער זיך געבען אַן אַנאַליז פון דעם גרונד-מאָטיוו פון דעם יודישען פאָלקס-שאַפען, אויף וויפיל ער קומט צום אויסדרוק אין די מעשיות פון אונזער פאָלק.

דער לעקטאָר שטעלט זיך דאַן אָב אויף דער פראַגע, אויף וויפיל די מאָטיווען פון דער פאָלקס-שאַפונג פון פערשידענע פעלקער זענען פאַרשידען און קומט צום געדאַנק, אַז קיין זעלבשטענדיגע עטנאָגראַפיע, קיין זעלבשטענדיגער פאָלקלאָר איז נישטאָ. אַזוי ווי עס איז נישטאָ, למשל, קיין זעלבשטענדיגע שפראַך און מ'קאָן שטענדיג אין דעם לשון פון אַ וועלכען עס איז פאָלק ענטדעקען שפורען פון קרובה'שאַפט מיט אַן'אַנדער שפראַך. פאַרהאַן ווערק פון פאָלקס-שאַפונג, וואו די מאָטיוועז חזר'ען זיך איבער, אָפטמאָל בפירוש וואָרט ביי וואָרט ביי פעלקער, וואָס זענען דערווייטערט איינס פון דעם אַנדערן אויף גאַנצע מרחקים. ביי דיווילדע יוקאַאירען אין מזרח-סיביר בעגעגענען זיך די אייגענע מאָטיוועז, וואָס זענען למשל פערשפרייט געווען אין מיטעל-אַלטער; די מאָטיווען פון דער אַמאָליגער יודישער פאָלקס-שאַפונג, ווי למשל, די לעגענדע וועגען הבל און קין, טרעפען מיר ביי נאָך אַ ריי אַנדערע פעלקער. די טעמען פון דער פאָלקס-שאַפונג געהען אַרום, די מאָטיווען זענען אָנגענומענע אָפט פון דער פרעמד, און אויך די יודישע פאָלקס-שאַפונג האָט אַ סך פרעמדע עלעמענטן; אַזוי למשל טרעפען מיר אין דעם לשון-קודש'דיגען ספרל „אבקת רוכל" אַ ספור פון דער גריכישער אָדיסעע. און פונדעסטוועגען איז דער יודישער פאָלקלאָר אפשר דער איינציגער אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אַ בולט אויסגעדריקטע אייגענאַרטיגקייט.

צוויי מאָמענטען טיילען אָב דעם יודישען פאָלקלאָר פון דער אַלגעמיינער פאָלקס-שאַפונג. נישט אויפן באָדען פון דער נאַטור איז געשאַפען דער יודישער פאָלקלאָר, נאָר אויפ'ן באָדען פון אַ שריפטליכער ליטעראַטור. דעם פאָלקלאָר פון אַלע פעלקער האָט געשאַפען אוממיטעלבאַר דאָס פאָלק, די מאַמע, וועלכע האָט נישט געלייענט קיין ביכער און האָט אין די ווערק פון איהר פאַנטאַזיע אַריינגעטראָגען די וועלט פון דער

נאַטור, דעם הימעל, די ערד, די חיות וכדומה. אַ געשריבען בוך שוואַכט בכלל אָב די אוממיטעלבאַרע פאָלקס-שאַפונג, אָט, למשל, טרעפען מיר איצט אין דעם רוסישען פאָלקלאָר אָנשטאָט די אַמאָליגע פאָעטישע און טיף פאָלקסטימליכע „בילינעס“ נאָר די מאָדערנע לידלעך „טשאַסטושקעס“, וואָס טויגען פון קינסט-לערישען שטאַנדפונקט אויף כפרות. דאָס פאָלק האָט פערלוירען די פרימיטיווע נאַאיווקייט און דערמיט האָט אויך זיין שאַפונג פערלוירען איהר שטאַרקסטען כישוף. גאַנץ אַנדערש איז דער יודישער פאָלקלאָר. צווישען איהם און דעם פאָלק שטעהט דאָס בוך פון אייביג צו. נאָך אין דער תורה שבכתב טרעפען מיר שוין שוואַכע שפורען פון פאָלקס-שאַפונג אויפ׳ן גרונד פון דער נאַטור. די ווייטערדיגע פאָלקס-שאַפונג—דאָס קאָלאָסאַלע ווערק פון דער אגדתא איז אויסגעבויט געוואָרען אויפ׳ן באָדען פון דער תורה, און די איצטיגע פאָלקס-שאַפונג—אויפ׳ן באָדען פון דער תורה און דער אגדה. דער עם-הספר האָט אַלזאָ געשאַפען זיין פאָלקלאָר אויפ׳ן גרונד פון ספר, נישט אויפ׳ן באָדען פון דער נאַטור. נישטאָ אין יודישען פאָלקלאָר דער עפּאָס פון חיות, נישטאָ די פרימיטיווע נאַאיוויטעט.

ס וואָלט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דערפון איז דער קינסטלערישער ווערט פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג געמינערט. אָנשטאָט דעם האָבען מיר אין דעם יודישען פאָלק-לאָר, אין די יודישע פאָלקס-מעשיות אזאַ טיפען אינערליכען גלויבען, אַזאַ בעגייסטערונג, וואָס מאַכט זיי פאַר ווערק פון העכסטער פולקומקייט און איידעלקייט.

דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער מאָמענט, וואָס שיידט אָב דעם יודישען פאָלקלאָר פון דעם אַלגעמיינעם איז אָט וועל-כער: אַלע פעלקער זענען געווען געצענדינערישע, און אפילו די אייראָפּעאישע זענען, נישט קוקענדיג אויף דעם קריסטענטום געבליבען אין די אַלטע גלויבונגען און טראַדיציעס פון עבודה-זרהניקעס. דער יודישער פאָלקלאָר איז געשטאַנען פון קדמונים אָן אונטער׳ן צייכען פון מאָנאָטעאיזם, וועלכער האָט געלעגט

זיין שטעמפּעל אויפ'ן גאַנצען כאַראַקטער פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג.

אַנאַליזירענדיג די אַלגעמיינע פאָלקס-מעשיות מיט זייער קאַמף צווישען געטער, ריזען, גבורים, העלדען, דערוויזט דער רעפערענט, אַז דאָ ווערט געשילדערט אַ קאַמף פון פיזישען כוח, אַ קאַמף, אין וועלכען עס איז מנצח דער שטאַרקערער. דער ציל פון דעם דאָזיגען קאַמף איז מאַכט, פרוי, עשירות, גליק, שנאה, קנאה, מיט איין וואָרט די געמיינע מענשליכע תאוה. דער צענטראַלער געדאַנק פון גוי'אישער פאָלקס-שאַפונג איז די אידעאַליזאַציע פון פיזישען כוח. דער דאָזיגער געדאַנק קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין די פאָלקס-מעשיות פון די פעלקער, נאָר אויך אין זייערע לידער, די פאַטריאָטישע, מיליטערישע א. ד. גל. דאָס איז דער היידנישער, דער געצענדינערישער שטאַנדפונקט, וועלכער רעדט נאָר בולט'ער דורך דעם קוק, אַז אין דער וועלט געהט פאָר אַ קאַמף צווישען אַ סך כוחות.

גאַנץ אַנדערש איז די יודישע וועלט-אַנשויאונג, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער יודישער פאלקס-שאַפונג. נישטאָ קיין מלחמה מיט כוח, נישטאָ קיין שטרייטענדע געטער; איין גאָט, איין פיהרער, איין בעל-הבית. און זיגען זיגט דער נעהנטערער צו גאָט. פון תנך אָן ביז היינטיגען טאָג געהט דורך אין אַלע ווערק פון יודישען שאַפען דער גרונד-געדאַנק „לא בכוח ה'". דער פיזישער כוח איז נישט דער כוח, וואָס איז מנצח—דאָס איז דער גרונד-געדאַנק פון די נביאים, פון דער אגדה, פון דעם יודישען פאָלקלאָר. דער פיזיש שטאַרקערער ווערט בעזיגט, וואָרום ער איז גייסטיג שוואַכער. אין דער יודישער פאָלקס-שאַפונג, אין די יודישע פאָלקס-מעשיות איז נישטאָ קיין שפור פון דער אידעאַליזאַציע פון פיזישען כוח. די מאָטיווען פון פיזישער קראַפט בעגעגענען מיר נאָר זעלטען ביי יודען, ווי אין דבורה'ס ליד, אין די לעגענדעס וועגען בר-כוכבא. אפילו אין דעם ציקל לעגענדעס וועגען שמשון הגבור איז נישט דער פיזישער כוח גובר. דער יודישער העלד ראַנ-

געלט זיך נישט פאַר מאַכט, נישט פאַר פרויען, נישט פאַר עשירות, און נישט מיט פיזישע מיטלען, :אָר מיט גייסטיגע. דער איינציגער מאָטיוו אין די יודישע פאָלקס-מעשיות איז דער גייסטיגער קאַמף.

דער רעפערענט ברענגט אַ גאַנצע ריי מאָטיווען, וואָס זענען אייגען סיי דעם יודישען פאָלקלאָר סיי דעם אַלגעמיינעם. למשל, גערעַנגלען איינער אויף איינעם, ויכּוחים (פערגלייך מיט די מיטעלאַלטערליכע טורנירען) דער טיפּ פון אַ „איוואַנושקאַ דוראַטשאָק" (דער נסתר, דער למד-וואָווניק, דער צדיק מיט אַ שטריק אויף די לענדען, וואָס קאָן קיין שייטעל עברי נישט), די זיבען-מייליגע שטיוועל (קפיצת הדרך), „שאַפּקאַ נעווידימקאַ" (רואה ואינו נראה), אָבער אין יודישען פאָלקלאָר זענען דאָס אַלץ מיטלען פון גייסטיגען כּוח, אין דער צייט, וואָס ביי די אומות העולם איז דאָס אַ געוועהר פון פיזישען קאַמף.

דער רעפערענט שטעלט זיך אָב אויך אויף דעם, וואָס דער העלד, דער ריז, דער „באָגאַטיר" פון דעם אייראָפּעאישען פאָלקס-מעשה'לע איז געבוירען אַ גבור, נישט צו וויסען, פאַר וועלכע מעשים טובים (למשל, הערקולעס, איליאַ מוראָמעץ). אָבער לויט דער יודישער פאָלקס-שאַפונג מוז מען ווערען אַ גייסטיגער ריז. פאַרהאַן אַ גאַנצער ציקל יודישע פאָלקס-מעשיות, וואָס דערצעהלען, ווי אַזוי דער העלד איז געוואָרען אַ גיבור, גייסטיג גרויס, דורך דער שטרעבונג צו געטליכקייט. דער צדיק איז לויט דער יודישער פאָלקס-שאַפונג אַ גרויסע פערזענליכקייט מיט אַ גרויסען גייסטיגען כּוח, וואָס לערענט, כּדי קלוג צו ווערען; און לערנען לערענט ער סתרי-תורה, כּדי צו ווערען אַלוויסענדיג, כּדי צו קאָנען אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, גובר זיין זיינע תאות, זיין אייגענעם איך, אויסטהון זיך פון דעם עולם הגשמיות. דער דאָזיגער מאָטיוו חזר'ט זיך איבער אין טויזענדער מעשיות.

די שטרעבונג צו דער געטליכקייט, דער ריס אַרויפצו, די התלהבות פון דער גרויסער נשמה, דאָס אַלוויסען, דאָס גובר זיין דעם אייגענעם איך—זענען די כּוחות, וואָס קאָנען

אפילו אַ פשוט׳ען שניידער אָהן א״ב אַרויפברענגען צו דער העכסטער מדרגה פון אַ גייסטיגען העלד.

אויף וואָס־זשע נוצט דער העלד פון דער יודישער פאָלקס־שאַפונג אויס זיין אומגעהויערן כוח? דאָ קומט דער רע־פערענט צו דעם אינטערעסאַנטען טייל פון זיין רעפעראַט. מיט אַ ריי ביישפילען פון דעם יודישען פאָלקלאָר ברענגט דער לעקטאָר אַרויס די הויפט־מאָמענטען פון דער אויסנוצונג פון דעם גייסטיגען כוח, וועלכער ווערט פערווענדט ערשטענס אויף דער מלחמה מיט דער טומאה, מיט דער שוואַרצער מאַכט, צווייטענס אויף מתקן נשמות זיין, דריטענס אויפ׳ן קאַמף געגען די שוואַרצע כחות, וואָס אַרבייטען געגען דעם יודישען פאָלק (די מעשיות פון עלילת־דם, פון גזרות א. אַז. וו.) און ענדליך אויף פערריכטען דעם סדר פון דער וועלט.

די העכסטע מדרגה דערגרייכען די יודישע פאָלקס מעשיות אין דער שילדערונג פון דער מלחמה מיט געטליכקייט. די מלחמה מיט גאָט—דאָס איז דאָס גרעסטע וואונדער און דער העכסטער שוואונג פון די יודישע פאָלקס־מעשיות. גאָט איז גרויס, גאָט איז דערהויבען, גאָטס אמת איז גערעכט. אָבער גאָטס אמת, גאָטס רעכטפאַרטיגקייט איז צו גרויס, צו הויך פאַר דער ערד. און דער קאַמף מיט גאָט קומט פאָר מיט דער הילף פון דער תורה, וואָס איז די קאָנסטיטוציע צווישען הי־מעל און ערד. דער לעקטאָר גיט איבער אַלס די כאַראַקטע־ריסטישסטע פאָלקס־מעשה, וואָס שילדערט די מלחמה מיט גאָט, די מעשה מיט יוסף דילא רינה, וועלכע ער האַלט פאַר איינע פון די געניאַלסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס מאַכט דעם טיפסטען און שטאַרקסטען רושם.

דער רעפערענט בעווייזט מיט אַ ריי ביישפילען, ווי אַזוי די העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט, פאַר וועלכער עס האָבען געקעמפט און געשטריטען די גרעסטע גייסטער, געפינען אַן׳אויסדרוק אין דעם יודישען פאָלקלאָר.

אין זיין העכסט אינטערעסאַנטען, מיט אַן׳אינעווייניגסטער שטילער התלהבות געהאַלטענעם רעפעראַט אין משך פון דריט־

האַלבען שעה האָט דער רעפערענט באמת אויפגעדעקט פאַר די צוהערער אַ גאַנץ נייע גרויסע וועלט, פול זעלטענער שענקייט און גייסטיגער פראַכט. ס'איז אוממעגליך איבערצוגעבען די גאַנ-צע שפע געדאַנקען, געפיהלען און בילדער, וואָס דער דיכטער האָט אויפגעוועקט דורך דער ענטפלעקונג פון דער וואונדערלי-כער מלוכה פון דער יודישער פאָלקס-מעשה, וואָס איז אונז אַלעמען ליידער אַזוי פרעמד און אומבעקאַנט.

צום סוף האָט אַנ—סקי זיך געווענדט צום עולם מיט אַ הייסען רוף אָנצוהויבען אַנ'אַקציע, אַז אויך די ווערק פונ'ם יודישען פאָלקס-שאַפען אין ליטא זאָלען געזאַמעלט ווערען און דערצו מוז געשאַפען ווערען אַ בעזונדערע יודישע עטנאָגראַפי-שע געזעלשאַפט.

„די פּאָעזיע פֿון אַ פֿאָלק שילדערט אונז העל און בולט יענע פֿערבאָרגענע אי־נעווענינסטע וועלט פֿון דעם פֿאָלקס־לעבען, וואוהין עס פֿיהרט אונז נישט אריין נישט די פען פֿון דעם פֿלייסיגען היסטאָריקער, נישט דאָס שאַרפֿע אויג פֿון דעם מיליע־שרייבער.

אי. ג. אָרשאַנסקי.

פוק חזי מאי עמא דבר

(עירובין י"ד)

מ׳קאָן דרייסט יתּכן, אז ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק,
וואָס זאָל אַזוי פיל רעדען וועגען זיך און אזוי וועניג קענען
זיך, ווי די יודען. אין דער יודישער פרעסע געהען שוין א
צייט מיט יאָהרען אומענדליכע וכוחים און ליידענשאַפטליכע
אַמפערנישען וועגען דעם עצם פון יודישקייט, וועגען פאָלקס-
טימליכקייט, וועגען נאַציאָנאַליזם, וועגען דער גרויסער גייסטי-
גער ירושה, וועגען די קולטור-נאַציאָנאַלע ווערטען וכדומה; אין
דער ווירקליכקייט אָבער זעהען מיר נישט ביי יודען נישט קיין
ערנסטען אינטערעס צו דער יודישער קולטור, נישט קיין זאָרג
וועגען אויפהיטען זי און ווייטער ענטוויקלען, נישט די מינד-
סטע בעוואוסטזיניגע שטרעבונג אויסצופאָרשען די פאָלקסטימלי-
כע וועלט-בענעהמונג און די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען

פון יודישען פאָלק. מיר האָבען נישט קיין בעדייטענדע קולטו־רעלע אינסטיטוטען, און אונזער ליטעראַטור אויף אַלע דריי שפּראַכען (יודיש, העברעאיש און רוסיש) האָט נישט אונטער זיך קיין שום מאַטעריעלען באָדען. אונזערע געצעהלטע פעריאָדישע אויסגאַבען און די פּאָר פערלאַגען, אויב זיי עקזיסטירען ווי עס איז, איז עס נאָר אַ דאַנק דער מאַטעריעלער אונטער־שטיצונג פון פּריוואַטע פּערזאָנען אָדער פון פּאַרטיי־געזעלשאַפט־ליכע אינסטיטוציעס. מיר האָבען כמעט נישט קיין ליטעראַרישע געזעלשאַפטען, קיין ליטעראַטור־פאָנד. מיר האָבען נישט ניט נאָר וואָס קיין אַקאַדעמישע אויסגאַבען פון אונזערע בעסטע שריפטשטעלער, נאָר דאָס רוב אפילו נישט קיין פולשטענדיגע אויסגאַבען פון זיי, מיר האָבען נישט קיין אויספיהרליכע ביאָגראַפיעס פון פיל פון זיי. מיר האָבען נישט ניט קיין היסטאָרישען זשורנאַל, נישט קיין מעמואַרן־ליטעראַטור, נישט קיין בעדייטענדע מאָנאָגראַפיעס אפילו וועגען די בולט'סטע תקופות פון אונזער קולטור־געזעלשאַפטליכען לעבען פאַר דעם לעצטען יאָהרהונדערט.

נאָך אַ גרעסערן אינדיפערענטיזם ווייזט אונזער אינטעלי־גענץ אַרויס צו דער יודישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, צו יענעם אוצר פון דער פאָלקס־שאַפונג, וואָס נאָר ער אַליין קאָן אונז געבען די אמת'ע פאָרשטעלונג וועגען דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און וועלט־בענעהמונג פון יודישען פאָלק, וועגען זיינע קולטורעל־עטנאָגראַפישע, פסיכישע און מאָראַלישע אייגענ־טימליכקייטען. אויב דער דאָזיגער געביט ווערט טיילמאָל בע־ריהרט אין אונזער פרעסע, איז עס גרעסטענטיילס נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע, נישט צוליב זעלבסטדערקענטעניש, נאָר צוליב זעלבסטפערטיידיגונג, מיט דעם צוועק אַראָבצונעמען פון די יודען אַ וועלכע עס איז בייזוויליגע בעשולדיגונג, אָבצולייקענען אַ וועלכען עס איז בלבול. עפּעס אַזוי ווי כּאַר זיך גופא בויטיגען זיך די יודען גאָרנישט אין זעלבסטדערקענטעניש. ס'איז גענוג, אַ יוד זאָל קענען עטליכע גלייכווערטלעך און וויצען, אַז ער זאָל זיך האַלטען פאַר אַ טיפען קענער פון „יודענטום“.

קיינער וועט נישט געהן אָבפּרעגען, אַז די עטנאָגראַפיע און בפרט דער פאָלקלאָר פון דעם אַלטען קולטור-פאָלק, וואָס האָט אין משך פון צוויי טויזענד יאָהר געוואָגעלט צווישען אַ סך קולטור-פעלקער פון אַרישען שטאַם, דאַרף זיך אויסצייכענען מיט אַ גרויסער עשירות פון פערשידענאַרטיגקייט און האָבען אַ אומגעהויערע געזעלשאַפטליכע בעדייטונג. און דאָך איז אויף דעם געביט פון אויספאָרשען די יודישע עטנאָגראַפיע אויפגעטהון געוואָרען אפשר ווייניגער, ווי אין דער עטנאָגראַפיע פון אַ ליאַדע האַלב-ווילדען שבט. אמת, די רוסישע יודען האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך נישט ווייניג אויסגעצייכענטע עטנאָגראַפען, אָבער קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט בעשעפטיגט מיט דער בעאַרבייטונג פון דער יודישער עטנאָגראַפיע. דער בעוואוסטער עטנאָגראַף, דער זאַמלער פון די רוסישע שפּריכ־ווערטער און דער מחבר פון דעם „טייטש-ווערטערבוך” וו. דאַל, וועלכער האָט געשטאַמט פון יודען, האָט נישט אָנגעשריבען אפילו קיין צוויי שורות איבער דער יודישער עטנאָגראַפיע, דאָס אייגענע קאָן מען זאָגען אויך וועגען דעם זאַמלער פון די ריסישע פאָלקס-לידער פּ. וו. שעאין. די איצטיקע יודען-עטנאָגראַפען, ל. י. שטערנבערג, מ. א. קראָל, וו. ג. באָגאָראַז (טאַן), וו. אי. יאָכעלסאָן, וואָס האָבען די בעסטע יאָהרען פון זייער לעבען פערבראַכט אין די סיבירער טונדרעס, זענען געווען געצוואונגען דורך די אומשטענדען צו פערנעהמען זיך מיט דער פאָרשונג פון די ווילדע און האַלב־ווילדע נאָמאַדען, די בוריאַטען, יוקאַגירען, גיליאַקען, טשוקטשען א. אַנד. און דאָס יודישע פאָלק וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין עטנאָגראַף.

העכער מיט פערציג יאָהר צוריק האָט אי. נ. אָרשאַנסקי, וועלכער האָט אפשר דער ערשטער אויפגעהויבען אין דער פּרעסע די פראַגע וועגען דער יודישער פאָלקס-שאַפונג, אָנגעוויזען אויף דער אומגעהויערער וויסענשאַפטליכער און געזעלשאַפטליכער בעדייטונג זי אויסצופאָרשען. וואָס איז אָבער אויפגעטהון געוואָרען אויפ׳ן דאָזיגען געביט פאַר באַלד אַ האַלבען יאָהר-

הונדערט! ווען מ'זאָל נישט רעכענען עטלעכע אַרטיקלען אין זשורנאַלען און צייטונגען, דאָס רוב אומבעדייטענדע, זענען מיר פאַר דער דאָזיגער צייט, ריכטיגער געזאָגט–פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, בערייכערט געוואָרען מיט צוויי מעהר אָדער וועניגער בעדייטענדע זאַמלונגען פון יודישע פאָלקס-לידער און שפּריכווערטער*), וואָס ענטהאַלטען אין זיך אַרום 400 לידער (דערין וואַריאַנטען און פראַגמענטען) און אַרום 4000**) שפּריכווערטער. און דאָס איז גאָר, וואָס מיר האָבען אויף דעם געביט פון דעם רייכסטען יודישען פאָלקלאָר. נישט נאָר איז עד היום נאָך נישט אַרויסגעגעבען, נאָר ס'איז אפילו קיין פּרוב נאָך נישט געמאַכט געוואָרען צו זאַמלען און פערשרייבען די פאָלקס-מעשיות, לעגענדעס, משלים, אָבשפּרעכענישען, גלויבונגען וכדומה.

אָבער די דאָזיגע זאַך קאָן נישט אָבגעלעגט ווערען. מיט יעדען יאָהר, מיט יעדען טאָג געהען אונטער, פערשווינדען די טייערסטע פּערעל פון דער פאָלקס-שאַפונג. דער אַלטער דור, דער פאָרגעהער פון דעם קולטורעלען איבערברוך, שטאַרבט אויס און טראָגט אַוועק אין קבר אריין די ירושה פון אַ טויזענדיאָהריגער פאָלקס-שאַפונג. ווי גיך עס ווערען פערגעסען און פערשווינדען די ווערק פון דער דאָזיגער פאָלקס-שאַפונג קאָן מען אַרויסזעהן פון אַזאַ מין פאַקט:

אין זיינע אַרטיקלען ברענגט אגב אָרשאַנסקי פראַגמענטען פון אייניגע, זעהר פּאָפּולערע פאָלקס-לידער, פון דעם „ליד

---

*) „יודישע פאָלקס-לידער אין רוסלאַנד", געזאַמעלט און אַרויסגעגעבען אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַנ'אריינפיהר פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק פעטערבורג 1901.—איגנאַץ בערנשטיין, „יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען", צווייטע פערמעהרטע און פערבעסערטע אויפלאַגע (די ערשטע אויפלאַגע איז אַרויס אין יאָהר 1888), וואַרשאַ, 1908.

**) אין דער ווייט נישט פולשטענדיגער זאַמלונג „שפּריכווערטער פון דעם רוסישען פאָלק" פון וו. דאַל איז דאָ ביז 30000 שפּריכווערטער.

וועגען טויט״, פון אַ סאַטיריש ליד וועגען אָבגעקומענע גבירים, פון אַ ליד וועגען צוויי ברידער, וואָס דערמאָהנט שטאַרק דעם רוסישען „שיר וועגען דעם עושר און לאַזאַר״ און אַנד. אָט די דאָזיגע לידער איז אויך מיר אויסגעקומען צו הערען קינדורייז און איך געדענק זיי נאָך עד-היום, און איך קאָן בעשטעטיגען, אַז נאָך מיט אַ דרייסיג יאָהר פריהער זענען זיי געווען זעהר פאָפולער אין דער מאַסע. אָבער אין דער זאַמלונג פון גינז-בורג און מאַרעק, וואָס פאַר איהר זענען די לידער געקליבען געוואָרען אין אַלע עקען רוסלאַנד אפשר דורך אַ פופציג פער-זאָן, געפינען מיר שוין נישט די דאָזיגע לידער. ווייזט אויס, אַז צום אָנהויב XX יאָהרהונדערט, איבער אַ 20—25 יאָהר נאָכ-דעם, ווי איך האָב זיי געהערט, זענען זיי שוין פערגעסען גע-וואָרען.

ביי היינטיגען טאָג שטעהט פאַר אונז אַנ׳אויפגאַבע נישט אָבצולעגען: אָרגאַניזירען אומעטום אַ סיסטעמאַטישע זאַמלונג פון די וועָרק פון אַלע מינים פאָלקס-שאַפונג, פון די מאָנומענטען פון יודישען אַלטערטום, אַ בעשרייבונג פון דעם אַלטען יודי-שען לעבענסשטייגער. די דאָזיגע זאַך, אינגאַנצען אַנ׳אויסער-פארטייאישע, אַ קולטורעלע און נאַציאָנאַלע, דאַרף צוציהען און גרופירען אַרום זיך די בעסטע כחות פון אונזער פאָלק. שוין צייט צו שאַפען די יודישע עטנאָגראַפיע!

## דער כאַראַקטער און די אייגענשאַפטען פון דער יודישער פאָלקס-פאָעטישער שאַפונג.

### I

אין דער יודישער שאַפונג, נישט נאָר דער פאָלקס-פאָע-טישער, נאָר אפילו אויך דער אַלט-נאַציאָנאַלער (אין דער גע-שטאַלט, אין וועלכער זי איז דערגאַנגען צו אונז) פעהלען

כמעט אַלע גרונד-מאָטיווען פון דער פאָלקס-פאָעטישער שאַפונג פון די אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער. אויב אין די עלטסטע דענקמעלער פון יודישען פאָלקס-געניוס (חומש, נביאים ראשונים) דערקענען מיר נאָך שפּליטערס פון פאַרהיסטאָרישען עפּאָס און פון העלדען-געזאַנגען, איז אָבער אין די שפּעטערע ווערק פון דער נאַציאָנאַלער און פאָלקסטימליכער שאַפונג, דעם היינטיגען פאָלקלאָר אַריינגערעכענט, געפינען מיר נישט ניט דעם העלדען-עפּאָס, נישט די העלדען-לעגענדעס און העלדען-לידער, נישט קיין קריגעריש-פּאַטריאָטישע פּאָעמען—קיין שום זאַך פון דעם, וואָס זאָל לויט פאָרם און אינהאַלט זיין עהנליך אויף „איליאַדע״ און „אָדיסעע״, אויף די סקאַנדינאַווישע סאַגעס, אויף די רוסי-שע בילינעס, אויף דעם דייטשען „ניבעלונגענליד״, אויף די פראַנצויזישע „Chansons de geste״ א. אַנד.

דער יודישער נאַציאָנאַלער און פאָלקסטימליכער פּאָעזיע זענען אינגאַנצען פרעמד אַזעלכע מאָטיווען, ווי די אידעאַליזאַ-ציע פון פיזישער גבורה, ווי די התפּעלות פאַר דעם אַזאַרט פון מלחמה, ווי דאָס בעזינגען ריטערליכע גבורות און נצחונות—בכלל פרעמד יעדער בוקען זיך צו דער טריאומפירענדיגער פיזישער קראַפט.

די סבה פון דער דאָזיגער ערשיינונג איז קודם-כל די, וואָס די יודישע פּאָעטישע פאָלקס-שאַפונג קוועלט אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדער מקור, ווי די שאַפונג פון אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער. אין דער צייט וואָס אין יסוד פון דעם גאַנצען פאָלק-לאָר פון די קריסטליכע פעלקער ליגט דער הײדנישער עלעמענט, וועלכער באַזירט אויף דער מאַטעריאַליזאַציע און געגענזייטיגער מלחמה פון די נאַטור-קרעפטען און אויף דעם קולט פון דער פערזענליכקייט,—איז די יודישע שאַפונג אינ-גאַנצען דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון אחדות הבורא, וועלכע איז אין איהר גרונד פיינדליך צו יעדען מין קאַמף און שטעלט די גייסטיגע שלמות העכער פאַר דער מאַטעריעלער און מכל-שכן—פאַר דער פיזישער.

ביי די אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס האָבען צו דער צייט

פון זייער אַריבערטרעטען צום קריסטענטום דערגרייכט אַ מעהר אָדער וועניגער הויכע מדרגה פון קולטורעלער ענטוויקלונג, האָט זיך די מאָנאָטעאיסטישע אידעע צוזאַמענגעטראָפען מיט די נאַציאָנאַלע געטער, מיט אַנ׳איינגעשטעלטען קולט, מיט אַ פאָלקס אויסגעפאָרעמטער היידנישער וועלט-בענעהמונג און מיט אַ אויסגעקריסטאַליזירטער היידנישער לעגענדע. און אויב די פאָלקס-מאַסען האָבען, נאָך אַ האַרטנעקיגען, טיילמאָל דורות-לאַנגען ווידערשטאַנד זיך אָבגעזאָגט פון זייערע נאַציאָנאַלע געטער און פון היידנישען קולט, זענען זיי אָבער טריי געבליבען זייער אַלטער וועלט-בענעהמונג און דער היידנישער לעגענדע, וועלכע האָבען עס געדינט פאַר אַ יסוד פאַר דער גאַנצער שפּעטערדיגער פאָלקס-פּאָעטישער שאַפונג אין דער פאָרם פון מעשה׳לעך, לעגענדעס, גלויבונגען, אָבשפּרעכענישען, מנהגים און טיילווייז לידער. דאָס איינציגע, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט די ווירקונג פון דער קריסטליכער אידעע אויף דעם היינטיגען אייראָפּעאישען פאָלקלאָר—איז, וואָס ער האָט אַסימילירט די קריסטליכע נעמען און געשעהענישען און האָט אויפגענומען איניגע לעגענדעס, וואָס זענען בעפאַרבט מיט אַ קריסטליכער שטימונג, אָבער אין זיין גרונד איז ער געבליבען היידניש.

גאַנץ אַנדערש איז געגאַנגען די ענטוויקלונג פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג. דאָס יודישע פאָלק, וואָס האָט געבראַכט דער וועלט די אידעע פון מאָנאָטעאיזם, האָט אָנגענומען דעם דאָזיגען קולט ביים אָנבּרוך פון זיין קולטור-נאַציאָנאַלען לעבען נאָך פריהער, איידער דאָס פאָלק האָט בעוויזען צו שאַפען זיך נאַציאָנאַלע געטער, אַ היידנישע וועלט-בענעהמונג און אַ היידנישע לעגענדע. אמת, אויך די יודישע פאָלקס-מאַסע האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט זיך בעפרידיגען מיט אַנ׳אַבסטראַקטען גייסטיגען גאָט און האָט זיך געזוכט קאָנקרעטע, מאַטעריעלע געטער. אַלס בעסטער סימבאָל פאַר דער דאָזיגער זוכעניש קאָן דינען די ביבלישע לעגענדע וועגען רחל׳ען, וועלכע האָט צוגע׳גנב׳עט די געצען-בילדער פון איהר פאָטער. די פאָלקס-מאַסע, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויס פון מצרים, פאָדערט

ביי אהרנ׳ען: „שטיי אויף, מאַך פאַר אונז געטער, וואָס זאָלען געהן פאַר אונז" (שמות, ל"ב, א). אויך שפּעטער, אין משך פון הונדערטער יאָהרען, נישט קוקענדיג אויף משה-רבינוס התראות, נישט קוקענדיג אויף די פייערדיגע שטראָף-רייד פון אַלע נביאים, האָבען די יודען ביי יעדען צוזאַמענשטויס מיט די גע-צענדינער זיך געלאָזט מיטרייסען מיט זייער קולט, זיך אָנגע-הויבען צו בוקען צו דגן, בעל, עשתורת, מולך און אַ סך אַנ-דערע אָבגעטער. אָבער די דאָזיגע אַלע געטער פון דער עבודה זרה זענען געבליבען פאַר די יודען פאָרט נישט מעהר ווי „אלהים אחרים"—פרעמדע געטער, און דאָס פערהערליכען זיי צייטווייליג האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום בעדייטענדען שפּור אין דער יודישער שאַפונג, נישט געהאַט קיין שום קענ-טיגע ווירקונג אויף דער יודישער וועלט-בענעהמונג. סוף-כל-סוף איז דער קולט פון מאָנאָטעאיזם געוואָרען פאַר דעם יודישען פאָלק דער נאַציאָנאַלער קולט און זיך פערוואַנדעלט אין דעם איינציגען מקור פון דער גאַנצער פאָלקסשאַפונג.

די צווייטע סבה פון דער אויבענדערמאָהנטער ערשיינונג ליגט אין די אויסנאַהמליכע און אייגענאַרטיגע פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען פון דעם יודישען פאָלק אין משך פון די לעצטע צוויי יאָהרטויזענדער. פערלוירען דאָס אייגענע לאַנד, דאָס זעלבשטענדיגע מלוכה׳שע לעבען, צעזייהט צווישען אַנדע-רע פעלקער, גע׳רודפ׳ט און אוממעכטיג, האָט דאָס יודישע פאָלק נישט געהאַט קיין שום באָדען פאַר אייגענער העראָאישער פּאָ-עזיע און וועניגער פאַר אַלץ געהאַט טעמים צו בעגייסטערן זיך מיט די נצחונות און גבורות פון לאַנד-בעצווינגער, העלדען און ריטער פון פרעמדע פעלקער.

אָט די צוויי אומשטענדען האָבען גורם געווען, וואָס אין דער יודישער פאָלקס-שאַפונג פעהלען כמעט אינגאַנצען העראָ-אישע מאָטיווען. אָנשטאָט זיי געפינען מיר אין דער דאָזיגער שאַפונג די געגענזעצליכע מאָטיווען, וועלכע זענען דורכגעדרונ-גען מיט דער טענדענץ, אַז די רוחניות׳דיגע (גייסטיגע און מאָראַלישע) שלמות איז נישט דער ערך העכער, ממשות׳דיגער

און מְעכטיגער ־אַר דער מאַטעריעלער, פיזישער מאַכט, ווי גבוריש זי זאָל נישט זיין.

דאָס ערשטע ווערק פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען גע־ניוס—דער חומש, וואָס די שערבלעך פון די גבורישע לעגענ־דעס אין איהם האָבען די שפּעטערדיגע שעפער פון דעם נביאים־פעריאָד אַזוי וויט אַנדערש בעפאָרבען, אַז יהוה, דער „איש מלחמה“, איז ביי זיי מגולגל געוואָרען אין אַ „אל רחום וחנון“— איז שוין בעשטימט דורכגעדרונגען מיט אַ נעגאַטיווער בעציהונג צו דער מאַטעריעלער קראַפט, בפרט צו דער פיזישער, און מיט דער אידעאַליזאַציע פון דער רוחניות׳דיגער פאָלקאָמענהייט. אין די פילע ביבלישע עפּיזאָדען פון פאַר די נביאים ווייזט זיך שוין גאַנץ בולט אַרויס די טענדענץ, אַז ביי צוזאַמענשטויסען צווישען בעזונדערע פערזאָנען אַדער פעלקער איז כמעט שטענ־דיג מנצח דער, וואָס איז פיזיש שוואַכער, אָבער העכער גיי־סטיג. אברהם מיט אַ הייפעל זיינע קנעכט איז גובר פיל מלכים, יעקב בעקומט די אויבערמאַכט איבער זיין שטאַרקען ברודער עשו. ביים איבערגעהן דעם מדבר פערטיליגען די יודען גאַנצע שבטים ריזען, מיט דעם מורא׳דיגען ריז עוג מלך הבשן בראש. דער קליין־געוויקסיגער דוד דערשלאָגט גלית׳ן, דעם גרויסען העלד*).

אָבער די דאָזיגע אַלע נצחונות איבער די בורא׳דיגע מחנות אָדער איינציגע העלדען ווערען נישט צוגעשריבען דעם כח און גבורה פון די זיגער, נאָר בלויז דעם אָרים פון גאָט. משה רבינו דערמאָהנט שטענדיג דעם יודישען פאָלק, אַז גאָט האָט איהם (דעם פאָלק) איבערגעגעבען אין די הענד די פיינד זיינע“, און ער וואָרנט דאָס פאָלק, אַז עס זאָל נישט טראַכטען ביי זיך אין האַרצען: „מיין כח און די מאַכט פון מיין האַנד האָט עס מיר איינגעשאַפט דעם דאָזיגען רייכ־

*) די דאָזיגע טענדענץ איז אפשר אויך געקומען צום אויסדרוק אין פרעה׳ס חלום, אַז די מאָגערע קיה האָבען איינגעשלונגען די פעטע.

זוט" (דברים ח׳ י״ז), ווארים אזוי קאנען נאר טראכטען נארא-ניפ: דער פערשטענדיגער אבער דארף פערשטעהן: „ווי אזוי זאל איינער יאגען טויזענד און צוויי זאלען מאכען לויפען צעהן טויזענד, ווען נישט זייער פעלז, וואס האט זיי פערקויפט, און יהוה, וואס האט זיי איבערגעגעבען״? (דברים ל״ב, ל), אגב ווערען די דאזיגע נצחונות דאס רוב נישט נאר צוגעשריבען דער געטליכער הילף, נאר גאט אליין טאקע האלט זיי אויך אפ ביי זעהר א שוואכען אנטייל מצד דעם יודישען חייל.

אויסגעהאלטענער און בעשטימטער ווי אין חומש האבען זיך די דאזיגע אלע אייגענטימליכקייטען פון דער יודישער שאפונג ארויסגעוויזען אין די ווערק פון די נביאים. דאס רוב פון זיי האבען געלעבט אין אזא צייט, ווען דעם יודישען פאלק איז אויסגעקומען צו פיהרען א פערצווייפעלטען געראנגעל געגען די חיילות פון די בעצווינגער, צו פערטיידיגען מיט געווערה אין האנד נישט נאר די נאציאנאלע זעלבשטענדיגקייט, נאר אפילו זיין קיום גופא. און פונדעסטוועגען, אנשטאט צו וועקען מיט זייערע נביאות דעם קריגערישען גייסט, צו רופען דאס פאלק צום קאמף, צו בעזינגען די גבורות פון די בע-הארצטע און שטארקע, ווי דאס פלעגען אין אזעלכע פאלען טהון די דיכטער פון אנדערע פעלקער—האבען זיי דעם גאנצען כוח פון זייער מעכטיגען ווארט אנגעווענדט דערויף, אומצוקעה-רען דאס פאלק צו דינען גאט, און געוואהרענט עס פאר זיינע זינד מיט די שרעקליכסטע אנשיקענישען, חורבנות, קנעכטשאפט און שאנד. ס׳פלעגט קומען אזוי ווייט, אז דער גרעסטער פון די נביאים, ירמיהו, איז שיר נישט געטויט געווארען, פארוואס „ער שוואכט אב דעם גייסט פון פאלק״.

די נביאים זענען אין גאטס נאמען שטענדיג מתרה די יודען: „דער קלוגער זאל זיך נישט ריהמען מיט זיין חכמה, און דער שטארקער זאל זיך נישט ריהמען מיט זיין גבורה, און דער רייכער זאל זיך נישט ריהמען מיט זיין רייכקייט; נייערט דערמיט זאל זיך ריהמען דער, וואס וויל זיך ריהמען, אז ער פערשטעהט און קען מיך, אז איך בין דער האר, וואס סהוט

חסד, משפט און גערעכטיגקייט אויף דער ערד" (ירמיה, ט, כב—כג).

די נביאים מאָהלען טיילמאָל שטאַרקע און מעכטיגע גבורים, אָבער דאָס טהוען זיי נאָר, כדי אָנצושרעקען מיט זיי די זינדיגע און ווידערשפּעניגע. דער נביא יואל, שילדערענדיג דעם קומענדיגען „טאָג פון חושך ואפלה", זאָגט אָן: „אַזוי ווי דער מאָרגען שיין שפּרייט זיך אויס איבער די בערג אַ פאָלק פיל אין צאָהל און אַ שטאַרקס, וואָס זיין גלייכען איז נאָך נישט געוועזען פון אייביג אָן און אויך נאָך איהם וועט נישט זיין מעחר פון דור צו דור" (יואל ב, ב). אַן׳אַנדער נביא, חבקוק, שילדערט די כשדים ווי מעכטיגע גבורים: גאָט דער האַר זאָגט: „זעה—איך וועל אויפשטעלען די כשדים, דאָס ביטערד און געשווינדע פאָלק, וואָס וועט דורכגעהן די ברייט פון דעם לאַנד, איינצונעהמען די וואוינונגען, וואָס זענען נישט זיינע. גרויזאַם און שרעקליך איז עס; דער משפט און די מאַכט געהט אַרויס פון איהם אליין. זיינע פערד זענען געשווינדער ווי די לעמפּערטען און שאַרפער ווי די וועלף, וואָס פון דער נאַכט. זיינע רייטער ציהען מחנות׳ווייז, פון דער ווייט קומען זיי אָן, פליהען ווי די אָדלערס, וואָס איילען צו זייער רויב. זיי אַלע קומען צו גזלה, מיט זייער פּנים צו מזרח-זייט, און וועלען איינזאַמלען געפאַנגענע, ווי זאַמד. זיי וועלען שפּעטען פון די מלכים און פון די פירשטען וועלען זיי לאַכען; איטליכע פעסטונג וועט פאַר זיי זיין אַ שפּילכעל, וועלען אָנשיטען ערד און זי בעצווינגען". און דער נביא לאָזט אויס די דאָזיגע בעשרייבונג מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישען אויסרוף: „אָ, גאָט, דו האָסט איהם אָנגעברייט צום משפט!... דיינע אויגען זענען צו ריין, צו זעהען שלעכטס, און אויף אומגערעכטע מעשים קאָנסטו נישט קוקען; פאַרוואָס-זשע קוקסטו אויף די פעלשער און טהוסט שווייגען, ווען דער רשע שלינגט איין דעם, וואָס איז גערעכטער פון איהם?" (חבקוק, א, ו—י, י"ב—י"ג).

אויב די נביאים, דערהויפּט די גרעסערע פון זיי, לעבענדיג אין אַן׳אַטמאָספערע פון אומאויפהערליכע מלחמות, אינ-

ווענינסטע רייסערייען און געגענזייטיגער פערלענדונג פון די פעלקער און שבטים, וואָס האָבען געוואוינט אין שכנות איינס מיט ן אַנדערן,—האָבען געווידמעט דעם גרעסטען טייל פון זייערע נביאות דעם פייער און שווערד, פאָראויסגעזאָגט אָנפאַלען, פערטיליגונגען און קנעכטשאַפט,—זענען אָבער זייערע פערזענליכע אידעאַלען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען הומאַניזם, מיט אַ ליידענשאַפטליכער שטרעבונג צו ליכט, צו גערעכטיגקייט, צו שלום און צו סאָציאַלען יושר. און איטליכעס מאָל ווען זיי פלעגט זיך איינגעבען אָבצעווענדען זייער בליק פון דער פינסטערער ווירקליכקייט און אַריינקוקען אין דער סיף פון דער צוקונפט—פלעגט פאַר זייער בליק זיך אויסמאָהלען גאָר אַג׳אַנדער וועלט, וואָס איז געבויט אויף די יסודות פון ברידערליכקייט, גערעכטיגקייט און אַבסאָלוטען שלום נישט נאָר צווישען מענשען, נאָר אפילו צווישען חיות און בהמות. (ישעיה, י׳ ב, ד; י״א, ו—י; יחזקאל ל״ט, ט—י; הושע, ב, כ; מיכה ד, ג-ה; זכריה, ט, י);

## II

אויף אַזאַ נעגאַטיווע בעציהונג צו קריגערישער מאַכט, גבור׳ישער קראַפט און שלאַכט-העראָאיזם האָט דאָמינירט אין דער נאַציאָנאַלער שאַפונג סיי בשעת דעם נאַציאָנאַלען לעבען פון די יודען, סיי דאַן, ווען זיי האָבען פערטיידיגט זייער זעלבשטענדיגקייט אָדער געהאָפט זיך צוריקצוקעהרען מיט דער הילף פון געוועהר,—האָט די דאָזיגע בעציהונג זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט שפעטער, ווען דאָס פאָלק, פערטריבען אין גלות, האָט אָנגעוואוירען יעדע האָפנונג מיט אייגענע כחות אומצוקעהרען זיך דאָס פערלוירענע פאָטערלאַנד. די אידעאַליזאַציע פון דער רוחניות׳דיגער פאָלקאָמענהייט און דאָס אַנטקעגענשטעלען זי דער מגושמ׳דיגער און בייזער פיזישער קראַפט, וואָס פריהער האָט עס אַרויסגעקיועלט פון איזנעווניגסטע מאָראַלישע באַטיוועז, און איצט דיקטירט געוואָרען דורך די אויסערליכע

לעבענס-בעדינגונגען. דאָס פערלירען ביסלעכווייז די געוואָהנ-
הייטען פון מלחמה און דער טיפער בעוואוסטזיין פון דער איי-
גענער פולשטענדיגער אוממעכטיגקייט, האָבען סיסטעמאַטיש אויס-
געמעקט פון דער יודישער שאַפונג אַלץ, וואָס האָט געהאַט די
מינדסטע שייכות צו קריגערישקייט און שלאַכט-העראָאיזם. אין
דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור געפינען מיר שוין זעהר וועניג
דערצעהלונגען און בעטראַכטונגען וועגען מלחמות, נצחונות און
מפלות, אַריינגעטהון אינגאַנצען אין איין אויפגאַבע: מיט
גייסטיגע בענדער צו פערקניפען דאָס פאָלק, וואָס האָט פער-
לוירען זיין טעריטאָריאַל-מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציע. שטעלט זיך
דער תלמוד גאַנץ וועניג אָב אויף די פּאָליטישע געשעהענישען
פון זיין צייט, ווען זיי זענען אפילו דירעקט געווען שייך צו
די יודען. לעבענדיג אויסשליסליך אין דער פערגאַנגענהייט, האָט
ער זיך כסדר צוריקגעקעהרט צו די ביבלישע לעגענדעס, זיי
אויסגעטייטשט, פּאָפּולאַריזירט און דערהויפּט היפּערבאָליזירט,
כדי צוצוגעבען די ביבלישע פּערזאָנען און געשעהענישען וואָס
אַ גראַנדיאָזערן כאַראַקטער. און בלויז אויף דעם באָדען גיט
דער תלמוד עטליכע לעגענדעס וועגען גבורים. אָבער אַלע האָ-
בען זיי אַ ספּעציפישען כאַראַקטער: די תלמוד׳ישע ריזען און
גבורים צייכענען זיך דערהויפּט אויס מיט אַ משונה גרויסער
וואוקס, טיילמאָל מיט אַ משונה ווילדער קראַפט, אָבער דער
תלמוד שילדערט זיי נישט ניט קריגעריש און ניט בלוט-דורש-
טיג און שטעלט זיך נישט אָב אויף זייערע גבורות. לויט דער
תלמוד׳ישער לעגענדע איז אדם הראשון געווען אַזאַ ריז, אַז
ער האָט מיט זיין וואוקס געגרייכט ביז׳ן הימעל, און אין דער
ברייט-פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן („עבודה זרה“, ח).
לויט אַן׳אַנדער תלמוד׳ישער לעגענדע זענען אַלע מענשען אַמאָל
פאַר׳ן מבול געווען ריזען; אין עטליכע מינוט האָבען זיי גע-
קאָנט אויסגיין די גאַנצע וועלט; אַז זיי פלעגען אויפ׳ן וועג
אָנטרעפען וועלדער פון הונדערטיאָהריגע דעמבעס, פלעגען זיי
זיי אויסרייסען אַזוי ווי גראָז. אַז אויף זיי פלעגען אָנפאַלען
לייבען און לעמפּערטען, האָבען זיי געפיהלט זייער ביס אַזוי

ווי דעם ביס פון מוקען. די ווייבער פון די דאָזיגע ריזען פלע־גען געבוירען צו זעקס קינדער פאַר אַמאָל, און די ניי-געבוי־רענע פלעגען זיך גלייך שטעלען אויף די פיס, שפילען און טאַנצען. זיי פלעגען תיכף אָנהויבען צו ריידען אויף לשון-הקודש (פרקי אליעזר״, כ״ב).

אַ ריז איז אויך געוועזן משה רבינו, אָבער ער ווערט אַזוי געשילדערט נאָר דערפאַר, כדי בולט׳ער אַרויסצושטעלען די אומגעהויערע וואוקס פון דעם קלאַסישען ריז עוג מלך הבשן. משה איז געוועזן הויך צעהן איילען, אַ שווערד האָט ער געהאַט פון צעהן איילען די לענג און ביי דער בעגעגעניש מיט עוג׳ן האָט ער געגעבען אַ שפרונג אויף צעהן איילען, אָבער געטראָפען האָט ער דעם ריז נאָר אין קנעכל.

דער תלמוד שילדערט יעקב׳ס זיהן, דערהויפּט שמעון׳ען און יהודה׳ן, ווי מעכטיגע גבורים. וועגען דעם לעצטען ווערט דערצעהלט, אַז ווען יוסף, איידער ער האָט זיך געלאָזט דער־קענען פון די ברידער, האָט געהייסען אַריינזעצען שמעון׳ען אין תפיסה, האָבען זיך אויף שמעון׳ען אַ וואָרף געטהון זיבעציג קריגסלייט מיט ענטבלויזטע שווערדען. ער האָט אָבער דער־לאַנגט אַזאַ שטאַרקען ברום, אַז זיי זענען אַלע גלייך צעפאַ־לען אויף דער ערד און זיך אפילו אויסגעהאַקט די צייהן, און יוסף מיט זיינע דינער האָבען זיך דערשראָקען און זיך צעלאָ־פען („בראשית״ כב, ט״ו, צ״א)*).

אויב די אגדתא שילדערט די פּערזאָנען פון תנך ווי אויסטערלישע גבורים, כדי צו ווייזען די גרויסקייט, הייליגקייט און אומבעריהרליכקייט פון דער ביבלישער דאָגמע, איז אָבער די בעציהונג פון תלמוד גופא צו דער קראַפט פון גבורים און

---

*) אַזאַ מין פערקערפערונג פון גביר׳ישער קראַפט אין קול, וואָס איז אויך בעקאַנט דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער (למשל, דער פייף פון סאָלאָוויי-גזלן אין די רוסישע מעשיות) בעגעגענט זיך בעזונדערס אָפט אין דער יודישער פאָלקס־שאַפונג.

צום קריגערישען העראָאיזם פונקט אַזאַ נעגאַטיווע, און אפשר נאָך אַ נעגאַטיווערע, ווי אין חומש און ביי די נביאים*). בע-זונדערס בולט האָט זיך עס אַרויסגעוויזען אין די תלמוד'ישע לעגענדעס וועגען אלכסנדר מוקדון, וואָס צו איהם בעציהט זיך דער תלמוד נישט נאָר מיט גרויס דרך-ארץ, נאָר אפילו מיט יראת-הכבוד. דער גרויסער איש-מלחמה פיגורירט אין די דאָזי-גע לעגענדעס בלויז אַלס גרויסער חכם, אַלס גערעכטיגער און גנעדיגער הערשער. צו איהם קומען זיך משפט'ען פאַרשטעהער פון פערשידענע פעלקער און ער טראָגט-אַרויס אַ גערעכטען פסק-דין. ער רופט צונויף די יודישע חכמים און גיט זיי אויף פראַגען און רעטעניש'ען. אָבער וועגען זיינע העראָאישע נצחונות און מלחמות שווייגט אינגאַנצען די אגדתא און בעציהט זיך אפילו צו זיי איראָניש, ווי, למשל, אין דער אגדה וועגען די אַמאַזאָנקעס, וואָס ווען אלכסנדר מוקדון איז געקומען זיי איינ-נעהמען, האָבען זיי אַרויסגעטראָגען זיין הונגעריגען חייל אַנט-קעגען גאָלדענע לעבלעך ברויט און אויף דער בקשה צו געבען זיי פשוט'ען ברויט, האָבען זיי געענטפערט: „פעהלט דען אין דיין אייגענעם לאַנד פשוט ברויט, וואָס דו ביזט געקומען נאָך איהם אַזש אַהערצו?" ביים אַוועקגעהן פון דעם דאָזיגען לאַנד האָט אלכסנדר אויפגעשריבען אויף די טויערן פון דער שטאָדט:

---

*) אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז די איינציגע תלמוד'ישע לעגענ-דע, וואו עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַ געוויסע אידעאַליזאַציע פון קריגערישען העראָאיזם און גבורה, די מעשה מיט די מורדים פון בר־כוכבא: „געווען איינער אַ בן־כוזיבא (בר־כוכבא), האָט ער געהאַט צוויי הונדערט טויזענד קריגסלייט, וואָס ביי יעדערן איז געווען איין פינגער אָבגעהאַקט. האָבען די חכמים געשיקט צו איהם זאָגען: „ווי לאַנג נאָך וועסטו מאַכען די קינדער פון ישראל פאַר קאַליקעס?" האָט ער זיי געענטפערט: „ווי אַזוי זשע אַנדערש קאָן איך אויספּרובען זייער כח?" האָבען זיי איהם געזאָגט: „ווער עס איז נישט אימשטאַנד, יאָגענדיג זיך אויף פערד, אויסצורייסען מיט'ן וואָרצעל אַ צעדערבוים פון לבנון, יענער זאָל נישט זיין אין דיין מחנה" (בבא מציעא. פ"ד).

„איך, אלכסנדר מוקדון, בין דאָס גאַנצע לעבען געווען פער־נצרישט, ביז איך בין געקומען אין דעם אַפריקאַנישען לאַנד פון די ווייבער און זיך געלערנט פון זיי חכמה״ (תלמוד. צ״א).

אין תלמוד, אַזוי ווי אין תנך, איז די העכסטע מעלה פאַר אַ מענש—די גייסטיגע און מאָראַלישע פאָלקאָמענהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין מקיים זיין די מצוות און אין לערנען תורה. לויט'ן תלמוד איז נאָך גאָט די העכסטע קדושה— די תורה. זי, די „טאָכטער פון גאָט״, איז בעשאַפען געוואָרען פאַר בריאת העולם און וועט בלייבען בעשטעהן אויך נאָכ'ן אונטערגאַנג פון דער וועלט. גאָט אַליין אפילו לערנט תורה. ס'איז דעריבער נאַטירליך, וואָס די קדושה און די גדולה פון דער תורה געהט אַריבער אויף די, וואָס לערנען און פאָרשען זי. די גרויסע חכמים, וואָס האָבען טיף אַריינגעדרונגען אין דער תורה, האָבען דערגרייכט די מדרגה פון מלאכים, זענען געוואָרען אומשטערבליך, האָבען בעקומען דעם כח צו שאַפען און הרוב מאַכען וועלטען, מחיה מתים זיין וכדומה. אָבער די דאָזיגע רוחניות'דיגע מאַכט איז דער היפוך פון דער פיזישער קראַפט, דער מגושמ'דיגער און מאַטעריעלער, איז גאָר קיין דמיון נישט צו איהר. „פאַרוואָס איז די תורה געגעבען גע־וואָרען די יודען?״ פרעגט די גמרא אַ קשיא און ענטפערט: „דערפאַר, ווייל זיי זענען בטבע האַרטנעקיג און שטאַרק, און גאָט האָט געזאָגט: „דעם דאָזיגען פאָלק מוז מען געבען אַ פייערדיגען געזעץ. וואָרים ווען מ'זאָל איהם נישט געבען די תורה, וועט קיין אומה ולשון נישט קאָנען ביישטעהן געגען איהם. די תורה אָבער וועט אָבשוואַכען זיינע כחות (ביצה, כ״ה). נישט ווייניגער כאַראַקטעריסטיש איז די לעגענדע וועגען דעם בעוואוסטען תנא רב שמעון בן לקיש, וואָס האָט פריהער געהייסען ריש־לקיש. יונגערהייד איז ער געווען אַ גזלן און אַ גרויסער גבור. איינמאָל, צוקומענדיג צו אַ ברייטען שטראָם, האָט ער דערזעהן אַ בילד־שענעם מענש, וואָס האָט זיך געבאָ־דען ביי דעם אַנדערן ברעג, דאָס איז געווען רב יוחנן. ריש־

לקיש איז מיט איין שפרונג אַריבערגעשפרונגען דעם טייך און זאָגט צו רבי יוחנן: „ווי שיין וואָלסטו געווען, ווען דו וואָלסט געווען זיין אַ פרויענצימער!” רב יוחנן האָט איהם געענטפערט: „איך האָב אַ שוועסטער, נאָך א שענערע פון מיר, און אויב דו וועסט טהון תשובה און וועסט זיך זעצען לערנען תורה, וועל איך דיר זי געבען פאַר אַ ווייב”. ריש-לקיש האָט איינגעשטימט דערויף. ער האָט געוואָלט צוריק איבערשפרונגען דעם טייך, אָבער שוין די דעה אַליין צו זעצען זיך לערנען תורה האָט אַזוי אָבגעשוואַכט זיינע כחות, אַז ער איז נישט געווען ביכולת צו טהון אַזאַ ריזיגען שפרונג ווי פריהער.

## III

די ווערק פון דער היינטיגער יודישער פאָלקס-שאַפונג— די מעשיות, לעגענדעס, לידער, משלים, גלויבונגען, ווערטלעך, שפריכווערטער א. אַז. וו., וואָס דאָס פאָלק אַליין האָט געשאַפען אָדער וועלכע האָבען פון לאַנג אָן בעקומען אַ ברייטע פּאָפּולאַריטעט ביי איהם—זענען לויט זייערע אויסערליכע פאָרמען דאָס רוב אידענטיש מיט דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער. אָבער מצד דעם אינעווענייגסטען אינהאַלט איז דער יודישער פאָלקלאָר, סיי דער פאָלקלאָר פון די מעשיות, דאָס רוב אַ דידאַקטישער, סיי דער פאָלקלאָר פון די לידער, דער עיקרשט אַ לירישער, און אפילו דער פאָלקלאָר פון דער טאָג-טעגליכער מאָראַל, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין די שפריכווערטער, ווערטלעך, וויצען און משלים,—אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט די אייגענע מאָטיווען, טענדענצען און שטימונגען, וואָס די ביבלישע און תלמוד׳ישע שאַפונג. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס צווישען די דאָזיגעביידע שאַפונגען ליגען תקופות פון אָנדערטהאַלבען, צוויי און מעהר יאָהרטויזענדער, האָט דער היינטיגער פאָלקלאָר אויפגעהיט אַ לעבעדיגע ענגע פערבינדונג מיט דער ביבליש-תלמוד׳ישער טענדענץ און לעגענדע, גלייך ווי ער

וואָלט געשאַפען געוואָרען אויסשליסליך אונטער דער ווירקינג פון דער דאָזיגער אַלטער ליטעראַטור.

קודם-כל דאַרף פערצייכענט ווערען, אַז אָפטער ווי אַלץ טרעפען מיר אין דעם היינטיגען יודישען פאָלקלאָר מעשיות און לידער אויף די טעמעס פון ביבלישע דערצעהלונגען, און אַז די אַקטיווסטע ראָלע אין דעם דאָזיגען פאָלקלאָר שפּילען די ביבלישע און צום טייל אויך די תלמוד׳ישע פּערסאָנאַזשען. די געוועהנליכע סיוזשעטען פון די יודישע מעשיות איז מיט אַ רב און אַ רבי׳צין, וואָס אויף דער עלטער ווערט ביי זיי געבוירען אַ זוהן; מיט אַ פערטריבענעם ברודער, וואָס ווערט שפּעטער אַ מקורב למלכות און בעגעגענט זיך דערנאָך ווידער מיט׳ן פאָטער און די ברידער זיינע; מיט אַ יונגעמאַן, וואָס אַנטלויפט פאַר דעם נסיון פון זיין האַרינטע; מיט אַ מענש, וואָס פאַלט אַריין אין דעם בויך פון אַ פיש א. אַז. וו. די געוועהנליכע פּערזאָנען אין די מעשיות און לידער זענען די אבות, די נביאים און איניגע פון די בעזונדער פּאָפּולערע חכמי-התלמוד. דער בעליבטסטער העלד פון דער פאָלקס-מעשה, ווי אויך פון דער אגדתא, איז אליהו הנביא. איגנאָריהרענדיג די דערצעהלונג פון תנך וועגען אליהו הנביאס אַרויפגעהן אויפ׳ן הימעל, שילדערט איהם דער יודישער פאָלקלאָר קיינמאָל נישט ווי אַ העלד, וואָס פאָהרט אַרום אין הימעל אין אַ פייערדיגען רייטוואָגען, ווי דאָס איז דער פאַל אין דעם קריסטליכען פאָלקלאָר. אין דער יודישער לעגענדע טרעט ער אויף געוועהנליך אָהן אַ בעזונדערן גלאַנץ, אָננעהמענדיג פערשידענע געשטאַלטען, דאָ אַלס סוחר אָדער קריגסמאַן, פויער אָדער פוהרמאַן, געהער אָדער בעטלער; אַמאָל פערשטעלט ער זיך אפילו פאַר אַ גנב אָדער אַ זונה. זיין עובדה איז נאָר צו ברענגען ישועות. ער זאָגט אָן די יודען וועגען אַ סכנה, וואָס שטעהט זיי פאָר, איז מציל דעם פרומען פון אַ צרה, ברענגט דעם נויטבעדערפטיגען געלד, לערנט אויס, ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פון דעם מלאך-המות. אין אַנ׳אַלטער מעשה, וואָס איז אַריין אין דעם ציקל פון די שבת׳דיגע זמירות, ווייזט זיך אליהו הנביא צו

אַנ׳אָרימאַן אין מאַרק און לעגט פאָר, אַז ער זאָל איהם פערקויפען פאַר אַ קנעכט און נעהמען זיך דאָס געלד; אין אַנ׳אַנדער מעשה ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי איינער אַ פרומער בחור טרעפט אליהו הנביא׳ן אין פעלד אַקערענדיג די ערד און „אויפ׳ן אַקעראייזען האַלט ער אַ הייליגען ספר״. פרעגט איהם דער בחור: „פאַר וועמען אַקערט איהר עס?״ ענטפערט איהם אליהו: „איך אַקער, זייה און זאַמעל איין פון פעלד פאַר די אָרימעלייט, וואָס לערנען תורה״. אַמאָל לערנט אליהו אַליין סתרי-תורה מיט די צדיקים, אָפט פיגורירט ער אַלס וועגווייזער פון אַ צדיק אין גן-עדן און גיהנום. נאָך אָפטער פערשטעלט ער זיך פאַר אַ בעל-עגלה און מיט דער הילף פון „קפיצת הדרך״ ברענגט ער דעם צדיק גיך צו פיהרען, וואוהין יענער דאַרף. אויפ׳ן באָדען פון דעם דאָזיגען לעצטען מאָטיוו האָט זיך געשאַפען דאָס ווערטעל: „ס׳איז גוט צו פאָהרען, אַז אליהו הנביא זיצט אויף דער קעלניע״.

זעלטענער און ביי אַ סך פרעהליכערע אומשטענדען טרעטען אויף אין די מעשיות די אבות און די אַנדערע ביבלישע פערסאָנאַזשען. זיי טהוען זיך כמעט קיינמאָל נישט פערשטעלען, ווען זיי קומען אויף דער זינדיגער וועלט אַריינצומישען זיך אין דעם שטראָם פון לעבען. טיילמאָל, אין באַזונדערס קריטישע מאָמענטען, נעהמען זיי זיך אָן ביי גאָט פאַר די יודען. אָפטער ווי אַלץ קומען זיי צו הילף די מענשען ביי אַ טריקעניש, אַרויסרופענדיג רעגען (אָבער נאָר דאַן, ווען מ׳קומט תפילה טהון אויף זייערע קברים). אַמאָל קומען זיי צו חלום צו אַ צדיק, צו אַנטפלעקען איהם די רזי-דרזין פון דער תורה. דאָס רוב אָבער בעשטעהט זייער ראָלע נאָר אין דעם, וואָס זיי ווערען נתגלה פאַר אַ צדיק און פערברענגען מיט איהם דעם שבת-קודש. דער דאָזיגער מאָטיוו חזר׳ט זיך איבער אין פערשידענע וואַריאַציעס אין צעהנדליגער מעשיות. געוועהנליך טהוען זיך די אבות ווייזען דעם צדיק אַזוי: אַ פרומער מאַן פאָהרט ערגעץ.וואוהין דורך אַ געדיכטען וואַלד, איילט זיך אָנצוקומען אויף שבת אַהיים. פלוצלינג שלאָגט ער זיך אַראָפ פון וועג און

בלאָנדזשעט ביז אין אָוועגד אַריין. אָבער ווי נאָר עס פּאַלט צו שבת, ווייזט זיך פּלוצלינג אין וואַלד אַ גרויסאַרטיגער פּאַ-לאַץ. דער פרומער מאַן געהט אַריין אין דעם ערשטען חדר, אין דעם צווייטען, אין דעם דריטען און זעהט קיין מוטער-מענש נישט. די חדרים זענען איינס פון דעם אַנדערן שענער, אומעטום גאָלד, זילבער און אבנים-טובות. ענדליך, אין דעם זיבעטען חדר דערזעהט ער אויף אַ גאָלדענעם שטוהל זיצט אַ זקן מיט אַ לאַנגער גרייז-גרויער באָרד. פאַר דעם זקן ליגט, פערשטעהט זיך, אַ הייליגער ספר. דאָ געפינט זיך אויך נאָך אַ זקן אַלס בעדינער (דאָס רוב איז עס אליהו הנביא, אַמאָל אויך—אליעזר, דער קנעכט פון אברהם-אבינו). דעם אורח איז מען מקבל בסבר פנים יפות, מ'צוואָגט איהם די האָהר און די באָרד אויס מיט אַ וואוילשמעקעדיגען קאַם, מ'פיהרט איהם טובל זיין אין אַ וואוילשמעקעדיגען ביטל. צום טיש טהוט מען דער-לאַנגען כל-ערליי מאכלים און משקאות, וואָס האָבען אַלע טעמים (טיילמאָל ביז טויזענד געריכטען, אָבער זיי זענען אַלע נישט קיין גשמיות'דיגע, נייערט רוחניות'דיגע). שלאָפען לעגט מען דעם אורח אויף אַ בעט מיט גילדערנע רעדלעך, די קישענס געהאָפטען מיט פערל, די קאָלדרע פון ריינעם גינגאָלד. צו שחרית ווייזען זיך נאָך זיבען זקנים, און מ'רופט זיי אויף צו דער תורה נאָך די נעמען: „רב אהרן הכהן", „רב משה הלוי", דערנאָך רב אברהם, יצחק, יעקב, דוד, שלמה. צו מוצאי-שבת ווערט דער פּאַלאַץ מיט זיינע בעוואוינער פערשוואונדען. עס בלייבט נאָר איבער אליהו הנביא, וועלכער פיהרט אַרויס דעם צדיק פון וואַלד און איז איהם מגלה, אַז ער האָט זוכה געווען צו האַלטען שבת צוזאַמען מיט די אבות.

אַמאָל טרעטען אין די דאָזיגע מעשיות אויך אויף די אמהות, שרה, רבקה, רחל און לאה. אַמאָל בעגעגענט דער צדיק אין וואַלד נישט די אבות, נאָר דוד המלך מיט זיין האַר-פע, און האָט די זכיה צו זיין דערביי, ווי יענער שפּילט, זינגט און טאַנצט; אַמאָל בעגעגענט ער ירמיהו הנביא, וועלכער פערפאַסט קלאָג-לידער אויפ'ן חורבן בית-המקדש. אַמאָל ווייזט

זיך איינער פון די ביבלישע אָדער תּלמוד׳ישע פּערסאָנאַזשען—ראובן, משה, אהרן, רב שמעון בן יוחאי—צו אַ פרומען עם-הארץ און לערנט איהם אויס אין איין נאַכט די גאַנצע תּורה, אַלע שבעים לשונות א. אַז. וו. פאַרהאַן אַ לעגענדע, ווי אַזוי משה-רבינו קומט צו רב משה בן מימון און דאַנקט איהם פאַר די ספרים, וואָס ער האָט מחבר געווען.

אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט טרעט אויף אליהו-הנביא און די אבות אין די פאָלקס-לידער. דאָ איז זייער ראָלע אַ ריין נאַציאָנאַלע. זיי נעהמען אַנ׳אָנטייל אין מתּן-תּורה אָדער טרעטען אַרויס אַלס פירשפּרעכער פאַר די יודען, בעטען גאָט אומצוקעהרען די יודען אין זייער לאַנד.

אין דעם פאָלקס-ליד ווערט אליהו-הנביא געוועהנליך אי-דענטיפיצירט מיט משיח בן דוד און טרעטען טרעט ער אויף נישט פערשטעלטערהייד אַלס בעל-עגלה אָדער אַלס געהער, נאָר אין דער געשטאַלט פון גאָטס אַ בעל-יועץ און אַלס אָנזאָגער פון דער יודישער גאולה.

„איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה, די מעשה איז זעהר פרעהליך—זינגט זיך אין אַ פאָלקס-ליד—די מעשה הויבט זיך אָן מיט אַ יודישען מלך. דער יודישער מלך האָט געהאַט א בת-יחידה, דאָס מיינט מען אונזער תּורה. כל אלפים שנה—אַלע טויזענד יאָהר איז דער מלך געפאָהרען מיט איהר אַ שידוך טהון. איז ער געקומען צו דער אומה גוים, האָבען זיי איהם געענטפערט חי די רשעים. איז ער געקומען צו דער אומה פריצים, האָבען זיי איהם געענטפערט פאַלשע תּירוצים. אויף די פאַלשע תּירוצים האָט דער בורא אָנגעהויבען צו זי-דען; איז געקומען אליהו-הנביא, האָט די תּורה נאָראיעט די יודען. די תּורה איז די יודען זייער געפעלען—אין דריי טעג אַרום די חופּה צו שטעלען“*).

אין אַנ׳אַנדער ליד טרעט אליהו-הנביא אויף אַלס אָנזאָ-זאָגער פון דער אויסלייזונג אויס דעם גלות:

*) יודישע פאָלקס-לידער, פון גינזבורג און מאַרעק, נומ. 2.

„אליהו-הנביא שטעהט אויף אַ גרויסען לייטער און וועט טהון אַ גרויסען טרומייטער: „אַהיים אין אייער לאַנד—וועט ער זאָגען—הערט אויף יאָמערן און קלאָגען!” (נומ. 32).

נאָך אין אַ ליד זינגט זיך:

„אליהו-הנביא (אָדער משיח בן דוד) זיצט אויבענאָן, און גאָלד און זילבער צו-געטהון. ער האַלט דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט, מאַכט ער אַ ברכה איבער'ן גאַנצען לאַנד”. (נומ. 12).

אויב אליהו-הנביא ערשיינט אין דער ראָלע פון אַ בעל-יועץ און מבשר, טרעטען די אבות אַרויס אין בכבוד'יגערע ראָלען

גאָט רעדט מסכים געוועזן צו געבען די יודען די תורה. אָבער דורך וועמען זאָל ער זי זיי געבען? און דאָס פאָלקס-ליד שילדערט עס אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג ווידעראַמאָל טאַקע צווישען פאָטער און טאָכטער וועגען אַ חתן.

„טאָכטער דו מיין, ליבסטע דו פיין, אדם-הראשון געהט אין דער וועלט אַריין. ער געהט, ער געהט, ער געהט,—פאַר אַ ליבען התן-מאַן געהזשע נעהם איהם אָן”.—„ניין, פאָטער, ניין, עס קאָן דאָך גאָרנישט זיין, אַז אדם-הראשון זאָל מיין מאַן זיין”.—„טו זאָג זשע מיר פאַרוואָס?”—„דער חטא פון עץ-הדעת וועט דאָך ביי איהם זיין! דערום וויל איך זיצען ביי דיר אויפן שויס, ווי אַ טאָכטער ביי איהר פאָטער, ביז איכ'ל ווערען גרויס!”

ווייטער זאָגט זיך די טאָכטער-תורה אָפּ פון נח הצדיק, ווייל „דער חטא פון דעם ווייז וועט דאָך ביי איהם זיין” (לויט אַן אַנדער נוסח—דערפאַר, וואָס ער וועט האָבען אַ זוהן חם); פון אברהם אבינו דערפאַר, וואָס „אַ פילגש פאַר אַ ווייב וועט נאָך ביי איהם זיין” (אָדער דערפאַר, וואָס ער וועט האָ-בען אַ זוהן ישמעאל); פון יצחק הצדיק—דערפאַר, „וואָס דער חטא פון עשו וועט דאָך ביי איהם זיין”; פון יעקב אָבינו—דערפאַר, וואָס „דער חטא פון צוויי שוועסטער וועט דאָך ביי איהם זיין” (אָדער דערפאַר, וואָס ער וועט זיין אַ בעל-מטופל

מיט אַ גרויס געזינד); פון אהרן הכהן—פאַר דעם חטא פון דעם עגל; פון דוד המלך—פאַר דעם חטא פון בת-שבע; פון שלמה המלך—פאַר דעם חטא פון טויזענד ווייבער. ווען גאָט לעגט איהר פאָר משה-רבינו, ענטפערט זי: „יע, פאָטער, יע, דאָס קאָן גריילעך זיין, אַז משה-רבינו זאָל מיין מאַן זיין! ער וועט זיצען פערציג טעג אויפ'ן הימעל, וועט ער מיך קאָנען מפרנס זיין" (נומ. 5).

אין אַנדערע פאָלקס-לידער פון דעם דאָזיגען ציקל, וועל־כע זענען כּמעט אַלע פערפאַסט אין רוסיש-פוילישען דיאַלעקט, ווערט אַרויפגעשיקט אַ פייערדיגע תּפילה צו די אבות, זיי זאָ־לען פּועל'ן ביים רבּונו-שׁל-עולם, ער זאָל אומקעהרען די יו־דען אין זייער לאַנד צוריק:

„אברהמ'ניו, אברהמ'ניו, אברהמ'ניו, סטאַרושעק טי נאַש, יצחק'ניו, יצחק'ניו, יצחק'ניו, דיעדושעק טי נאַש, יעקב'ניוו יעקב'ניו, יעקב'ניו, אָטיעץ טי נאַש,—טשעוואָזש ווי ניע פּראָסי־טיע, טשעוואָזש ווי ניע פּראָסיטיע, טשעוואָזש ווי ניע פּראָסי, טיע פּאַנאַ באָגאַ זאַ נאַס? זשעב נאַשו כאַטקו וויסטראָילי, נאַ־שוב זעמליו וויקופּילי, נאַס בי וו'זעמליו אָטוואָדילי, וו' נאַשו זעמליו נאַס, וו' נאַשו זעמליו נאַס".

דאַן געהט די אייגענע ווענדונג צו „משה'ניו, משה'ניו, משה'ניו, פּאַסטושעק טי נאַש", „אהרנ'יו, אהרנ'יו, אהרנ'יו, פּאַסטיר טי נאש, שמואל'ניו, שמואל'ניו, שמואל'ניו, פּראָווידיעץ טי נאַש, דודוניו, דודוניו, דודוניו, קרוליק טי נאַש" א. אַ. וו. און דאָס ליד פערענדיגט זיך מיט גאָטס ענטפער:

„סינאָק, סינאָק, סינאָק, כאַטקאַ בענדאַ וויסטראָיענאַ זעמליאַ בענדאַ וויקופּיאָנאַ, טי'זש וו' זעמליו אָטוועזיענו, באָנדז מאָנדר, טשעקאַי קאָנצו—ונשירה שירה חדשה הללויה!" (נומ. 15).

אין אַנ'אַנדער ליד ווערען בעזונגען די גבורות און מעשים פון די אָבות להיפוך דעם מגושמ'דיגען עשו (זעה גינז־בורג און מאַרעק, נומ. 352: „סטאַרי אַבראַם, סיווי אַבראַם א. אַז. וו.).

מיר איז אויסגעקומען צו פערשרייבען (אין וויטעבסקער גוב.) אזא ליד וועגען דעם געבורט פון שמואל הנביא:

אוווסטאַוואלאַ חנה ראַנאַ, עי אי ראַנענקאַ, איזבודילאַ סוואַי סלוגי, עי אי דאַבראַנענקי: „אוווסטאַוואיטיע, מאַאי סלו-גי, דאַבראַנענקי; זאַזשיגאַיטיע סוועטשעטשאַנקי, עי יערוסאלים-קי. אַ יאַ טים טשאַסאַם, חנה, פאַכאַזשו, דאַ אי סינאַ תלמיד-חכם אַ אַי אוראַזשו". אי אוראַדילסיאַ שמואל הנביא דאַברים טשאַסאַם, ספאַאיוואלאַ יעווא חנה שאלקים פאַסאַם. שרה, רבקה, רחל, לאה באַבקאַמי בוואַלי, אברהם, יצחק, יעקב-אבינו סנדקא בוואַלי; משה, אהרן, דוד אי שלמה קוואַטערי בוואַלי. הקדוש ברוך הוא אי מלאכים שמואל-הנביא נאַזוואַלי".

ווען מיר וועלען אריבער צו דעם אַנדערן געביט פון דער פאָלקס-שאַפונג, צו די שפריכווערטער, ווערטלעך, פער-גלייכענישען א. אַז. וו., וועלען מיר אויך דאָרט געפינען די אייגענע שפע פון ביבלישע בילדער, סענטענציעס און אויס-דרוקען. מ'מעג דרייסט זאָגען, אַז די יודישע פאָלקס-שפראַך איז אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט'ן ביבלישען און צו טייל מיט'ן תלמוד'ישען גייסט. די ביבלישע בילדער און טערמינען, ווי בעגריפען, וואָס זענען פון קדמונים אָן אָנגענומען ביים יודישען פאָלק, דינען אין דער שפראך אלס קלאַסישע טער-מינען צו בעשטימען דורך זיי וועניגע קלאָרע ערשיינונגען. עס איז ממש נישטאָ אַזאַ בעגריף, סיי אויף דעם געביט פון דער מאָראַל, סיי אויף די געביטען פון אַנדערע פאָרשטעלונגען, וואָס זאָל נישט האָבען זיין ביבליש בילד צום פערגלייך. גייסטיגע אייגענשאַפטען, מעלות און חסרונות ווערען בעשטימט דורך ביבלישע פערזאָנען: שיין ווי יוסף הצדיק; אַ עניו ווי משה-רבינו; קלוג ווי שלמה המלך; און אין איראָנישען זין זאָגט מען—אַ חכם פון דער אגדה; ווי די מראה פון כהן-גדול; שיין ווי אסתר המלכה; שיין, אַ ברכה צו מאַכען. און פון דער אַנ-דער זייט ווערען אויך בעשטימט חסרונות: נאַריש ווי למך, שכור ווי לוט, פאַלש ווי לבן הארמי, גראָב ווי עשו, שלעכט ווי המן הרשע, אַ טיפש ווי קיניג אחשורוש, אַ רשע ווי טיטוס,

זינדיג ווי ירבעם בן נבט, רייך ווי קורח, אָרים ווי דלפון א. אַ. וו. דאָס אייגענע איז אויך בנוגע פערשידענע אַנדערע בעגריפען. מ׳בעשטימט: גרויס ווי גוג-ומגוג, הויך ווי רוים (אָדער ווי המנ׳ס תליה), גרויס ווי עוג מלך הבשן, לאַנג (אויך פינסטער) ווי דער יודישער גלות, אַלט ווי תרח (אָדער מתושלח), קליין ווי אַ יוד אין ויזתא, שווער ווי קריעת ים-סוף א. אַז. וו.

פון די 4000 שפריכווערטער און רעדענסאַרטען, וואָס זענען אָבגעדרוקט אין בערענשטיינס זאַמלונג, זענען איבער 300 גענומען דירעקט פון תנ״ך און תלמוד אָדער געבויט אויף ביבליש-תלמוד׳ישע סענטענציעס. און נאָך אַ גרעסערע צאָהל פון זיי האָט אין זיך דעם אָדער יענעם אויסדרוק פון תנ״ך אָדער תלמוד. די דאָזיגע ווערטלעך זענען געבויט אויף דעם שפּיל אָדער בכיונ דיגער פערדרעהונג פון העברעאישע ווערטער און אויסדרוקען. מיר ברענגען נאָר אַ פּאָר פון זיי: אָבגערעדט ברחל בתך הקטנה—צום סוף גאָר לאה די גרויסע; טראָגט זיך אַרום, ווי גאָט מיט דער תורה*); האַלט זיך ווי אַ יוד אָן דער תורה; געקומען נאָך מתן-תורה (צו שפּעט); אַ גלייכער וועג דורך מאַרישקינער גאָרטען קיין ירושלים; אַז מ׳וויל נישט געבען יעקב׳ן, גיט מען עשו׳ן**); ס׳וועט נישט העלפען, עס מעג קומען מר בר רב אשי אַליין א. אַז. וו.

## IV

די היינטיגע יודישע פאָלקס-שאַפונג האָט נישט נאָר איינגעזאַפּט די ביבלישע פאָרמען, בילדער און טערמינען, נאָר זי

---

*) פערגלייך דאָס אויבענדערמאָהנטע פאָלקס-ליד, ווי גאָט האָט געשדכנ׳ט די תורה צו די פעלקער.

**) אין דער פאָלקס-שפּראַך ווערען די נעמען יעקב, עשו, ישמעאל אָפט בענוצט אלס בינאָנימען פון יודען, רוסען און טערקען. „עשו האָט מלחמה געהאַלטען מיט ישמעאלן״ (די רוסיש-טערקישע מלחמה).

איז אויך אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט דער אייגענער ריכטונג און גרונד-טענדענץ, וואָס די אַלטע נאַציאָנאַלע שאַפונג, דהיינו — אַז רוחניות'דיגע פאָלקאָמענהייט, אַ פרום לעבען און דער עיקר גייסטיגע ענטוויקלונג, פערקערפערט אין דעם לערנען תורה — איז דער איינציגער ציל פון לעבען און דאָס העכסטע גליק פון דעם מענש אויף דער ערד; אַז די דאָזיגע פאָלקאָמענהייט גיט דעם מענש אַן אוניווערסאַלען כח, דערהויבט איהם ביז צו דער מדרגה פון געטליכקייט און מאַכט אונטערטעניג צו זיינע פיס די מעכטיגסטע מאַטעריעלע, פיזישע קראַפט, וועלכע ערשיינט אַלס סינאָנים פון מגושמ'דיגקייט און טעמפּקייט. אין די אָריגינעלע מעשיות און לידער, ווי אין די ווערק פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונג, פעהלט אינגאַנצען דער העראָאישער עלעמענט, פעהלען די מאָטיווען פון קאַמף אויפ'ן באָדען פון מאַטעריעלער, פיזישער קראַפט. אפילו אין די בעשיינפערליך אַנטליהענע מעשיות און לעגענדעס (ווי, למשל, „צענטורע-ווענטורע", „מעשה מג' אחים", „בבא-מעשה", אַ מעשה מיט אַ בת-מלכה, מיט זיבען גזלנים א. אַנד.) איז דער דאָזיגער עלעמענט שטאַרק געמילדערט און פערווישט.

דאָס רוב יודישע מעשיות, דערהויפט די קינדער-מעשיות, הויבען זיך אָן מיט די ווערטער „אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רבי'צין" (דערפון נעהמט זיך אויך דאָס ווערטעל „אַ רב מיט אַ רבי'צין" איז אַ גאַנצע מעשה, אַ רב אָהן אַ רבי'צין איז אַ האַלבע מעשה, אַ רבי'צין אָהן אַ רב איז גאָר קיין מעשה נישט); דאָס רוב לעגענדעס, אפילו איינִיגע פון די אַנטליהענע, איז צוגעפּאַסט צו די נעמען פון געוויסע צדיקים בעלי-מופתים. דער הויפּט-מאָטיוו פון כמעט אַלע לעגענדעס און פון דעם גרעסטען טייל מעשיות איז די שטרעבונג פון דעם מענש צו דער תורה, דער קאַמף מיט די מאַטעריעלע בעדינגונגען פאַר דער מעגליכקייט אינגאַנצען אָבצוגעבען זיך דעם לערנען און די שילדערונג פון דער גרויסער רוחניות'דיגער מעכטיגקייט פון די, וואָס זיי איז געלונגען אַריינצודרינגען אין די טיפע סודות פון דער תורה.

„די תּורה האָט נישט קיין גרונד”, „די תּורה איז ברייט ווי דער ים”, „די תּורה איז די בעסטע סחורה”, „וואו תּורה, דאָרט איז חכמה” א. אַז. וו. זאָגען די יודישע שפּריכווערטער. די אייגענע טענדענץ ציהט זיך ווי אַ רויטער פאָדים אויך דורך די מעשיות און לעגענדעס.

דער ענגער בונד מיט דער תּורה הויבט זיך בײַ דעם יוד אָן נאָך פאַר'ן געבוירען ווערען, לויט דער יודישער פאָלקס-גלויבונג זענען אַלע יודישע נשמות געוועזן אויפ'ן באַרג סיני ביי מתּן-תּורה (דערפון שטאַמט דאָס ווערטעל: „מיין נשמה איז אויך געוועזן אויפ'ן באַרג סיני”). בשעת דאָס קינד געפינט זיך אין דער מוטערס טראַכט, קומט צו איהם צו פליהען אַ מלאך און לערנט איהם אויס די גאַנצע תּורה, נאָר סאַמע פאַר'ן געבוירען ווערען דערלאַנגט ער איהם אַ שנעל אין נאָז, און דאָס קינד פערגעסט אַלץ מיט אַנ'אַנדער. (דערפון נעהמט זיך דאָס ווערטעל וועגען זעהר אַ געראָטען קינד: „דער מלאך האָט פערגעסען איהם אַ שנעל צו טהון אין נאָז”). פאַרהאַן אָבער אַזעלכע אויסטערלישע יודישע נשמות, וואָס אָדער נישט אַלץ פערגעסען זיי אָדער זיי דערמאָהנען זיך גיך דאָס פערגעסענע. דער קומענדיגער צדיק ווערט געוועהנליך געבוירען מיט נסים. ער איז כמעט אַלעמאָל אַ זוהן פון אַלטע עלטערן, וואָס נישט האָבענדיג קיין קינדער, האָבען זיי אַ לאַנגע צייט געבעטען ביי גאָט אַ דור. דאַן בעקומען זיי אין חלום אָדער אויף דער וואָהר דורך אליהו-הנביא אָדער דורך אַ צדיק אַ בשורה, אַז ביי זיי וועט געבוירען ווערען אַ זוהן, וואָס וועט זיין אַ „מאור התּורה”; דער קומענדיגער צדיק, דער העלד פון דער מעשה אָדער לעגענדע, הויבט אָן, טיילמאָל באַלד נאָכ'ן געבוירען ווערען, צו זאָגען נביאות און צו מגלה זיין די רזי דרזין (צוליב דעם נעהמט מען איהם אַמאָל אפילו צו צוריק!). דאָס רוב אָבער געהט די ענטוויקלונג פון דעם צדיק צו בהדרגה. ער וואַקסט, אַזוי ווי דער העלד פון דער קריסטליכער מעשה, נישט פון טאָג, נאָר פון שעה, אָבער נישט אין פיזישער הינזיכט, נאָר אין רוחניות. צו דריי יאָהר איז ער שוין קלאָר

גאַנץ תנ״ך, צו זיבען יאָהר—די גאַנצע תורה, און צו צעהן יאָהר זאָגט ער שוין אַ דרשה און איז מגלה די סודות התורה, און דערנאָך לערנט ער שוין דאָס גאַנצע לעבען (איינער אַליין אָדער אונטער דער השגחה פון אַ מלאך, פון אליהו-הנביא, פון זיין פאָטער דעם תלמיד-חכם א. אַז. וו.) די סתרי-תורה*). אָט דער דאָזיגער למוד-התורה גיט עס דעם צדיק די איבערנאַ-טירליכע קראַפט: ער איז אַ רואה את הנולד, ער ווייס וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן הימעל און דער ערד, ער קאָן מיט דער הילף פון „שם המפורש״ אָדער דורך תפילה ווייזען מופתים, אפילו מחיה זיין מתים און חרוב מאַכען די וועלט. ביים לער-נען תורה ווערט דער צדיק אַרומגערינגעלט מיט אַ שיין, מיט אַ העלען ליכט, מיט אַ פלאַם פייער, מיט עמודי-אש; אַרום איז צעגאָסען דער ריח פון בשמים א. אַז. וו.

אָבער ווי גרויס און אומבעגרענעצט עס איז דער רוחניות׳-דיגער כח פון צדיק, אַזוי אוממעכטיג איז ער פיזיש. די פי-זישע שלאַפקייט ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אַ נויטווענדיגע איי-גענשאַפט פון דעם צדיק, וואָס האָט נישט די תענוגים פון עולם-הזה, פאַסט נאָכאַנאַנד תעניתים א. אַז. וו. די לעגענדע קען נישט קיין העכערן שבח פאַר אַ צדיק, ווי דעם אויסרוף: „דאָס איז געווען אַ נשמה אָהן אַ גוף״.

אין די אָריגינעלע מעשיות און לעגענדעס איז לא-די, וואָס עס פעהלט דער העראָאישער עלעמענט אויפ׳ן באָדען פון

*) מ׳דארף בעמערקען, אַז די בקיאות פון דעם צדיק איז נישט נאָר אין תורה אַליין. אַחוץ דער גאַנצער תורה (נגלה און נסתר) קען ער אַלע שבע חכמות, אַלע שבעים לשונות, דעם לשון פון די חיות און עופות, ווייס דעם סוד פון צו ווערען אַ רואה ואינה נראה, קען חכמת הפרצוף און חכמות הרפואה. פאַרהאַן אַ גאַנ-צער ציקל לעגענדעס וועגען צדיקים, גרויסע מומחים אין חכמת הרפואה. דער גרעס-טער טייל פון די דאָזיגע לעגענדעס ווערט פערבונדען מיט׳ן נאָמען פון „דעם גרעס-טען רופא וואָס די וועלט האָט געזעהן״, דעם רמב״ם, וואָס „האָט געלערנט ביי אַריסטו״, האָט געקאָנט מאַכען אַ האָמונקולוס וכדומה.

פיזישער קראַפט, ווערט נאָך אין זיי אונטערגעשטרייכט, אַז פיזישע קראַפט, קריגערישקייט, קאַמף-לוסט זענען גאָר קיין כלי-זיין נישט פאַר יודען. יודען האָבען אַנדערע, מעהר וויר-קענדיגע כלי-זיין: תפילה, תענית, יללות און טרעהרען. אין אַ לעגענדע וועגען אַ מצרי'שען פּאַשאַ, וואָס האָט אַרויפגעלעגט אויף די יודען אַנ'אומדערטרעגליכען צינז און זיי מתחייב גע-ווען, אונטער דער התראה פון טויט, איינצוצאָהלען עס אין משך פון צעהן טעג, ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי די יודען זע-נען אַוועקגעלאָפען אין די בתי-מדרשים, אָנגעהויבען וויינען און שרייען צו גאָט און דערביי צוגעגעבען: „וואָרים נאָר דאָס איז דאָך די יודישע סגולה, ווען דער חלף ליגט זיי אויפ'ן האַלז, לויפען זיי אין שוהל אַריין, גיסען אויס דאָס האַרץ אין טייכען טרעהרען, און דער אויבערשטער העלפט זיי".

אין אַ צווייטער לעגענדע, וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי דער סולטאַן פון דמשק איז אַרויס מיט אַנ'אומגעהויער גרויסען חייל אין מלחמה אויף אַ שאַך, וואָס אונטער זיין ממשלה האָבען געלעבט אַ סך יודען, לאָזט דער שאַך רופען דעם רב און זאָגט צו איהם: „איך האָב אַזאַ פּלאַן: איך וועל זיך גרייטען צו דער מלחמה מיט מיין חייל און מיין כלי-זיין. איך אַליין וועל אָבער נישט קאָנען ביישטעהן געגען דעם מעכ-טיגען סולטאַן פון דמשק; דערום זאָלט איהר יודען אַרבייטען אויך מיט א י י ע ר ג ע וו ע ה ר: טהוט תפילה, שרייט צו גאָט— און ער וועט אונז העלפען". אפילו אין אַזעלכע מעשיות, ווי די „מעשה מג' אחים", וואו עס פיגורירען ריזען, ציקלאָפּען, מענשען-פרעסער, פער'כישופ'טע שלעסער, פערוואַנדלונגען מיט דער הילף פון אַ „פער'כישופ'טער פערדישער האָהר",—אפילו אין דער דאָזיגער מעשה איז אייגער פון די העלדען, וואָס פון אַ יודישען בחור, וועלכער לערנט תורה, פערוואַרפט ער זיך מיט דער הילף פון כישוף אין אַ ריטער, אָנגעטהון אין פּאַנ-צער-קליידער און רייטענדיג אויף אַ פערצויפערטען פערד העכער פאַר די בוימער פון וואַלד, איידער ער געהט אַרויס צום געראַנגעל געגען ריז, ווענדט ער זיך צו זיין קיניג בזה הלשון:

„מיט דיר הילף פון דעם, וואָס דער כח איז ביי איהם און וואָס וואַרפט אַרונטער די גרויסע און דערהויבט די נידעריגע, וועל איך מנצח זיין דעם ריז און זיין חייל. ווייסט איהר דען נישט, אַז ס'איז פאַרהאַן אַזאַ פיצל מוק, וואָס פאַר איהר טהוט ציטערן דער שטאַרקסטער לייב? דו, קיניג, דאַרפסט וויסען זיין, אַז נישט די גיבורים זענען מנצח. וואָרים גאָט איז אַנ'איש-מלחמה, און אַז ער וויל איינעם געבען דעם נצחון, איז פאַר איהם קיין נפקא-מינה נישט, צי יענער האָט אַ פולע חייל אָדער אַ ביסעל.

אין אַנ'אַנדער לעגענדע, וואו עס דערצעהלט זיך אין אַלגעמיינע שטריכען די געשיכטע מיט יהודית און הולופרנוס, ווערט דער אָנפאַל פון דעם יודישען חייל אויפ'ן שונא גע-שילדערט אַזוי: „ווען אַלע האָבען געזעהן, אַז הולופרנוס איז טויט, זענען די יודישע גבורים אַרויסגעלאָפען פון דער פעס-טונג און... אַ געשריי געטהון: „שמע ישראל!”

די אייגענע מאָטיוון, וואָס מיר האָבען אָנגעמערקט אין דער פאָלקס-מעשה, געפינען מיר אויך אין דעם פאָלקס-ליד. אויך דאָרט פערנעהמט דעם אויבענאָן די תורה, וואָס נישט נאָר זי ווערט בעזונגען אַן און פאַר זיך, ווי די „טאָכטער פון גאָט”, נאָר זי ערשיינט אויך אַלס דאָס העכסטע גליק פאַר דעם מענש אין אַלע פעריאָדען פון זיין לעבען, פון וויגעל ביז'ן קבר.

די מוטער, פערוויגענדיג דאָס קינד, זינגט איהם: „דאָס קינד וועט לערנען תורה... אין חדר אַריין וועט מען איהם פיהרען, ספרים וועט ער שרייבען, אַ גוטער און פרומער יוד וועט ער אם-ירצה-השם בלייבען” (נומ. 61).

אין אַנ'אַנדער ליד דערוויזט די מוטער דעם עופ'עלע, אַז עס פאַסט נישט פאַר איהם צו פישטשען און צו וויינען, וואָרים אַז ער וועט זיין אַ גרויסינקער, וועט ער דאָך זיין אַ תנא, וועט זיינע עלטערן בעצירען און בעשיינען און צו דער התונה וועט ער פסק'ענען שאלות.

אַ מיידעלע זאָגט מען צו, אַז איהר חתן וועט לערנען

תורה: „תּורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבען, אַ גוטע און אַ פרומע וועט (שרה'לע) גלייבען" (נומ. 67).

אין אַ יודיש וויג-ליד איז נאַטירליך גאָר קיין רייד נישטאָ וועגען „אַ פּאָטער, אַנ'אַלטען קריגער, וואָס איז פערהאַרטעוועט אין שלאַכט", וועגען דער צייט פון דעם שלאַכט-לעבען, בשעת דער קומענדיגער קריגער וועט „דרייסט אַריינטהון דעם פוס אין סטרעמענדעל און וועט נעהמען אַ ביקס". און אויב עט-וואָס אַזוינס ווערט יאָ דערמאָהנט, איז עס נאָר דערצו, צו שרעקען דערמיט דאָס וויינענדיגע קינד: „די באָבעס מיט די דזיאַדעס טהוען אין דרויסען זיצען, מיט די ברייטע שווערדען, מיט די לאַנגע שפּיצען; אַ יונגעלע, וואָס האָט זיך וויינענדיג געפונען, האָט מען איהם געכאַפּט און אַריינגעוואָרפען אין ברו-נען" (נומ. 68).

דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסען, האָט שוין אָנגעהויבען לערנען, און דאָס ליד ראָט איהם: „געה, מיין קינד, געה אין חדר! לערן תורה, לערן כסדר, פון עברי ביז צו גמרא, דאָס וועט דיך היטען פון בייז און צרה. לויף, מיין קינד, לויף צום רבי'ן, ער וועט דיין נשמה'לע שפּייז געבען, לויף מיין קינד, לויף און לערן און ווי גאָט זאָלסטו איהם עהרען. גאָטס מצות זענען ווי האָניג זיס, זיין תורה שיצט אונז, ווי וואַסער פיש. אין איהר רעכטער האַנד—לעבען אויף דער וועלט, אין דער לינקער—כבוד און געלד" (נומ. 121).

אַ מיידעל, טרוימענדיג וועגען אַ חתן, ווייס אויך נישט פאַר איהם קיין העכערע מעלה, ווי קענען תורה.

„אַז מיין מוטער וואָלט געווען אַ גוטע—טרוימט איינע— וואָלט זי מיך פּער'קנס'ט; זי וואָלט געפאָהרען קיין וואָלקעמיר (און) געבראַכט אַ התעלע פאַר מיר: מיט די שוואַרצע האָהר, מיט די בלויע אויגען, צו דער תּורה זאָל ער טויגען. און ווי די תורה אויסגעמאַכט, זאָל ער לערנען טאָג און נאַכט; אַ ברי-וועלע זאָל ער מיר שרייבען, אַ גוטער יודעלע זאָל ער בליי-בען" (נומ. 245).

אַ צווייטע טרוימט וועגען אַ בחור מיט לאַנגע פּאות'ן,

מיט שוואַרצע אויגען, אַ דריטע וועגען א גוטען חתלע מיט געלע האָהר, אָבער אלע גיבען דערביי צו: „און צו דער היי-ליגער תורה זאָל ער טויגען". דער העכסטער טרוים פאַר אַ מיידעל איז—צו ווערען אַ רבי׳צין.

דעם בחור קומט אויס אין דער בעסטער צייט פון זיין לעבען אָבצורייסען זיך פון דער תורה און געהן פאַר אַ סאָל-דאַט. די פאָלקס-מוזע רופט זיך דערויף אָב מיט צעהנדליגער עלעגישע לידער. אויך אין דער רוסישער פאָלקס-שאַפונג גע-פינען מיר אָהן אַ שיעור קלאָג-לידער וועגען רעקרוטענשאַפט, אָבער אין דעם יודישען פאָלקס-ליד טראָגט דער פחד פאַר דעם מיליטער-דינסט אַ באַזונדער כאַראַקטער. נישט די צרות און דחקות פון דעם סאָלדאַטען-לעבען פייניגען און שרעקען דעם יודישען רעקרוט, נאָר דאָס, וואָס אין מיליטער וועט ער נישט קאָנען לערנען תורה און מקיים זיין די מצות.

„בשעת איך בין געווען פינף יאָהר אַלט—ווערט געזאָגט אין אַ רעקרוטען-ליד—האָט מען געטהון מיך אין חדר פיהרען; און איצטער דאַרף איך אויפ׳ן פערד שפּאַצירען. בשעת איך בין געוועזן צעהן יאָהר אַלט, האָב איך געלערנט חומש מיט רש״י; און איצטער דאַרף איך עסען פון קעסעל די קאַשע" (נומ. 45).

אין אַנ׳אַנדער ליד ווערט אַנטקעגענגעשטעלט: „דער לי-בער שבת-קודש—איך מעכט וועלען געהן אין שוהל אינדער-פריה, קומט צו געהן דער פעלדפעבעל, דער רבי, און שרייט אויף: נאַ אוטשעניע אידי!" (נומ. 347).

און אין צעהנדליגער לידער חזר׳ט זיך איבער דער איי-גענער מאָטיוו: „בעסער צו ליגען אויף הוילע ברעטער, איי-דער צו רופען דעם יון „פעטער"; בעסער צו טראָגען טלית און קיטעל, איידער צו טראָגען דאָס סאָלדאַטסקע היטעל; בע-סער לערנען צוואַנציג יאָהר גמרא, איידער צו האָבען אויף זיך די צרה; בעסער לערנען צוואַנציג יאָהר תוספות און מהרש״א, איידער שטעהן „נאַ טשאַסאַך" אַ האַלבע שעה" (נומ. 49).

און דאָס ליד רעזיומירט: „בעסער גאָטס תורה צו ווי־סען, איידער מיט'ן בּיקס צו שיסען" (נומ. 45).

אין דעם יודישען פאָלקס-ליד איז, פערשטעהט זיך, נישטאָ קיין שום עפּישע אָדער לירישע שילדערונגען פון מלחמות און שלאַכטען*). און אויב ערגעץ אין אַ ליד ווערט יאָ דער־מאָהנט וועגען מלחמה, איז עס נאָר וועגען די יסורים, וואָס מ'לעבט דאַן איבער.

„ביי פלעוונע און ביי באַלקאַנעס זענען מיר אויך געווען; פיל שרעק און פיל צרות האָבען מיר צוגעזעהן. דונאַי זענען מיר אַריבער—נישט פאר איצטער געדאַכט; פון אונזערע קערפער איז אַ תל געמאַכט" (נומ. 33).

בכלל ווערט אין דעם פאָלקס-ליד אויסגעדריקט אַ טיפער עקעל און אפילו פאַראַכטונג צו מלחמה און געוועהר.

אַ מיידעל-ליד ערקלערט: „וועלכעס מיידעל ס'נעהמט אַ זעלנער, איז זי נישט ווערט קיין פּרוטה; געהן, געהן קיין סע־וואַסטאָפּאָל, ווי אַנ'אָקס צו דער שחיטה. וועלכעס מיידעל ס'נעהמט אַ זעלנער, איז זי נישט ווערט קיין דרייער; געהן, געהן קיין סעוואַסטאָפּאָל אין דעם ערשטען פייער!" (נומ. 51).

נאָך שארפער זאָגט זיך אַרויס אַ רעקרוטען-ליד: „בעסער וואָלט איך געלעגען צעהן איילען אין דר'ערד, איידער צו טראָגען דעם . . . . . שווערד" (נומ. 45).

בנוגע דער פיזישער קראַפט און קריגערישקייט שטימען פולשטענדיג מיט דער פאָלקס-מעשה און דעם פאָלקס-ליד אויך די איבעריגע געביטען פון יודישען פאָלקלאָר: די שפּריכווער־

---

*) כאַראַקטעריסטיש איז, אז דאָס איינציגע ליד, וואו עס זענען פאַרהאַן עפּעס אַבגעריסענע ווערטער וועגען קריגערישע צוזאַמענשטויסען, נעפינט זיך אין דער אַבטיילונג פון קינדער־לידער (שפּילען): „איינע ווייסע טייבעל פיהרטע מיך אין ענגעלאַנד. ענגעלאַנד איז צוגעשלאָסען און די שליסעל איז אָבגעבראָכען. איינס־צוויי, דריי—פּוילען איז פאַרביי; רוס איז געלאָפען מיט אלע האַרמאַטען, פּוילען איז געבליבען אָהן סאָלדאַטען" (נומ. 90).

טער, ווערטלעך, אַנעקדאָטישע משלים א. אַז. וו.

ביי דער יודישער רעליגיעז געשטימטער מאַסע מערקט זיך אַ טיפער עקעל צו דער פיזישער קראַפט, וואָס רעכענט זיך ממש פאַר „אַ נישט יודישער מדה". להיפוך די יודישע אייגענשאַפטען—„אַ דאַרינקער, אַנ'איידעלער, אַ זיידענער, אַ שטילער ווי אַ טויב" א. אַז. וו.—ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס סימן פון מגושמ'דיגקייט און טעמפּקייט: „רויט ווי סטיאָפּקע", געזונד ווי אַ גוי, ווי כאַריטאָן". דאָס פאָלקס-ווערטעל איז שאַרף מבחין צווישען די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון אַ יוד און אַ גוי: „הקול—קול יעקב, והידים—ידי עשו" (בראשית כ"ז, כ"ב). היט מיך גאָט פאַר גוי'אישען כח און יודישען שכל". „אַ יוד שלאָגט זיך מיט דער דעה און שיסט מיט'ן קוק" א. אַז. וו. אין דעם אַנעקדאָטישען משל, וואָס שאַנעוועט קיינעם און קיין זאַך נישט, זענען דאָ הונדערטער וויצען, וואָס לאַכען אויס די אומקריגערישקייט פון דעם יוד. בעזונדערס זענען פּאָפּולער די וויצען וועגען אַ „יודישען גזלן", וואָס ווען ער שטעלט אָב אין וואַלד אַ רייכען סוחר מיט דעם מורא'דיגען געשריי: „איך בין אַ גזלן!" און דער דערשראָקענער סוחר פרעגט איהם: „גוואַלד, וואָס-זשע ווילט איהר?" ענטפערט ער מיט תחנונים: „שענקט מיר אַ נדבה!" דער וויץ וועגען אַ יודישען פאָלק, וואָס בשעת דער שלאַכט רופט דער אָפיציר אויס מיט'ן נגון: „מכבד פלוני בן פלוני מיט'ן ערשטען שאָס!" און פלוני בן פלוני ענטפערט: „מוחל, איך טרעט אָב!" א. אַז. וו. אַלע אַזעלכע וויצען זענען אויסען נישט די יודישע פחדנות, נאָר דעם טיפען עקעל פון אַ יוד צום פיזישען קאַמף.

אויב מיר ווען אַריבער צו דער פאָלקס-שאַפונג פון דעם לעצטען פעריאָד—דעם פעריאָד פון שטורם און דראַנג, פון קאַמף צווישען טאַטעס און קינדער, פון אָבקעהרען זיך פון דער תורה און די רעליגיעזע טראַדיציעס,—וועלען מיר אין די נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירטע פאָלקס-לידער און מעשה'לעך געפינען, אין תוך גענומען, די אייגענע טענדענץ, וואָס אין די ווערק פון דער פריהערדיגער פאָלקס-שאַפונג, מיט דער נכקא-

מינה בלויז, וואָס אָנשטאָט דער תורה פֿערנעהמט דאָ דעם אויבענאָן די וועלטליכֿע תורה, די השכלה, וועלכֿע טראָגט אויך דעם נאָמען „בת השמים“ און איז אַרומגערינגעלט מיט דעם זעלביגען אָרעאָל כמעט וואָס די תורה; אָנשטאָט דעם רב און צדיק טרעט אַרויס דער סטודענט, דער דאָקטאָר, דער פּראָפֿעסאָר, דער שריפטשטעלער. און צוגלייך דערמיט—דיזעלביגע שנאה, און דיזעלביגע פֿעראַכֿטונג צו דער קראַפֿט און דער שליטה פֿון די מאַכֿט-האָבער און רייכֿע. דאָס איינציגע, מיט וואָס די נייע שאַפֿונג שיידט זיך אָב פֿון דער פֿריהערדיגער פֿאָלקס-שאַפֿונג, איז דאָס, וואָס אין איהר שלאָגט העל און שטאַרק דאָס בירגערליכֿע געפֿיהל, ענטפֿלעקט זיך דאָס בעוואוסטזיין פֿון דער מענשליכער ווערדע און די גרייטשאַפֿט צו שיצען זי מיט געוועהר אין די הענד. אָנשטאָט דער אַלטער געפֿאַלענער און קראַפֿטלאָזער קלאָג-תפילה, לערנט אונז דאָס פֿאָלקס-ליד פֿון אונזערע טעג, בעפֿעהלענדיג שטרענג: „און אַז מען וועט דיר אין פּנים שפּייען—שפּיי צוריק מיט בלייו!“

## V

די יודישע נאַציאָנאַלע און פֿאָלקסטימליכֿע שאַפֿונג שיידט זיך, ווי מיר האָבען געזעהן, סיי לויט איהרע פֿאָרמען, סיי לויט איהר כאַראַקטער און ריכֿטונג, שאַרף אָב פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַנדערע פֿעלקער.

פֿונדעסטוועגען, ווען מיר זאָלען נעהנטער בעטראַכֿטען די ווערק פֿון דער יודישער שאַפֿונג, דעם פֿאָלקלאָר פֿון מעשה׳לעך און לידער, וועלען מיר לייכֿט בעמערקען דערינען, הגם אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט און אין אַנדערע פֿאָרמען, די אייגענע גרונד-מאָטיווען, וואָס מיר געפֿינען אויך אין דער פֿאָלקסטימליכֿער פּאָעטישער שאַפֿונג פֿון אַנדערע פֿעלקער.

ווי פֿערשידען די פֿעלקער זאָלען נישט זיין צווישען זיך לויט זייער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און דער קולטור-מדרגה,—

די פּסיכאָלאָגיע פון דער פאָלקס-מאַסע בלייבט אומעטום און אַלעמאָל די אייגענע כּמעט. אין זייער פּאָעטישער שאַפונג ווייזען די מאַסען תּמיד אַרויס אַ שטרעבונג צו אַ שטאַרקער אידעאַליזאַציע, אויב נישט צו אַ פערגעטערונג, פון זייערע בעליבטסטע העלדען, אַ שטרעבונג צו בעשרייבען גראַנדיעזע בילדער פון קאַמף, צו שילדערן ערשיינונגען און האַסטיגע פערוואַנדלונגען. און אין דעם פּרט איז די יודישע מאַסע נישט קיין יוצא-מן-הכּלל. אויב נישט קוקענדיג אויף איהרע פּרובען אין משך פון פיל יאָהרהונדערטער צו שאַפען זיך אַ גאָט, „וואָס זאָל געהן פאַר איהר", האָט איהר די פעלזען-פעסטע מאָנאָטעאיסטישע דאָגמע נישט ערלויבט אַראָבצוציהען גאָט פון הימעל אויף דער ערד, קאָנקרעטיזירען איהם אין דער געשטאַלט פון אַ געצען-בילד, פון אַ ריז, אָדער צו בעשאַפען לויט זיין פאָרם און געשטאַלט אַ מענשען-העלד, האָט זי דאָס אייגענע דערגרייכט אויף אַנ'אַנדער וועג: זי האָט בעשאַפען אַ מענש לויט דעם פאָרם און געשטאַלט פון גאָט, אַריבערוואַרפענדיג צווישען זיי אַ בריק—די תּורה. אַזוי-אַרום האָט די יודישע פאָלקס-מאַסע בעקומען די מעגליכקייט אויף אַנ'אַנדער באָדען אין אין אנדערע פאָרמען צו שאַפען זיך די אייגענע מאָטיווען, וואָס מיר געפינען אין דער שאַפונג פון אַנדערע פאָלקס-מאַסען, שילדערן ריזען און גבורים, בילדער פון קאַמף און פון געראַנגעל איינער אויף איינעם, וואונדערליכע ערשיינונגען און פערוואַנדלונגען; אַרויסצוברענגען אפילו אַלע פּרט-עלעמענטען פון דעם אייראָפּעאישען פאָלקלאָר. די גאַנצע נפקא-מינה איז בלויז אין דעם פאָן. בשעת ווען אין דעם אייראָפּעאישען פאָלקלאָר ענטפּלעקען זיך די דאָזיגע אַלע מאָטיווען אויף דעם פאָן פון דער פיזישער, מאַטעריעלער קראַפט, ווייזען זיי זיך אין דער יודישער שאַפונג אַרויס אויסשליסליך אויף דעם פאָן און אין דעם געביט פון רוחניות'דיגען כּח.

די יודישע פאָלקס-שאַפונג, ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, קען נישט קיין גבורים פון פיזישער קראַפט, וועלכע זאָלען זיין בּיכולת איבערצוקעהרען אַ סלופּ פון „הימעל ביז

דער ערד", „מיט אַ געגליהטער פייל פון בויגען צעשמעטערן אַ מעכטיגען דעמב", „אין איין אָטעם אויסטרינקען אַ בעכער גרינעם וויין פון אַנדערטהאַלבען עמער", „מיט'ן פער'כשופ'טען שווערד דורכלעגען געסעלעך און גאַסען אין דעם שונא'ס מחנה" א. אַז. וו.*),—דערפאַר אָבער געפינען מיר אין דער דאָזיגער שאַפונג פונקט אַזעלכע מעכטיגע און אפשר נאָך מעכ-טיגערע גבורים פון רוחניות'דיגער קראַפט, וועלכע ווירקען נישט מיט'ן שווערד, נאָר מיט'ן וואָרט אָדער מיט'ן גייסט.

אין תלמוד געפינען מיר שוין אַ כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיגע גבורים. „וואָרים זיך ביי דעם פייער פון די חכמים—שטעהט געשריבען אין „פרקי-אבות"—אָבער זיי געוואָרענט פון זייערע קוילען, זאָלסט זיך נישט אָבברענען, וואָרים זייער ביס איז ווי דער ביס פון אַ פוקס, און זייער שטאָך איז ווי דער שטאָך פון אַנ'עקדיש, און זייער שיפען איז דאָס שיפען פון אַ שלאַנג, און אלע רייד זייערע זענען—פייער-קוילען". און די דאָזיגע סימבאָלישע כאַראַקטעריסטיק פון דעם גבור פון גייסט שטימט איינגאַנצען מיט דער רעאַלער שילדערונג פון איהם אין תלמוד. דער תלמוד'ישער העלד, דער תלמוד-חכם, איז בכח מיט איין וואָרט חרוב מאַכען אַ גאַנצע מלוכה, פער-טיליגען אומגעהויערע חיילות; נישט נאָר מיט ריזען ראַנגעלט ער זיך, נאָר אויך מיט טייוואָלים און אפילו מיט דעם גרוי-זאַמען מלאך-המות אַליין. רב שמעון בן יוחאי, וואָס האָט דריי-צעהן יאָהר פערבראַכט אין א הייל, האָט בעקומען דעם כח צו „פערברענען מיט'ן קוק". יעדערער, אויף וועמען ער האָט גע-וואָרפען זיין בליק, „אפילו אַ פויגעל, וואָס פליהט אין דער לופטען", פלעגט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ „קופע ביינער". און נאָר אַ דאַנק זייערע ביז צו דער ערד געוואַקסענע ברע-מען זענען די מענשען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, נצול געוואָרען פון טויט. רב יהושע בן לוי, ווי אַ סך אַנדערע

---

*) מאָטיוועז פון די רוסישע פאָלקס־מעשיות—דער איבערז.

חכמי-התּלמוד, איז געווען בעקאַנט, זיך אָפּט געטראָפען און זיך געראַנגעלט מיט׳ן מלאך-המות. ווען דער דאָזיגער גרויזאַמער מלאך איז געקומען נאָך זיין נשמה, האָט דער תּנא געפאָדערט, אַז ער זאָל איהם אַ פריהער וויזען דאָס אָרט, וואָס איז פאַר איהם אָנגעגרייט אין גן-עדן. דער מלאך-המות האָט איהם אַוועקגעפיהרט אַהינצו. „גיב מיר דיין חלף, וואָרים איך קאָן זיך נישט פערלאָזען אויף דיר, כּל-זמן מיר זענען אין וועג״—האָט ווידער געפאָדערט רב יהושע. דער מלאך האָט דערפילט די דאָזיגע פאָדערונג אויך. אַז זיי זענען צוגעקומען צום גן-עדן, האָט דער מלאך אונטערגעהויבען רב יהושע׳ן, ער זאָל קאָנען אַריינקוקען אינעווייניג אין גן-עדן. רב יהושע איז געשווינד אַריבערגעשפּרונגען דעם גדר פון גן-עדן און אַוועקגעטראָגען מיט זיך דעם חלף. דער מלאך-המות האָט אָנגעכאַפּט דעם בורח פאַר אַ פּאָלע און געפאָדערט, ער זאָל זיך אומקערען צוריק. רב יהושע האָט זיך געשוואָרען ביי גאָט, אַז ער וועט פון גן-עדן נישט אַרויסגעהן. דער מלאך-המות איז אַוועקגעפלויגען קלאָגען זיך פאַר גאָט, און גאָט האָט בעפוילען אויסצופאָרשען, צי האָט רב יהושע ווען עס איז עובר געווען אויף זיינער אַ שבועה. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט עובר געווען אויף זיינער אַ שבועה האָט גאָט גע׳פּסק׳ענט, אַז ער איז נישט מחויב צו פערלאָזען דעם גן-עדן. דאַן האָט דער מלאך-המות גענומען בעטען ביי רב יהושע׳ן דעם חלף צוריק. רב יהושע האָט דעם חלף נישט געוואָלט צוריקגעבען, אָבער עס האָט זיך דערהערט אַ בת-קול פון הימעל: „גיב צוריק דעם חלף, וואָרים ער איז נויטיג פאַר די מענשען!״—און ער האָט צוריקגעגעבען דעם חלף.

געוועזן חכמים, וואָס האָבען אפילו נישט געפאָלגט קיין בת-קול אויך. אין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע תּלמוד׳ישע אגדות ווערט דערצעהלט, אַז רב אליעזר בן הורקנוס האָט געהאַט אַ גרויסען וכּוח מיט די תּנאים מכּוח דער שאלה וועגען טמא ווערען. רב אליעזר האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַנ׳אויוועז קאָן נישט טמא ווערען; די תּנאים האָבען געהאַלטען פערקעהרט.

אויסגעשעפּט אַלע ראיות, האָט רב אליעזר אויסגערופען: „זאָל דער בוים, וואָס וואַקסט נעבען בית-המדרש, זאָגען עדות, אַז איך בין גערעכט". איז דער בוים גלייך געוואָרען אויסגעריסען און אַוועקגעשליידערט אויף הונדערט איילען ווייט. די חכמים האָבען אָבער דערקלערט, אַז דער בוים איז פאַר זיי קיין ראיה נישט. דאַן האָט רב אליעזר געזאָגט: „זאָל דער טייך עדות זאָגען, אַז איך בין גערעכט!" האָט דער טייך גלייך אַ קעהר געטהון דעם שטראָם אויף צוריק. „דער טייך איז פאר אונז אויך קיין ראיה נישט!"—האָבען געענטפערט די חכמים. „זאָלען די ווענט פון בית-המדרש עדות זאָגען, אַז איך בין גערעכט!"—האָט רב אליעזר ווידער געפאָדערט. האָבען די ווענד זיך אָנגעהויבען איינצובויגען אויף אומצופאַלען, אָבער איינער פון די תנאים, רב יהושע, האָט אויסגערופען: „ווען די חכמים אַמפּערן זיך צווישען זיך, דאַרפען די ווענד זיך נישט מישען אין זייער מחלוקת!" אויס דרך ארץ צו רב יהושע זענען די ווענד נישט אומגעפאַלען, אָבער אויס דרך ארץ צו רב אליעזר'ן האָבען זיי זיך אויך נישט אויסגעגלייכט און זענען געבליבען אַזוי איינגעבויגען עד היום הזה. דאַן האָט רב אליעזר געזאָגט: „זאָל דער הימעל עדות זאָגען, אַז איך בין גערעכט!" איז אַראָב אַ בת-קול פון הימעל: „וואָס אַמפערט איהר זיך מיט רב אליעזר'ן! ער איז אַלעמאָל גערעכט!" האָט רב יהושע אויסגערופען: „די תורה איז שוין מעהר נישט אויפ'ן הימעל. זי איז אונז אָבגעגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני—און אין איהר שטעהט געשריבען, אַז אַלע שאלות ווערען גע'פסק'ענט מיט אַ רוב-דעות. דערום וועלען מיר נישט פאָלגען דעם בת-קול". און די תנאים האָבען אַריינגעלעגט רב אליעזר'ן אין חרם, פאַר-וואָס ער האָט נישט געהאָרכט דעם רוב-דעות.

אין אַן אַנדער אָרט ווערט דערצעהלט, אַז צו רב חנינא בן דוסא, וועלכער האָט געהאַט אַ סך ציגען, זענען איינמאָל געקומען די שכנים קלאָגען זיך, אַז זיינע ציגען האָבען זיי אָנגעמאַכט גרויס שאָדען אין פעלד. האָט זיי רב חנינא גע-ענטפערט: „אויב דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט, איז אמת, זאָ-

לען בערען פערצוקען מיינע ציגען; אויב אָבער דאָס איז נישט אמת, זאָלען מיינע ציגען פערשטייסען מיט די הערנער די בערען". פארנאכט זענען זיינע ציגען געקומען פון פעלד און יעדערע האָט געטראָגען אַ בער. האָבען אַלע איינגעזעהן, אַז די שכנים האָבען געזאָגט אַ ליגען.

גאַנץ אַנאַלאָגישע מאָטיווען געפינען מיר אויך אין דער היינטיגער פאָלקס-שאַפונג. די העלדען פון די פאָלקס-מעשיות, בפרט פון די לעגענדעס, וועלכע זענען פערבונדען מיט די נעמען פון פאָפולערע צדיקים-בעלי-מופתים, זענען כמעט ווי אָלמעכטיק. זיי האָבען דעם כח מיט איין וואָרט הרוב צו מאַכען שטעדט, פערטיליגען חיילות פון שונאים. פון זייערן אַ קוק פאַלען טויט די, וואָס גלויבען נישט אין זיי. חיות-רעות ווערען פאַר זיי שטילע שעפעלעך, שטעלען זיי אונטערטעניג אונטער דעם רוקען צו טראָגען זיי, וואוהין זיי ווילען. רב ישראל בעל-שם-טוב (דער בעש"ט), פאָהרענדיג מיט זיינע תלמידים דורך אַ וואַלד אין אַ ברענענדיגער פראָסט, ריהרט זיך צו מיט'ן פינגער צו אַ בוים, צינדט זיך דער בוים אָן און אַלע וואָרימען זיך אָב אַרום דעם דאָזיגען פייער. אַן'אַנדערש מאָל, ווען מ'אַרעסטירט דער בעש"ט און מ'זעצט איהם איין בייס פריץ אויפ'ן הויף הינטער פעסט-געשלאָסענע טויערן, הייסט ער זיין בעל-עגלה שפאַנען די פערד און אויפּקפאָהרען, און ווען די פערד קומען צו צו די געשלאָסענע טויערן, „האָבען זיך די טויערן מיט די סלופעס אויפגעהויבען אין דער הויך, און דער בעש"ט איז דורכגעפאָהרען". איינמאָל איז אויף דעם בעש"ט שלאָפענדיגערהייד אָנגעפאַלען אַ גזלן און האָט שוין אויפגעהויבען איבער זיין קאָפּ די האַק, אָבער בזה הרגע האָט עמיצער אָנגעכאַפּט דעם גזלן און האָט איהם געשלאָגען מכת-רצח, אַז ער איז געבליבען ליגען אין חלשות, און ווען ער האָט זיך דערמינטערט, האָט ער אַליין דערצעהלט, וואָס מיט איהם איז געשעהן.

בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אָבער די דאָזיגע לעגענדע.

איינמאָל איז דער בעש"ט געקומען צו פֿאָהרען קיין פּויזנע. דאָס פֿערד האָט זיך צעטראָגען און איז אַריינגעפֿאָהרען אין אַ גאַס, וואו די יודען האָבען זיך נישט געטאָרט ווייזען אונטער דער שרעק פֿון טויט־שטראָף. דער איינציגער אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען פֿאַר אַ יודישען שניידער, וואָס האָט געוואוינט אויף דער דאָזיגער גאַס. דער בעש"ש איז פֿערפֿאָהרען צו איהם און האָט גלייך אָנגעהויבען צו טהון תּפֿילה מיט גרויס דבקות און געשרייען. דערהערט די דאָזיגע געשרייען, האָבען די קריסטען אַרומגערינגעלט דעם שניידערס הויז און גענומען פֿאָדערן, מ'זאָל זיי אַרויסגעבען דעם אָנגעקומענעם, און ווען דער שניידער האָט, נאָכטהוענדיג לוט'ן, זיך אָבגעזאָגט אַרויסצוגעבען דעם אורח, האָבען זיי זיך בעוואָפֿענט מיט שטיינער און זיך אָנגעהויבען צו ברעכען אין טהיר אַריין. דאַן האָט דער בעש"ט געעפֿענט די טהיר, איז אַרויס אויף דער גאַס און געטהון אַ קוק אויף די אָנפֿאַלער. און כּהרף־עין איז צווישען זיי געוואָרען אַ גרויסע מהומה, און אין גרויס אימה האָבען זיי אָנגעהויבען צו אַנטלויפֿען, אומוואַרפֿענדיג איינער דעם אַנדערן און ברעכענדיג זיך הענד און פֿיס. פֿון גאַנץ שטאָדט איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿען אַ קוק טהון, ווי אַזוי די גבורים מיט קולות „ראַטעוועט!" אַנטלויפֿען פֿאַר איין יוד, וואָס יאָגט זיי גאָרנישט נאָך. און ווען מ'האָט שפּעטער געפֿרעגט די אַנטלויפֿענדיגע, פֿאַרוואָס האָבען זיי זיך עס אַזוי דערשראָקען, האָבען זיי געענטפֿערט: „אונז האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום דעם יודען זענען געשטאַנען פֿייערדיגע לייבען, לעמפּערטען, בערן און משונה גרויסע שלאַנגען און געעפֿענט די מיילער אונז איינצושלינגען. אונז האָט זיך געזו'אַכט, אַז זיי יאָגען אונז נאָך, און אַז זייער פֿייער ברענט אונז".

אָדער די דאָזיגע לעגענדע:

איינער אַ קרעטשמער האָט אויסגעזידעלט און אין אַ ברענענדיגער פּראָכט אַרויסגעטריבען פֿון שטוב דעם צדיק זוסיע אַניפּאָליער, וואָס האָט זיך איהם צוגעגעסען מיט זיינע דרשות וועגען תּשובה טהון. זוסיע האָט זיך געשטעלט מתפּלל

ווין, און גלייך האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורם-ווינד, צעשמע-טערט דעם פאַרקאַן, אַראָבגעטראָגן פון דער קרעטשמע דעם דאַך, ס'איז אַרויס אַ האָגעל, וועלכער האָט אייסגעהאַקט אַלע שויבן אין די פענסטער, צעבראָכן דאָס גאַנצע געפעס אין דער קרעטשמע און דעם קרעטשמער אויסגעבראָכן אַ האַנד.

אַזוי ווי די חכמי-התלמוד, האַלטען אויך די העלדען פון די היינטיגע לעגענדעס, אַז זיי זענען נישט מחויב צו פאָלגען דעם בת-קול פון הימעל און צו גאָט טהוען זיי זיך ווענדען גאנץ פאַמיליער, אַזוי ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכען. דער בראָדער רב, ר' יצחק הורוויטש, האָט איינמאָל געהאַט צו בע-טראַכטען אַ תביעה פון די יורשים פון איינעם אַ יוד צו אַ אַ מענש, וואָס זיינעם אַ שטר-חוב האָט מען געפונען צווישען די פאַפּירען פון זייער פערשטאָרבענעם פאָטער. און „נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער מת איז געשטאַנען דערביי און גע'טענה'ט, אַז דאָס געלד האָט ער שוין בעקומען", האָט דער רב גע'פסק'ענט די תביעה לטובת די יורשים. „דעם מת ווער-טער זענען פאַר מיר גאָרנישט ווערט! אפילו אַ בת-קול פון הימעל וועל איך נישט פאָלגען,—האָט דער רב געזאָגט.—די תורה איז איצטער אויף דער ערד, און איך פסק'ען אַזוי, ווי אין איהר שטעהט געשריבען!"

בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז די לעגענדע מיט דער דין-תורה, וואָס איינער אַ רב פייוול האָט געהאַט מיט גאָט צוליב דער גזירה, וואָס דער רומענישער קיסר האָט אַרויסגע-געבען געגען די יודען*).

איינער פון די אָנגענומענע מאָטיווען פון דעם העראָאי-שען-עפּאָס, דאָס געראַנגעל פון גבורים איינער אויף איינעם, האָט אין דער יודישער פאָלקס-פאָעזיע געפונען זיין אויסדרוק

---

*) דאָ גיט אנ–סקי איבער דעם אינהאַלט פון דער חסיד'ישער מעשה וואָס ער האָט שפּעטער בעאַרבייט אין חייטע פּערזען אונטער'ן נאָמען „אַ דין תורה" („געזאַמעלטע שריפטען" I, ז. 174).

אין דער פאָרם פון קאַמף פון דעם צדיק און דעם נישט-גוטען, צווישען די פאָרשטעהער פון דער געטליכער קראַפט און דער סטרא-אחרא. מיר וועלען ברענגען איינע פון אַזעלכע מעשיות, וועלכע איז, ווייזט אויס, ערשט שפּעטער פערבונדען געוואָרען מיט דעם פּאָפּולערען נאָמען פון דעם בעש״ט.

איינמאָל איז דער בעש״ט צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים צוגעפאָהרען צו אַ קרעטשמע. אַריין אין שטוב, האָבען זיי דערזעהן, אַז דאָרט ברענען אַ סך ליכט, און דער בעל-הבית געהט אַרום זעהר פערזאָרגט. דער בעש״ט האָט איהם געפרעגט, וואָס פאַר אַן עגמת-נפש ער האָט, און דער קרעטשמער האָט איהם דערצעהלט אָט וואָס: „עטליכע מאָל האָט מיין ווייב מיר געבוירען יונגלעך, און יעדעס מאָל פלעגען זיי שטאַרבען ערב דעם ברית, אום האַלבע נאַכט, אָהן אַ שום קענטיגער סיבה. איצט האָט דאָס ווייב געהאַט דאָס פינפטע יונגעל, מאָרגען דאַרף זיין דער ברית, האָב איך מורא, אַז היינט אום האַלבע נאַכט וועט דאָס קינד שטאַרבען". האָט דער בעש״ט איהם געזאָגט, ער זאָל גאָר קיין פחד נישט האָבען, און אַליין האָט ער אַוועקגעשטעלט צוויי מענשען ביים קינדס וויגעלע, האָט זיי געגעבען אַ זאַק און געהייסען איהם האַלטען אָפענערהייד סאַמע ביים וויגעל און זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט, און ווי נאָר עפּעס וועט אַריינפאַלען אין זאַק אַריין, גלייך פערבינדען דעם זאַק און איהם אויפוועקען. און די תּלמידים זיינע האָט ער געהייסען תּפילה טהון אַ גאַנצע נאַכט. אַז ס'איז געקומען האַלבע נאַכט, האָבען די ליכט אָנגעהויבען צו צאַנקען. האָבען די תּלמידים אָנגעהויבען מתפלל צו זיין נאָך מיט מעהר כונה, און די ליכט האָבען זיך נישט אויסגעלאָשען. אין דער רגע איז צום וויגעלע צוגעלאָפען אַ שוואַרצע קאַץ, זי איז אָבער אַריינגעפאַלען אין זאַק אַריין. די צוגעשטעלטע מענשען האָבען פערבונדען דעם זאַק און אויפגעוועקט דעם בעש״ט. האָט ער געהייסען קלאַפּען איבער'ן זאַק מיט שטעקענס און דערנאָך איהם אַרויסוואַרפען אויף דרויסען. און מ'האָט געטהון אַזוי. דאָס קינד איז געבליבען לעבען, און אויף מאָרגען האָט מען גע-

פראָוועט דעם ברית מיט גרויס שמחה און פּאַראַד.

נאָכ'ן ברית האָט דער קרעטשמער, ווי דער מנהג איז געווען, אַוועקגעטראָגען דעם פּריץ, וואָס האָט דאָרטען גע-וואוינט אין זיין פּאַלאַץ, אַ לעקעך. די דינער האָבען געזאָגט דעם קרעטשמער, אַז דער פּריץ ליגט קראַנק, אָבער ווען דער פּריץ איז געוואָהר געוואָרען, אַז ס'איז געקומען דער קרעטש-מער, האָט ער געלאָזט איהם רופען צו זיך, און האָט איהם געפרעגט, ווער געפינט זיך ביי איהם פון פרעמדע מענשען. דער קרעטשמער האָט געענטפערט, אַז צו איהם איז פערפאָהר-רען אַ צדיק, און האָט דערצעהלט, ווי אַזוי דער צדיק האָט מציל געווען דאָס קינד פון טויט, האָט דער פּריץ געזאָגט: „זאָג דיין גאַסט, אַז איך בעט איהם קומען צו מיר, איך וויל מיט איהם זיך דורכריידען". דער קרעטשמער האָט זיך דער-שראָקען, דער פּריץ זאָל חס-ושלום נישט טהון דער צדיק קיין שלעכטס. אָבער דער בעש"ט האָט נאָר אַ שמייכעל געגעבען איבער דעם קרעטשמערס מורא און איז אָהן פּחד אַוועק צום פּריץ. אַז יענער האָט איהם דערזעהן, האָט ער אויסגעשריען: „נעכטען ביינאַכט האָסטו מיך געפּאַקט אומגעריכטערהייד, און איך האָב קיין צייט נישט געהאַט זיך צוצוגרייטען. דאָס איז קיין קונץ נישט! אויב דו ווילסט אָבער זיך ראַנגלען מיט מיר, לאָמיר אַרויסגעהן אין פעלד, וועלען מיר זיך פערמעסטען מיט די כחות" (דער פּריץ איז געווען אַ מכשף און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך פערוואַרפען אין אַ קאַץ און קומען שטיקען דעם קרעטשמערס קינדער). האָט איהם דער בעש"ט געענט-פערט: „איך האָב נישט געהאַט אפילו אין זינען צו ראַנגלען זיך מיט דיר, איך האָב נאָר געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד. נאָר אַז דו ווילסט, וועל איך זיך נישט אָבזאָגען און וועל זיך ראַנגלען מיט דיר. איך וועל צונויפזאַמלען מיינע תלמידים, דו זאַמעל צונויף דיינע, און פּונקט אין אַ חודש אַרום וועלען מיר זיך צוזאַמענקומען אין פעלד און מיר וועלען זעהן, ווער איז שטאַרקער, צי דו מיט דיין כשוף, צי איך מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּצען". פּונקט אין אַ חודש אַרום זענען ביידע מחנות

זיך צוזאַמענגעקומען אין פעלד: פון איין זייט דער מכשף מיט זיינע תלמידים, פון דער אַנדערער—דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים, און דער געראַנגעל האָט זיך אָנגעהויבען. דער בעש״ט האָט געמאַכט אַרום זיך צוויי קרייזען און אַרום די תלמידים נאָך אַ דריטען און האָט געהייסען די תלמידים, זיי זאָלען פון איהם קיין אויג נישט אראָבנעהמען, און אויב זיי וועלען דערזעהן, אַז זיין פנים האָט זיך פערענדערט, זאָלען זיי זיך אָנטהון אַ כח צו טראַכטען נאָר וועגען תשובה. דער מכשף האָט אויך געמאַכט אַרום זיך און די חברים זיינע אַנ׳עיגול און האָט אָנגעהויבען אַרויסצושיקען חיות-רעות, וועלכע האָבען מיט אַ שרעקליכען ברומען זיך געוואָרפען אויפ׳ן בעש״ט. אָבער קוים צוגעקומען צו דעם ערשטען קרייז, פלעגען זיי נעלם ווערען. אַזוי האָט זיך עס געצויגען אַ גאַנצען טאָג. יעדע רגע האָבען זיך געביטען די חיות, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט געקאָנט אַריבערטרעטען דעם ערשטען עיגול. לסוף האָט דער מכשף אַרויסגעשיקט געגען דעם בעש״ט ווילדע חזרים, וואָס האָבען געשליידערט פלאַמען פייער פון די נאָזלעכער. מיט אַ מורא׳דיגען אימפעט האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהון אויף דעם בעש״ט און אַריבערגעשפּרונגען דעם ערשטען עיגול. דעם בעש״טס פנים האָט זיך פערענדערט. אָבער זיינע תלמידים האָבען זיך געשטאַרקט אין זייערע הירהורי-תשובה, און ווען די חזרים זענען צוגעקומען צום צווייטען קרייז, זענען זיי פערשוואונדען. דער מכשף האָט עס איבערגע׳חזר׳ט דריי מאָל, אָבער די חזרים האָבען נישט געקאָנט אַריבערטרעטען דעם צווייטען קרייז. דאָ האָט דער מכשף זיך אָבגערופען צום בעש״ט: „איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט צו ראַנגלען זיך מיט דיר. איך ווייס, אַז דו וועסט מיך באַלד טייטען מיט דיין קוק, און איך זעגען זיך מיט׳ן לעבען״. האָט איהם דער בעש״ט געענטפערט: „ווען איך זאָל געווען וועלען דיך טייטען, וואָלט איך עס שוין לאַנג געטהון. איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט פערשטעהן די גרויסקייט פון אונזער גאָט. הויב אויף די אויגען און טהו אַ קוק אויפ׳ן הימעל״. דער מכשף האָט

אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל—און אין דער רגע זענען געקומען צו פליהען צוויי שפּאַרבערס און איהם אויסגעפּיקט די אויגען. איז דער מכשף בלינד געוואָרען און האָט שוין מעהר נישט געקאָנט טהון קיין כשוף.

# VI

אודאי איז אין דעם יודישען לעבען נישט געווען קיין שום באָדען פאַר ריטערליכער פּאָעזיע, מיט די אַלע מאָטיווען איהרע, מיט די ריטערליכע גבורות, העלדישע אויפטריטען, דועלען א. אַז. וו. ווען מיר זאָלען זיך אָבער צוקוקען צו דער חסיד׳ישער פאָלקס-שאַפונג, צו די מעשיות און לעגענדעס וועגען פערשידענע צדיקים, וועלען מיר דאָרט געפינען בפועל-ממש די אייגענע מאָטיווען, וואָס אין דער ריטערליכער פּאָעזיע, מעהר נישט, ווידעראַמאָל טאַקע אויך דעם באָדען פון רוחניות.

די צדיקים, אַזוי ווי די ריטערס, פאָהרען שטענדיג אַרום איבער די הויפען און שטעדטליך, דאָס רוב אין דער בעגלייטונג פון אַ גאַנצער סוויטע פערעהרער-חסידים, אויפ׳ן שטייגער פון די ריטערליכע וואָפען-טרעגער. דער הויפּט-צוועק פון די דאָזיגע נסיעות, ווי די לעגענדעס זענען מרמז, איז „פּדיון שבויים"—אַ מאָטיוו אַ גאַנץ פאַנטאַסטישער, וואָס שטימט אָבער זעהר גוט מיט דעם ריטערליכען כאַראַקטער פון זייער טעטיגקייט. די לעגענדעס זאָגען אַ וואָרט נישט וועגען די נסיונות פון די צדיקים אויסצולייזען ווירקליכע געפאַנגענע אָדער תפוסים. דערפאַר אָבער געפינען מיר אין זיי אָהן אַ שיעור מעשיות וועגען דעם, ווי אַזוי די צדיקים לייזען אויס די זינדיגע נשמות פון גיהנום אָדער דער שאול-תחתיה, רייסען זיי אַרויס אויס די נעגעל פון די נישט-גוטע, ראַנגלען זיך פאַר זייערטוועגען מיט דער קליפּה, הויבען אויף אַ רעש אין הימעל, פאָדערענדיג גערעכטיגקייט. צוזאַמען מיט די נשמות לייזען זיי אויך אויס די נישט דער-

גאַנגענע אָדער פון דער סטרא-אחרא איבערגענומענע תפילות און ברענגען זיי צום כסא-הכבוד. לויט זייער כאַראַקטער זע-נען די לעגענדעס מאָדנע עהנליך אויף די ריטערליכע מעשיות.

צו דעם בעש"ט, ווען ער פלעגט מתפלל זיין, פלעגען זיך מעלדען גאַנצע חיילות מתים, וועלכע פלעגען בעטען, ער זאָל זיי געבען תיקון און אַריינברענגען אין גן-עדן. דער בעל מופת ר' יצחק לוריא, דער אר"י, איז מציל זינדיגע מתים, וואָס שדים, פערשטעלטע פאַר אָקסען, טראַמפּלען זיי מיט די פיס. אָבער ווען צו איהם קומט די נשמה פון אַ מסור, אין דער געשטאַלט פון אַ קראָה, און בעט איהם קראַקענדיג, ער זאָל איהר געבען תיקון, טרייבט ער זי וועק. בעזונדערס כאַ-ראַקטעריסטיש איז די מעשה וועגען דעם, ווי אַזוי דער בעש"ט איז געגאַנגען אין הימעל. איינמאָל יום-כפור בשעת נעילה איז ער גאַנצע צוויי שעה געשטאַנען ביים עמוד שווייגענדיג און אומבעוועגליך, מיט אַנ'אויסדרוק פון פיינליכען קאַמף אויפ'ן געזיכט. אַז מ'האָט איהם שפעטער געפרעגט, וואָס איז עס געווען, האָט ער דערצעהלט אָט וואָס: ער איז געוואָהר גע-וואָרען, אַז אין הימעל שטאַרקט זיך דער קטרוג אויף די יו-דען, איז ער אַוועק אַהינצו. אַריינגעקומען אין אַ הימלישען געצעלט, האָט ער דאָרט געפונען תפילות, וואָס זענען געבלי-בען ליגען אין משך פון גאַנצע פופציג יאָהר. האָט ער צו זיי געזאָגט: „קומט צוזאַמען מיט מיר!"—און האָט זיך געלאָזט געהן צו די „גרויסע טויערן", וואָס פון דאָרטען איז שוין אַ גליי-כער וועג צו דעם כסא-הכבוד. די דאָזיגע טויערן זענען גע-ווען גרויס ווי די וועלט. פלוצלינג איז געקומען צו פליהען אַ מלאך, פערמאַכט די טויערן און אויפגעהאָנגען אויף זיי אַ שלאָס ווי אַ שטאָדט די גרויס. דער בעש"ט איז אַוועק צו זיין פערשטאָרבענעם רבי, וואָס איז געווען אויפ'ן הימעל, און האָט אויסגעשריען: „רבי! די יודען קאָנען זיך נאָך, חס-ושלום, אויס-ריכטען גרויסע אומגליקען, און מיך לאָזט מען נישט געהן בעטען פאַר זיי! העלפט מיר עפענען די טויערן. איך וואָלט זיך נישט איינגעשטעלט, ווען די סכנה וואָלט נישט געווען אַזוי

גרויס״. דער רבי איז אַוועק צו די טויערן, ער האָט אָבער אויך נישט געקאָנט זיי עפענען. האָט ער געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער דער בעש״ט האָט צו איהם אַ געשריי געגעבען: „רבי, ווי אַזוי פערלאָזט איהר עס מיך אין אַזאַ שרעקליכער צייט?״ האָט איהם דער רבי אַוועקגעפיהרט צו משיח׳ס פּאַלאַץ. אַז משיח האָט זיי דערזעהן, האָט ער געזאָגט צום בעש״ט: „שריי נישט, אָט האָסטו אַ צייכען, און לויט דעם צייכען וועלען זיך פאַר דיר עפענען די טויערן!״ ווען די טויערן האָבען זיך געעפענט, און דער בעש״ט איז אַריינגעקומען, ברענגענדיג מיט זיך די תפילות, זענען אַלע וועלטען פול געוואָרען מיט אַזאַ שמחה, אַז דערפון אַליין איז בטל געוואָרען דער קטרוג אויף די יודען.

און נישט נאָר ביים לעבען—אויך נאָכ׳ן טויט פיהרען די צדיקים אַ געראַנגעל פאַר די זינדיגע נשמות.

איינער אַ צדיק האָט געזעהן אין חלום, אַז דער הייליגער ר׳ מיכל׳ע, וואָס איז נישט לאַנג פאַר דעם געשטאָרבען, שטעהט ביי די טויערן פון גן-עדן און געהט נישט אַריין אינווענינג. דער צדיק האָט געמיינט, אַז מ׳לאָזט איהם אַהינצו נישט אַריין, האָט ער אָנגעהויבען צו פאַסטען תעניתים און בעטען גאָט פאַר ר׳ מיכל׳ען. איז יענער צו איהם געקומען צו חלום און געזאָגט: „אומזיסט פאַסטו תעניתים. איך וויל אַליין נישט געהן אין גן-עדן. איך האָב געפאָדערט מ׳זאָל מיר אַרויסגעבען פון גיהנום עטליכע נשמות, וועלכע איך וויל אַריינפיהרען אין גן-עדן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגליך. וויל איך אָהן זיי נישט געהן אין גן-עדן. און איך וויל פועל זיין, אַז מ׳זאָל מיר די דאָזיגע נשמות אַרויסגעבען פון גיהנום״.

וואָס איז שייך די ריטערליכע טורנירען, האָבען מיט זיי אַ גרויסע אַנאַלאָגיע, לויט די אויסערליכע אַקסעסוּאַרען און דעם כאַראַקטער זייערן—די רעליגיעזע וכּוחים, וואָס זענען איינער פון די בעליבטסטע מאָטיווען אין די יודישע פאָלקס-מעשיות. די דאָזיגע וכּוחים (דאָס רוב צווישען אַ רב און אַ „אַפּיקורס״) וועגען דעם, וועמעס אמונה איז די אמת׳ע, קומען

פאַר, אַזוי ווי די ריטערליכע טורנירען, אין דער געגענוואַרט פון קיניג, קיניגין און שררות און ווערען בעגלייט כמעט מיט די אייגענע צערעמאָניעס און פייערליכקייטען.

אָהן אַ זעלבשטענדיגען מלוכה׳שען לעבען, האָט די יודישע פאָלקס-מאַסע נישט געהאַט די מעגליכקייט צו שאַפען לעגענדעס וועגען מלכים, צו בעזינגען אין לידער און שילדערן אין מעשיות קלוגע און גוטע קיסרים, שררות און מלוכה-לייט. פונדעסטוועגען קאָן מען נישט זאָגען, אַז די דאָזיגע מאָטיוען פעהלען אינגאַנצען אין דער יודישער פאָלקס-שאַפונג. נישט האָבענדיג קיין באָדען פאַר אַזעלכע מאָטיוען אין דעם לעבען פון איצט, טהוט זיך די פאָעטישע שאַפונג פון דער פאָלקס-מאַסע אָפט ווענדען צו די אַלט-היסטאָרישע מאָטיוען, נעהמט אַלס העלדען משה-רבינו, יהושע בן-נון, דוד המלך און זיינע אנשי-מלחמה, און בעזונדערס אָפט—שלמה המלך. אַ חוץ דעם ווערען די פאַנטאַסטישע מעכטיגע מלכים פון די האַלב-אַנטליהענע אַראַבישע מעשיות פערוואַנדעלט אין יודען, און זייערע מלוכות—אין יודישע מלוכות. דאָס אייגענע איז אויך אין דעם פאָלקס-ליד—דער מאָטיוו פון אַ יודישען מלך רייסט זיך—זעלטען—אָבער פאָרט ווען עס איז דורך:

„אַמאָל איז געווען אַ מעשה, די מעשה איז גאָרנישט פרעהליך, די מעשה הויבט זיך אָנעט מיט אַ יודישען מלך. דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה, די מלכה האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען״ א. אַז. וו.

אָדער: „אַמאָל איז געווען אַ מעשה אַזוי און אַזוי, האָט אַ מאַן אַוועקגעלאָזט אַ יונגינקע פרוי; איז ער געגאַנגען ווילד אויס און ווילד איין, איז ער געקומען אין אַ שטעדטעלע אַריין. האָט ער דערזעהן אַ יודישען מלך, איז איהם געוואָרען אויפ׳ן הערצעלע פרעהליך״.

דאָס רוב איז דער יוד אין די פאָלקס-מעשיות נישט קיסר, נאָר „משנה-למלך״. לויט די מאָטיוען פון די יודישע מעשיות שענקט דער קיסר דעם מענשען, וואָס האָט איהם געטהון עפּעס אַ גרויסע טובה, נישט קיין האַלבע מלוכה, נאָר אַ

האַלבע ממשלה (אויך אַ מעהר רוחניות'דיגע פאָרם). אָבער אָפּ־מער ווי אַלץ איז דער יוד, וואָס האַלט אין זיין האַנד דעם גורל פון לאַנד, דעם קיסר'ס אַ בעל-יועץ. געוועהנליך איז דאָס אַנ'אָרימאַן, וואָס קיינער קען איהם נישט, וואוינט ערגעץ עק שטאָדט אין אַ חורבה. אָבער אין שווערע מאָמענטען קומט דער קיסר אָדער דער ערשטער מיניסטער אָן צו זיין קלוגער עצה און צו זיין היקף.

דעם דאָזיגען מאָטיוו געפינען מיר אין דער גמרא אין דער אגדה וועגען אַנטנינוס און רבי דעם תנא. אַנטנינוס האָט געהאַט צו רבי'ן אַזאַ יראת-הכבוד, אַז ער האָט איהם פאָרגע־לעגט צו זיין אַ פוס-בענקעלע פאַר זיינע פיס. ער האָט אָבער געהאַלטען בסודי-סודות, אַז ער געהט לערנען חכמה ביי רבי'ן. פון דעם קיסר'ס פאַלאַץ צו רבי'ן איז געווען אַ גאַנג אונטער דער ערד, דורך וועלכען אַנטנינוס פלעגט געהן ביינאַכט אין דער בעגלייטונג פון צוויי קנעכט. און כדי די קנעכט זאָלען נישט מגלה זיין דעם סוד, פלעגט ער איינעם טויטען ביי דער טהיר פון רבי'ס הויז און דעם אַנדערן צוריקקומענדיג אין פאַ־לאַץ אַריין („עבודה זרה", י', ב.)

אין דער ראָלע פון די געהיימע קייזערליכע ראָטגעבער טרעטען אין די היינטיגע מעשיות און לעגענדעס אַרויס אַלץ דיזעלביגע פאָפולערע צדיקים און בעל-מופתים. פאַרהאַן אַ סך לעגענדעס וועגען רב לוי בן בצלאל, גענאַנט גור-אריה, וואָס איז געווען אַ ידיד פון „פראָגער מלך" און האָט געהייסען ביי איהם נישט אַנדערש ווי „מיין לייבל". נאָך מעהר לעגענדעס אַזעלכע זענען פערבונדען מיט דעם נאָמען פון רמב"ם, דעם גרעסטען רופא אין דער וועלט". בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז די דאָזיגע לעגענדע:

איינער אַ פרומער מאַן, רב אליעזר, איז אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערן, און זיי האָבען איהם פער־קויפט פאַר אַ קנעכט ערגעץ אין אַ וייטער מדינה. געקויפט האָט איהם אַ גרויסער שררה, און איהם אַוועקגעשאָנקען דעם משנה-למלך, וועלכער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין לייב-דינער.

איינמאָל האָט דער מלך פון יענער מדינה געדאַרפט געהן האַלטען מלחמה, האָט ער געפרעגט אַנ׳עצה ביים משנה־למלך. דער משנה־למלך האָט איהם אָבער קיין גלייכֿע עצה נישט געקאָנט געבֿען, און דער מלך איז אויף איהם שטאַרק דערצאָרנט געוואָרען. דער משנה־למלך איז געקומען אַהיים זעהר בעטריבֿט, האָט נישט געגעסען און נישט געטרונקען. האָט איהם רבֿ אליעזר געפרעגט, פאַרוואָס איז ער זיך מצער. צוערשט האָט ער איהם גאָרנישט נישט געזאָגט; אַז זיין דינער איז אָבער שטאַרק צו איהם צוגעשטאַנען, האָט ער איהם דערצעהלט די סיבה פון זיין עגמת־נפש. רבֿ אליעזר האָט אָנגעהויבען תפילה צו טהון, און פון הימעל האָט מען איהם געגעבֿען צו וויסען, וואָס פאַר אַנ׳עצה דער משנה־למלך דאַרף געבֿען דעם קיניג. רבֿ אליעזר האָט עס איבערגעגעבֿען זיין האַר, און יענער איז אַוועק צום מלך און איהם געזאָגט די עצה. דער מלך האָט אָבער גלייך פערשטאַנען, אַז עמיצער האָט עס דעם משנה־למלך אונטערגעזאָגט. „אין דיינע ווערטער—האָט דער מלך געזאָגט—ליגט אַנ׳איבערמענשליכֿע חכמה. נישט אַנדערש, אַז דו ביזט דאָס דערגאַנגען דורך כשוף״. דאַן האָט דער משנה־למלך זיך מודה געווען, אַז די עצה האָט איהם געגעבֿען זיין דינער. האָט דער מלך געשיקט רופֿען רבֿ אליעזר׳ן און איהם געמאַכֿט פאַר זיין ראָטגעבֿער. איינמאָל איז דער מלך אַוועקגעפאָהרען מיט שיפען בעצווינגען אַ שטאַרקע פעסטונג. רבֿ אליעזר איז אויך געווען אויף דער שיף, האָט מען איהם צו וויסען געטהון פון הימעל, אַז די פעסטונג איז זעהר שווער צו נעהמען, וואָרים די שיפען, וואָס קומען צו צו איהר ווערען גלייך צעשמעטערט אויף פיצלעך. און ער האָט אַנ׳עצה געגעבֿען דעם מלך אַוועקצוזעצען אין אַ שיפעל מענשען, וואָס זענען חייב מיתה און אַוועקשיקען זיי צו דער פעסטונג. ווי נאָר דאָס שיפעל איז צוגעקומען נאָהנט צו דער פעסטונג, איז עס צעשמעטערט געוואָרען און אַראָב צום גרונד. דער מלך האָט געזעהן די חכמה פון רבֿ אליעזר און האָט איהם געפרעגט אַנ׳עצה, ווי אַזוי צו נעהמען די פעסטונג. רבֿ אליעזר האָט איהם געגעבֿען אַנ׳עצה

און די פעסטונג איז איינגענומען געוואָרען. דאַן האָט דער מלך געמאַכט רב אליעזר׳ן פאַר זיין משנה-למלך.*)

## VII

אין די יודישע פאָלקס-מעשׂיות זענען אויך פאָרגעשטעלט דער גרעסטער טייל אַנדערע, נישט העראָאישע, מאָטיווען פון דעם אייראָפּעאישען פאָלקלאָר. אָבער אַלע צייכענען זיי זיך אויס מיט דיזעלבע אייגענשאַפטען, און אומעטום טרעט אין זיי, אָנשטאָט דער מאַטעריעלער קראַפט, אַרויס די גייסטיגע.

איינער פון די באַליבטסטע העלדען אין דעם אייראָפּעאישען פאָלקלאָר איז דער „תם" (אין רוסישען פאָלקלאָר דער „נאַרעלע"), וואָס געהט אָנגעטהון קרועה-בלויה, ליגט תמיד אויפ׳ן אויווען אָדער זיצט הינטער׳ן אויווען, איז, דאַכט זיך, צו קיין זאַך נישט פעהיג און דינט נאָר אַלס ציל-ברעט פאַר דעם חוזק און די שפּריכווערטלעך פון זיינע קלוגע ברידער און אַלע אַרומיגע. אין דער אמת׳ן אָבער איז עס נאָר אַ פער-בלענדעניש. וואָרום סוף-כל-סוף ווייזט זיך דער „נאַר" אַרויס קליגער, פיינקער און געשמיידיגער פאַר אַלע הכמים. ער בע-שיידט דעם קיסר׳ס רעטענישען, קריגט אַרויס די וואונדערליכע

---

*) אַלס יסוד פאַר דעם גרעסטען טייל פון די דאָזיגע לעגענדעס האָט ווייזט אויס, געדינט די געשיכטע מיט דער גדולה פון רב שמואל הלוי בן יוסף הנגיד (אין צ׳ יח״ה, וועלכער איז פון אַ קליינעם קרעמער נתעלה געוואָרען צו דער מדרגה פון דעם ערשטען מיניסטער ביים קיניג פון גרענאַדע.

נעבען רב שמואל׳ס קרעמעל איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ פון דעם וויזיר פון דעם גרענאַדער קיניג כאַבּים. איינע פון דעם וויזירס דינסטען פלעגט אָפט בעטען איהר שכן, דעם קרעמער, ער זאָל איהר שרייבען בריף. די דאָזיגע בריף זענען אַריינגעפאַלען צו דעם וויזור אין די הענד, האָבען איהם פעראינטערעסירט, און ער האָט בעשלאָסען צו בעקענען זיך מיט רב שמואל׳ן. דערזעהן, אַז דאָס איז

פויגעל, די פער׳כישופ׳טע קמיעות, בעקומט אַלס ווייב די שענס-טע בת-מלכה און נאָך אַ האַלבע מלוכה אַלס נדן.

דער אייגענער מאָטיוו איז אויך פאַרגעשטעלט אין די יודישע מעשיות, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט. אַנשטאָט דעם „נאַר“ פיגורירט דאָרט דער „פערבאָרגענער צדיק“, דער נסתר; דאָס רוב איז עס איינער פון די ל״ו צדיקים, וואָס אָהן זיי וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. דער נסתר איז לויט זיין אויסערליכען אָנבליק מאָדנע עהנליך אויף דעם „תם“ און דעם „נאַר“ פון דעם אייראָפּעאישען פאָלקלאָר. ער געהט אָנגעטהון נישט אַזוי ווי אַלע יודען, טראָגט אַ סערמיעגע, געהט אפילו אַמאָל אין לאַפּטשעס. מפרנס איז ער זיך גע-וועהנליך פון שווערער גראָבער פראַצע (אַ בעל-עגלה, אַ טרע-גער), איז זעהר מגושמ׳דיג, טעמפּ און אַ גרויסער עם-הארץ. נישט נאָר וואָס ער קען נישט לערנען, נאָר אפילו דאַווענען קען ער אויך נישט.—אָבער אין דעם נויטיגען מאָמענט, דער-הויפּט ווען מ׳דאַרף ראַטעווען די יודען פון אַ סכנה, ווערט ער פּלוצלינג נתגלה—און דאַן שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז מעהר חכם פאַר די גרעסטע צדיקים און איז נישט נאָר קלאָר די גאַנצע תורה, נייערט ער קען אַלע פערבאָרגענע חכמות, וואָס נאָר די מלכים זענען זוכה דערצו. דער דאָזיגער מאָטיוו חזר׳ט זיך איבער אין צעהנדליגער און אפשר הונדערטער

---

עהר א קלוגער און געבילדעטער מענש, האָט ער איהם געמאַכט פאַר זיין געהיימען סעקרעטאַר און אָנגעהויבען אָנצוקומען צו זיינע עצות אין די חילטיגסטע ענינים פון דעם מלכות. אז דער וויזיר איז קראַנק געוואָרען און דער קיניג כאַביס האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל אָהן איהם אָנהויבען צו טהון, האָט דער וויזיר פאַר׳ן טויט זיך מודה געווען פאַר׳ן קיניג, אז זיין הצלחה האָט ער צו פערדאַנקען נאָר די עצות פון זיין קלוגען סעקרעטאַר. דער קיניג האָט גערופען צו זיך רב שמואל הנגיד, האָט איהם געמאַכט פאַר זיין אויבערשטען מיניסטער און איהם פערטרויט צו פיהרען אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע און מלוכה׳שע ענינים (יודישע געשיכטע פון גרעץ, ב. IV).

מעשיות און לעגענדעס. אַמאָל לאָזט זיך די מעשה אויס דער-מיט, וואָס דער נכתר, אין דער סערמיענגע און די לאַפטשעס, אָבגעריסען און אָבגעשליסען, קומט זיך שדכנ'ען צו אַ רייכער כלה אָדער צו אַ גרויסער מיוחסת. די אַרומיגע מאַכען פון איהם חוזק, אָבער צו זייער גרויסער איבעררַאשונג איז די כלה תיכף מסכים, וואָרים זי האָט געזעהן אין חלום (און אַמאָל—דורך אַ ווינש-שפּיגעל, וואָס זי האָט בּקומען פון אַ צדיק אַ בעל-מופת), אַז זי מוז חתונה האָבען דוקא מיט דעם דאָזיגען מענשען.

מיר וועלען ברענגען אייניגע, מעהר כאַראַקטעריסטישע מעשיות פון דעם מין.

1) איינער אַ רב, אַ גרויסער גאון, האָט געהאַט אַ בת-יחידה, און האָט נישט געקאָנט געפינען פאַר איהר קיין רעכטען חתן. איז צו דעם רב, צו דער רבי'צין און צו דער טאָכטער זייערער געקומען צו חלום דעם רב'ס געשטאָרבענער פאָטער און האָט זיי געזאָגט, אַז די טאָכטער דאַרף חתונה האָבען מיט דעם בחור, וואָס אַרבייט אויף דער דערביייאיגער מיהל, אַנישט וועט זי שטאַרבען. דער רב איז אַוועק אויף דער מיהל און געפרעגט זיך אויף דעם אַרבייטער. צו איהם איז אַרויסגעקו-מען אַנ'אָבגעריסענער בחור מיט אַ טעמפּען פּנים. דער רב האָט מיט איהם געמאַכט אַ שמועס, אָבער יענער האָט איהם געענט-פערט פּידרעך. האָט דער רב איהם געפרעגט, צי ער האָט אַמאָל עפּעס געלערנט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער קען אפילו נישט דאַווענען, קיין שייטל עברי נישט. דער רב אָבער האָט געהאַלטען דעם פאָטערס פאַרזאָג און האָט מיטגע-נומען דעם בחור אַהיים. ער האָט איהם פאַרגעלעגט אָנצוטהון אָנשטענדיגע מלבושים, אָבער יענער האָט נישט געוואָלט שיי-דען זיך מיט זיינע טראַנטעס. אַז די כלה האָט דערזעהן אַזאַ חתן, איז זי געפאַלען אין חלשות, די קרובים און בעקאַנטע האָבען זיך צעוויינט,—אָבער פערפאַלען, קיין ברירה איז נישט געווען. מ'האָט זיך גענומען גרייטען צו דער חופה. פּלוצלינג קומט אַריין אַ פאַסטוך מיט אַ הויכען שטעקען און פרעגט:

„וואו איז דער חתן? מיר זענען חברים, צוזאַמען געאַרבייט ביי איין בעל-הבית". דערזעהן דעם חתן, האָט ער זיך געוואָרפען צו איהם קושען. די כלה און די אייגענע איהרע האָבען זיך נאָך מעהר מצער געווען. זיי האָבען אָנגעבעטען דעם פאַסטוך, ער זאָל איינריידען דעם חתן אויסצוטהון כאָטש די מיהל-קליי-דער און אָנטהון פרישע מלבושים. „דערלאַנגט אַהער די זיי-דענע מלבושים!"—האָט דער פאַסטוך אויסגערופען. מ'האָט דער-לאַנגט די טייערע קליידער, דער חתן האָט זיך איבערגעטהון, זיין פנים האָט אָנגעהויבען צו לויכטען און ער האָט אָנגעהוי-בען צו ווייזען חידושים אין נגלה און נסתר, אַז אַלע זענען נשתומם געוואָרען פון זיין גרויסקייט.

2) צו אַ יוד אין קעלער האָט מען אונטערגעוואָרפען אַ דער'הרג'עט קריסטליך יונגעל און מ'האָט געמאַכט דערפון אַנ'-עלילת-דם, אַז דער גור-אריה איז דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער געפאַסט און געבעטען גאָט, ער זאָל ראַטעווען דעם אומשולדיגען יוד. האָט ער געזעהן אין חלום, אַז ער זאָל אַוועקפאָהרען ערגעץ אין אַ שטאָדט, אויסזוכען דאָרט איינעם אַנ אָרימען זאָקען-מאַכער און הייסען איהם ראַטעווען דעם יוד. איז דער צדיק געקומען אין דער דאָזיגער שטאָדט, האָט קוים מיט צרות געפונען דעם זאָקען-מאַכער. זעהט ער, פאַר איהם שטעהט אַ גראָבער מענש, אַנ'עם-הארץ, וואָס קען אפילו קיין צוויי ווערטער נישט זאָגען און הויבט עפעס ווי נישט אָן צו פערשטעהן, וואָס מ'רעדט צו איהם. אָבער אַז דער גור-אריה האָט אויף איהם אַ געשריי געטהון, האָט ער צוגעזאָגט צו טהון אַלץ, וואָס מען דאַרף.

דער זאָקען-מאַכער איז צופוס אַהעק אין דער שטאָדט, וואו מ'האָט געזאָלט משפט'ען דעם אומשולדיגען יוד. אויפ'ן משפט האָבען געדאַרפט קומען דער קיניג און דער פויפסט. דער פויפסט אין אַ קאָטש, געשפאַנט מיט פיער פערד, האָט אָנגעיאָגט דעם זאָקען-מאַכער. דערזעהן אַנ'אָרימען מענשען, וואָס געהט צופוס, האָט דער פויפסט איהם אַוועקגעזעצט צו זיך אין קאָטש אַריין, „וואָרים די פויפסטען זענען אַלעמאָל

מיט גרויס גענאָד און באַריהאַרציגקייט". דער זאָקען-מאַכער האָט געפרעגט דעם פויפסט, נאָך וואָס ער פאָהרט אין שטאָדט אַריין, און ווען דער פויפסט האָט איהם דערצעהלט, אַז ער פאָהרט משפט'ען אַ יוד פאַר הרג'ענען אַ קריסטליך קינד, האָט ער איהם געבעטען, נישט אָנצוהויבען דעם משפט אָהן איהם. דער פויפסט האָט עס איהם צוגעזאָגט. אויף מאָרגען האָט מען אויפ'ן מאַרק-פלאַץ אויפגעשטעלט אַ תליה (sic!), ס'איז געקומען דער קיניג מיט דער קיניגין און די הויפט-שררות. דער פויפסט האָט געוואַרט, ביז ס'איז געקומען דער זאָקען-מאַכער, און דאַן איז ער צוגעטראָטען צום משפט. טייל האָבען געזאָגט, אַז דער יוד איז שולדיג, און טייל—אַז ער איז אומשולדיג. דאָ האָט דער פויפסט זיך געווענדט צו דעם זאָקען-מאַכער: „און וואָס ווערסטו זאָגען?" דער זאָקען-מאַכער האָט זיך געשטעלט און געזאָגט: „געהט נאָך מיר!" אַלע זענען אַוועק נאָך איהם. האָט ער זיי אַוועקגעפיהרט אויף דעם בית-עלמין און געהייסען אויפגראָבען דעם קבר פון דער דער'הרג'עטען קינד. דערנאָך האָט ער אַליין געעפענט די טרונע און מאַכט צו דעם מת: „דו זעהסט ווער עס שטעהט פאר דיר? זעץ זיך!" דאָס קינד האָט זיך אויפגעזעצט. „וואָס-זשע שוויגסטו? דערצעהל, ווער עס האָט דיך גע'הרג'עט". דאָס קינד האָט גענומען דערצעהלען: „איך בין געלעגען קראַנק, איז צו דעם טאַטען געקומען דער בישאָף און גענומען איהם איינריידען, ער זאָל מיך קוילען און אונטערוואַרפען צו אַ יוד, און דערפאַר האָט ער איהם צוגעזאָגט אַ כפרה פאַר זיינע זינד. דער טאַטע האָט לאַנג זיך געשלאָגען מיט דער דעה. אָבער סוף-כל-סוף האָט ער איינגעוויליגט, אָנגעשאַרפט דאָס מעסער און, נישט קוקענדיג אויף מיינע תחנונים און קולות, מיך געקוילעט. מעהר געדענק איך גאָרנישט".—„גענוג! לעג זיך ווידער אין קבר אַריין!" האָט איהם דער זאָקען-מאַכער געזאָגט. דאָס קינד האָט זיך געלעגט און איז ווידער געבליבען טויט. פערשטעהט זיך, אַז דער יוד איז צרויס פריי, דעם בישאָף און דעם פאָטער פון דעם קינד

האָט מען אויפגעהאָנגען, און דער זאָקען־מאַכער איז געוואָרען אַ משנה־למלך.

בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אָבער די דאָזיגע מעשה:

אַמאָל איז געווען ,אַנ׳אַלט פאָר־פאָלק, האָבען זיי נישט געהאַט קיין קינדער. לאַנג האָבען זיי געבעטען גאָט און לסוף איז צו זיי געקומען אַ גאָטספאָרכטיגער זקן און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז ביי זיי וועט געבוירען ווערען אַ זוהן. דאָס נביאות איז מקוים געוואָרען, און ביי זיי איז געבוירען געוואָרען אַ יונגעלע. האָבען זיי איהם אָנגעהויבען צו לערנען און מדריך זיין, אָבער ער האָט געהאַט אַ גראָבען קאָפּ, האָט נישט געפאָלגט און תמיד מצער געווען די עלטערן. האָבען זיי איהם אָבגעגעבען אויף דריי יאָהר צו אַ חברה בעטלער אויף עדוקאַציע, איז ער פון זיי אַנטלאָפען און זיך בעזעצט אין בית־מדרש אונטער׳ן אויוון. אין דער שטאָדט, וואו ער איז געווען, האָבען איהם אלע געהאַלטען פאַר אַ נאַרעלע, אָבער אַזוי ווי ער פלעגט גוט אויפפאַסען אין בית־מדרש, האָט מען איהם געמאַכט פאַר אַ שמש.

אין דער אייגענער שטאָדט האָבען געוואוינט צוויי חשוב׳ע יודען — אַ רב און אַ גביר. ביידע האָבען זיי געהאַט זיהן, וואָס זענען געזעסען צוזאַמען אין בית־מדרש און געלערנט תורה. איינמאָל האָבען די דאָזיגע בהורים אָנגעהויבען זיך איבערצונעהמען איינער פאַר דעם אַנדערן מיט זייערע כלות. יעדערער פון די ביידע האָט געזאָגט, אַז זיין כלה איז שענער. פלוצלינג טהוט צו זיי דער שמש אַ געשריי: „פטר׳ט נישט די טייערע צייט אויף דברים בטלים, לערנט תורה!” האָבען זיי אָנגעהויבען צו לאַכען פון איהם. מאַכט ער צו זיי: „אויב איהר ווילט קאָן איך אייך שוין ווייזען אייערע כלות. אָבער איהר טאָרט זיך נישט צוריהרען צו זיי און קיינעם אַ וואָרט נישט זאָגען דערפון”. זיי האָבען צוגעזאָגט. האָט ער געמאַכט אַנ׳עיגול אַרום זיי. ס׳האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורמווינד און ס׳האָבען זיך געוויזען צוויי בעטען מיט שלאָפעדיגע כלות. די כלה פון דעם רב׳ס זוהן איז געלעגען צעוואָרפענערהייד. איז דער חתן צו

איהר צוגעגאַנגען און צורעכט געמאַכט אויף איהר די קאָלדרע — אָבער קוים האָט ער זיך צוגעריהרט צו איהר, איז ער געפאַלען אין חלשות, און די זעהעניש איז פערשוואונדען. דעם גביר׳ס זוהן איז אַ דערשראָקענער אַנטלאָפען אַהיים, און דער שמש האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אויף זיין אָרט הינטער׳ן אויווען. אינדערפריה האָט מען דעם רב׳ס זוהן געפונען אויף דער פּאָדלאָגע אַ גע׳חלש׳טען. מ׳האָט גערופען דאָקטוירים, קיינער האָט איהם אָבער נישט געקאָנט העלפען, און ער איז געבליבען אָהן לשון און אָהן פּיס.

איינמאָל איז דער רב געזעסען אין שוהל און האָט געוויינט. איז צו איהם צוגעגאַנגען דער שמש און זאָגט: „וואָס וועט איהר מיר געבען, אויב איך וועל אויסהיילען אייער זוהן?" דער רב האָט איהם פאָרגעלעגט געלד, אָבער יענער האָט איהם געענטפערט: „קיין געלד דאַרף איך נישט. גיט מיר אייער טאָכטער פאַר אַ ווייב". דער רב האָט זיך לאַנג געקווענקעלט, לסוף אָבער האָט ער מסכים געווען און געגעבען דעם שמש אַ כּתב. דער שמש האָט איהם געזאָגט, וואָס ער האָט צו טהון, און דעם רב׳ס זוהן איז באַלד געזונד געוואָרען.

דער רב האָט קיינעם נישט דערצעהלט, ווער עס האָט אויסגעהיילט זיין זוהן, דער שמש האָט אויך געשוויגען. ס׳איז אַריבער אַ לאַנגע צייט. דער רב האָט פערגעסען וועגען זיין הבטחה און האָט געטהון אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער מיט אַ זוהן פון אַ גרויסען גאון. ס׳איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה. דער שמש איז אַוועק צו דעם דיינ׳ס משרת, האָט איהם געגעבען צוויי גילדען און געהייסען איהם צוגעהן צום רב און זאָגען: „דער שמש פון שוהל, לייבל, האָט געלאָזט וויסען, אַז ער וויל, עס זאָל זיין די חתונה". דער רב האָט דעם שליח אַרויסגעטריבען. דאַן האָט לייבל געגעבען דעם שליח צעהן רענדלעך, מיטגעגעבען איהם דעם רב׳ס כּתב, געהייסען דעם כּתב ווייזען דעם רב און זאָגען איהם: „לייבל פערלאַנגט, אַז איהר זאָלט זיך גרייטען אין פיער וואָכען אַרום צו דער חתונה".

אַז דער רב האָט דערזעהן דעם כתב, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען, פונדעסטוועגען האָט ער געכאַפּט דעם שטעקען און געוואָלט געבען דעם משרת אַ קלאַפּ, ער איז אָבער גע-בליבען אויפ׳ן אָרט אַ פערשטיינערטער. האָט ער געשיקט זאָ-גען לייבלען, אַז ער וועט האַלטען וואָרט—און תיכף האָט ער בעקומען די מעגליכקייט צו בעוועגען זיך. דער רב האָט דער-צעהלט די מחותנים, אַז ער איז געבונדען מיט אַ וואָרט און קאָן נישט טהון דעך שידוך מיט זייער זוהן, און זיי זענען אַוועקגעפאָהרען.

אין דער דאָזיגער צייט איז צו לייבלס עלטערן געקומען אַנ׳אַלטער מאַן און האָט זיי איבערגעגעבען אַ בריף פון זוהן, זיי זאָלען קומען צו איהם אויף חתונה. אַז זיי זענען געקומען צו פאָהרען, איז לייבלס פאָטער מיט די חשוב׳ע לייט פון שטאָדט געגאַנגען אין שוהל נאָכ׳ן חתן, אָבער קוים זענען חתן-כלה׳ס עלטערן אַריין אין שוהל, האָט זיך די טהיר הינ-טער זיי פערהאַקט און מעהר האָט קיינער נישט געקאָנט אַריינ-קומען. די עלטערן זענען צו צום הינטערן-אויווען, זעהען זיי—עס איז אָפען אַ טהיר אין אַ הייל אַריין. זענען זיי אַריין אַהינצו און זענען געבליבען שטעהן פערבלענדט פון גרויס ליכט. די הייל איז געווען פערפוצט מיט גאָלד, זילבער און אבנים טובות. אַרום אַ גילדענעם טיש אויף צעהן גילדענע שטוהלען זענען געזעסען צעהן זקנים מיט גרויסע ספרים אין די הענד און סאַמע אויבענאָן איז געזעסען דער חתן; זיין פנים האָט געלויכטען פייער-פלאַם און ער האָט געלערנט תורה. אַז די עלטערן זענען אַריינגעקומען, זענען די זקנים אויפגע-שטאַנען פון די ערטער, געזאָגט „מזל-טוב!” און געבענשט דעם חתן. די עלטערן צוזאַמען מיט׳ן חתן זענען אַרויס פון דער הייל און אַוועק צום רב. דער חתן האָט גענומען זאָגען חידושים אין דער תורה.—„אַזעלכע טיפע, אַז אפילו די גרעס-טע גאונים האָבען גאָרנישט פערשטאַנען, אָבער אַלע האָבען געפיהלט, אַז זיי געהען אויס מיט די כחות פון שמחה”.

# VIII

אַ צווייטער מאָטיוו, וואָס איז אָנגענומען אין די מעשיות פון אייראָפּעאישען פאָלקלאָר, איז—די ערשיינונג פון אַ רייכען שלאָס אָדער אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ אין מיטען וואַלד אָדער א־ן סטעפּ. דער גבור, דער ריטער אָדער בכלל דער העלד פון דער מעשה בלאָנדזשעט אין וואַלד, פּלוצלינג דערזעהט ער אַ געצעלט, אַ שלאָס אָדער אַ פּאַלאַץ, וואו עס זיצט אַ צווייטער העלד, וואָס איז גרייט צו פערמעסטען זיך מיט איהם אין כח, אָדער אַ מכשף, אַ ציקלאָפּ, צי גאָר גזלנים האַלטען דאָרט געפאַנגען אַ בילד-שענע בת-מלכה. אין אַנ׳אַנדער ציקל מעשיות ווערט דער שלאָס אָדער דער פּאַלאַץ אויסגעבויט דורך דעם העלד פון דער מעשה איבער נאַכט, דאָס רוב לויט דעם בעפעהל פון דעם ים-קיסר.

די אייגענע מאָטיוען געפינען מיר אויך אין דעם פאָלקלאָר פון די יודישע מעשיות, אָדער אין דער געהעריגער יודישער בעאַרבייטונג. אָנשטאָט גבורים, ריטערס, בילד-שענע בת-מלכות, מכשפים און מכשפות בעגעגענען מיר דאָ די אָבות מיט דעם שטענדיגען אליהו-הנביא, מלאכים, צדיקים.

אָט איז איינע פון די פּאָעטישסטע מעשיות פון דעם מין:

צוויי רבנים, אַ גוטער און אַ בעל-כעס׳ן, זענען געגאַנגען צופוס פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. אונטערוועגענס האָבען זיי זיך אַזוי אַריינגעטהון אין אַ וכוח וועגען אַ שטיקעל גמרא, אַז זיי האָבען זיך אַראָבגעשלאָגען פון וועג און דריי טעג געבלאָנדזשעט, נישט צו בעמערקען עס, ביז זיי האָבען זיך געפונען אין אַ געדיכטען און מורא׳דיגען וואַלד. פּלוצלונג דערזעהען זיי אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט אַ געמויערטער וואַנד, און אויף די גרויסע טויערן שטעהט אויפגעשריבען: „זה השער לה׳, צדיקים יבאו בו״. מאַכט דער בייזער רב צו דעם גוטען: „זענען מיר דען קיין צדיקים

נישט!" און האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען אין טויער. אָבער דאָס טויער האָט זיך נישט געעפענט. דאַן האָט ער געזאָגט דעם „שם המפורש"—און דער טויער האָט זיך געעפענט. זע-נען זיי אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ, אַריין אין ערשטען חדר—קיינער נישטאָ. זעהען זיי אַ פּערמאַכטע טהיר, און אין שלאָס שטעקט אַ גאָלדענער שליסעל. דער בייזער רב האָט אַ שטאַר-קען דרעה געטהון דעם שליסעל, און די טהיר האָט זיך גע-עפענט. זיי געהען אַריין, זעהען זיי—עס שטעהט אַ טיש, וואָס עס איז נישט צו בעשרייבען זיין שענקייט, און אויפ'ן טיש ליגט אַ גרויסער ספר מיט גאָלדענע קלאַמערן, און אויפ'ן ספר איז פאַרהאַן אַנ'אויפשריפט: „דאָס איז דער ספר פון דעם ערשטען מענשען". האָבען זיי געוואָלט אויפמאַכען דעם ספר, אָבער די קלאַמערן עפענען זיך נישט. האָט דער בייזער אַ געשריי געגעבען צו דעם גוטען: „וואָס שווייגט איהר? האָט איהר דען נישט די זכיה אַריינצוקוקען אין דעם ספר?" דער גוטער שווייגט און ווייס נישט, וואָס צו טהון. דער בייזער רופט אָן איין נאָמען פון גאָט, דעם אַנדערן—עס העלפט נישט. פּלוצלונג דערזעהען זיי ווידער אַ טהיר מיט אַ גאָלדענעם שלי-סעל. געהען זיי אַריין אין דעם דריטען חדר. דער חדר איז אינגאַנצען בעזעצט מיט אבנים-טובות און זעהר שען געמאָהלט. אויבענאָן זיצט אַנ'אַלטיטשקע און האַלט צוויי זיפּען. פון איין זיפּ נעהמט זי אַרויס בלעטלעך, צערייבט זיי צווישען די פינגער און וואַרפט אין דער צווייטער זיפּ אַריין. דער ביי-זער רב זאָגט איהר „גוט מאָרגען!"—און פרעגט, וואָס זי טהוט. ענטפערט זי: „איך האָב אויף דער וועלט קינדערלעך, וואָס פאַסטען משבת לשבת, איז בשעת איך צרייב די דאָזיגע בלע-טעלעך, געהט פון זיי אַרויס איבער דער גאַנצער וועלט אַ ריח-ניחוח, וואָס פרישט אָב די פאַסטער". פרעגט דער בייזער רב ווידער: „ווי הייסט איהר?" ענטפערט זי: „איך הייס שרה און מיין מאַן הייסט אברהם. ער איז אַוועק אין גן-עדן אַריין נאָך פרישע בלעטלעך".—„און פאַרוואָס, מוטער, קאָנען מיר נישט עפענען דעם „ספר פון דעם ערשטען מענשען"?—פרעגט

דער בייזער. ענטפערט איהם די מוטער שרה: „איהר זייט נאָך נישט זוכה דערצו. איהר זייט טאַקע צדיקים, אָבער איהר דאַרפט נאָך מטהר זיין אייער לייב. געהט אַרויס גלייך פון טויער, וועט איהר דערזעהן מרימ׳ס ברונען, זייט זיך דאָרט טובל און ווערט ריין״. זענען זיי אַרויס פון טויער, געפונען דעם ברונען, און אויפ׳ן ברונען זענען שלאַנגען און עקדישען מיט אַרויסגעשטעקטע גיפט-שטעכער. זאָגט דער בייזער צו דעם גוטען: „וואָס קווענקעלט איהר זיך? מ׳דאַרף דאָך פאָרט וויסען, וואָס עס שטעהט געשריבען אין דעם ספר פון דעם ערשטען מענשען!״ האָט ער אַראָבגעוואָרפען פון זיך די מלבושים און אַרויפגעטראָטען מיט׳ן פוס גלייך אויף די שלאַנגען. די שלאַנגען מיט די עקדישען האָבען זיך בעהאַלטען אין די לעכער. האָבען די צדיקים זיך טובל געווען און געלאָזט זיך געהן ווידער צום פּאַלאַץ, אָבער דער פּאַלאַץ איז שוין פערשוואונדען. האָט דער בייזער אָנגעהויבען צו שרייען: „מוטער שרה! וואָס זשע האָסטו אונז אָבגענאַרט? מיר זענען געווען מוכן-ומזומן אומצוקומען, אַבי נאָר אַריינצוקוקען אין דעם „ספר פון דעם ערשטען מענשען״, און איצט האָבען מיר פערלאָרען אי דיך, אי דעם ספר!״ האָט זיך געלאָזט הערען אַ בת-קול: „קינדער-לעך! הערט אויף צו וויינען: בענוגענט זיך, וואָס איהר האָט זוכה געווען צו טובל׳ען זיך אין מרימ׳ס ברונען״. האָט דער בייזער אַ געשריי געטהון: „מיר ווילען נישט פאָלגען דעם בת-קול!״ דאַן האָט זיך דערהערט נאָכאַמאָל אַ בת-קול: „קינדער-לעך! אויב איהר וועט נישט אויפהערען צו שרייען, וועל איך חרוב מאַכען די וועלט און אומקעהרען זי צו איהר ערשטען תוהו-ובוהו. גענוג פון אייערטוועגען, וואָס איהר האָט ביים לע-בען זוכה געווען צו זיין אין דעם פּאַלאַץ פון קן-צפור״. דאָ האָט זיך עמיץ בעוויזען און האָט זיי אַרויסגעפיהרט אויף אַ וועג.

וואָס איז שייך דעם צווייטען מאָטיוו—ווי אַזוי אַ פּאַלאַץ ווערט אויסגעבויט איבער נאַכט—געפינען מיר איהם אין דער (שוין העכער דערמאָהנטער) אַלטער, אין די שבת׳דיגע זמירות

קאַנאָניזירטער מעשה, ווי אַזוי אליהו-הנביא, וואָס דער אָרימאַן, וועלכען ער האָט זיך אַוועקגעשענקט, פערקויפט איהם אין קנעכטשאַפט, שטעלט אויף איבער נאַכט אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ לויט'ן בעפעהל פון זיין האַר. מיר ווען ברענגען נאָך אַ לעגענדע פון דעם טיפּ.

דער גור-אריה, ווי ס'איז שוין דערמאָהנט געוואָרען, איז געווען איינער פון די ערשטע קיניגליכע ראָטגעבער. איין מי-ניסטער האָט איהם שטאַרק מקנא געווען, זאָגט ער איינמאָל אַזוי צום מלך: „פאַרוואָס עפּעס אַלע דיינע שררות און אַלע דיינע ראָטגעבער מאַכען פאַר דיר יאָ מאָהלצייטען, און דער גור-אריה מאַכט עס קיינמאָל נישט? בעפעהל איהם, אַז ער זאָל אויך מאַכען אַ מאָהלצייט און פערבעטען דיך מיט אונז" (דער מיניסטער האָט געוואוסט, אַז דער גור-אריה איז אַ גרויסער אָרימאַן, וואוינט אין אַ חורבה און איז נישט אימשטאַנד צו מאַכען אַ מאָהלצייט). אַז דער גור-אריה איז געקומען צום מלך, האָט דער מלך איהם געהייסען מאַכען אַ מאָהלצייט. רופט זיך אָב דער גור-אריה: „גוט, גיב מיר איין חודש צייט, וועל איך מאַכען אַזאַ גרויסאַרטיגען מאָהלצייט, וואָס קיינער האָט אַזוינס נאָך פאַר דיר קיינמאָל נישט געמאַכט". דער מלך האָט איהם געגעבען אַ חודש צייט. דער שלעכטער מיניסטער פלעגט אַלע טאָג אונטערשיקען די דינער אַ קוק טהון, צי דער גור-אריה גרייט זיך צום מאָהלצייט, האָבען איהם די דינער דערצעהלט, אַז ער זיצט גאָר טאָג ווי נאַכט אין זיין חורבה אָדער אין שוהל, לערנט מיט די תלמידים תורה, און וועגען דעם מאָהל-צייט הויבט ער אפילו נישט אָן צו טראַכטען. ווען ס'איז גע-קומען דער בעשטימטער טאָג, איז דער גור-אריה געקומען צום מלך, פערבעטען איהם, די ראָטגעבער און די מיניסטאָרען, זיי זאָלען מיט איהם מיטגעהן אויפ'ן מאָהלצייט. דער גור-אריה האָט זיי אַוועקגעפיהרט צום טייך, און אויפ'ן ברעג טייך האָ-בען זיי דערזעהן אַ וואונדערליכען פּאַלאַץ. זענען זיי אַריין— ערשט אין פּאַלאַץ שטעהען געדעקטע טישען, און אויף די טי-שען כלים פון גאָלד, זילבער און אבנים-טובות, און אין די

כלים די בעסטע מאכלים און די טייערסטע וויינען, און אָהן אַ שיעור בעדינער, סאַרווערן. דער מלך מיט זיינע שררות גאַ-פען, און דער גור-אריה האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „עסט און טרינקט וויפיל איהר ווילט, אָבער די כלים טאָר קיינער נישט מיטנעהמען”. נאָכ׳ן מאָהלצייט האָבען אַלע געטומען זיך פונאַנ-דערגעהן, און דער שלעכטער מיניסטער קאָן זיך נישט אַריהר געבען פון אָרט. גאַפען אַלע, און גור-אריה זאָגט: „ער וועט נישט אַוועקגעהן, וואו ער וועט נישט אַוועקגעבען דאָס זאַלץ-מעסטעלע, וואָס ער האָט צוגענומען פון טיש”. דער מיניסטער האָט זיך געמוזט מודה זיין אין דער גנבה און אָבגעבען דאָס זאַלץ-מעסטעלע, וואָס איז געווען פון איין גאַנצען דימענט. דאָס זאַלץ-מעסטעלע איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם מלך און האָט עס געבעטען לייהען אויף אַ ביסעל צייט, מ׳זאָל איהם נאָכמאַכען פונקט אַזאַ.

אין אַ געוויסער צייט איז אַרויס אַ שם, אַז ערגעץ אין אַ מדינה האָט דער מלך געגרייט אַ גרויסאַרטיגען מאָהלצייט פאַר אַנדערע מלכים. אַז די מלכים זענען געקומען, איז פלוצ-לינג אָנגעקומען אַ שטורמווינד און אַוועקגעטראָגען דעם פאַלאַץ מיט אַלצדינג, וואָס איז דאָרט געווען. און אויף מאָרגען האָט דער פאַלאַץ זיך צוריקגעקעהרט אויף זיין אָרט. דער מלך האָט זיך זעהר פערשעמט פאַר די געסט, אָבער מעהר פאַר אַלץ האָט איהם פערדראָסען, וואָס פון פאַלאַץ איז פערפאַלען גע-וואָרען דאָס זאַלץ-מעסטעלע, וואָס קיין גלייכען צו איהם איז נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט.

דער מלך, וואָס האָט געליהען דאָס זאַלץ-מעסטעלע, האָט עס אָבגעגעבען צוריק, דעם מיניסטער האָט ער אַרויסגעטריבען און דעם גור-אריה האָט ער געמאַכט פאַר זיין משנה-למלך.

פון די אַנדערע מאָטיוען פון אייראָפּעאישען פאָלקלאָר, וועלכע בעגעגענען זיך אויך אין דעם יודישען, וועלען מיר אָנווייזען אויף „קפיצת-הדרך”. אָבער בשעת ווען אין דער איי-ראָפּעאישער פאָלקס-מעשה קומט עס פאָר מיט דער הילף פון מאַטעריעלע זאַכען, ווי זיבען-מייליגע שטיוועל, אַ פליהענדיגער

טעפּיך, אַ פליהענדיגער פערד, און טראָגען טראָגט זיך איבער דער העלד פון דער מעשה גופא, איז עס אין די ווערק פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג אַנדערש: די גילגול בעוועגונג קומט פאָר מיט דער הילף פון דעם צדיק׳ס אַ וואָרט אָדער אפילו זיינער אַ מחשבה, און איבערגעטראָגען ווערט נישט דער העלד פון דער מעשה אָדער לעגענדע, נאָר פערקעהרט—די ערד שפּרינגט אונטער איהם אין דער פערקעהרטער ריכטונג. נאָר אין זעלטענע פאַלען קומט די גילגול בעוועגונג פאָר אויף אַ וואָלקען, אָדער נאָך זעלטענער—אויף אַנ׳אָדלער. וועגען דעם בעש״ט איז פאַרהאַן אַזאַ לעגענדע: בשעת ער איז נאָך געווען אַ נסתר און געלעבט אין טהאָל, איז ער איינמאָל אַרויף אויף אַ באַרג און פערטיפט אין מחשבות אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שפּיץ. אויפ׳ן שפּיץ פון דעם געגענאיבערדיגען באַרג זענען געשטאַנען גזלנים. זעהענדיג ווי דער בעש״ט דערנעהנטערט זיך צום אָב-שטורץ, האָבען זיי געוואַרט, אַז אָט-אָט רייסט ער זיך אָב און פאַלט אַרונטער, אָבער בזה-הרגע איז דער שפּיץ פון דעם אַנ-דערן באַרג זיך צונויפגעקומען מיט דעם שפּיץ פון דעם ערש-טען באַרג, דער בעש״ט איז זיך רוהיג אַריבער אַהינצו און די בערג זענען זיך דאַן ווידער צעגאַנגען. און ווען דער בעש״ט האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, זענען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען—און אַזוי איז געווען אַ סך מאָל.

אינטערעסאַנט איז אויך די דאָזיגע מעשה:

—צוויי רבנים האָבען זיך פערבלאָנדזשעט אין וואַלד. פלוצלינג האָבען זיי דערזעהן פאַר זיך אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ. זענען זיי אַריין אַהינצו, זעהען זיי, אַז ביי אַ גאָלדענעם טיש און אויף גאָלדענע שטוהלען זיצען אַ זקן מיט תלמידים און לערנען דעם פערבאָרגענעם סוד פון די ווערטער „הבל הבלים״. דער זקן (אליהו הנביא) איז מסביר די תלמידים, אַז אין די דאָזיגע ווערטער איז בעהאַלטען גאָטס נאָמען, וואָס אָנרופענדיג איהם קאָן מען איבערשפּרינגען פון איין עק וועלט אין דעם צווייטען מיט אַזוי פיל שפּרונגען, וויפיל מדרגות עס איז דאָ אין דער השגה פון די דאָזיגע ווערטער. ביי דער ט ר ש ט ט ר

מדרגה פון דער השגה קאָן מען איבערשפּרינגען פון איין עק וועלט אין דעם אַנדערן מיט איין שפּרונג, ביי דער צווייטער מדרגה—מיט צוויי שפּרונגען א. אַז. וו.

דאָסגלייכען ווערט אויך דער מאָטיוו פון אַ „רואה ואינה נראה" אין דער יודישער שאַפונג דערגרייכט נישט מיט דער הילף פון אַ מאַטעריעלער זאַך (דאָס היטעלע פון אומגעזעהענ-קייט"), נאָך דורך תעניתים, טבילות און שמות.

די בעלי-מופתים אין די יודישע לעגענדעס טהוען אויך „צולעגען דעם אויער צו דער ערד", אָבער הערען הערען זיי נישט קיין טראַמפּלען פון פערד, וואָס יאָגען זיי נאָך, נאָר דאָס, וואָס עס טהוט זיך אויפ'ן הימעל אָדער אין דער שאול-תחתיה. דער ים-קיסר, וואָס רופט צונויף די פיש און בע-פעהלט זיי צו געפינען דעם פערלוירענעם טבעת-המלכות, איז אין דער יודישער פאָלקס-מעשה פערוואַנדעלט אין לויתן. די „עפּעל פון יונג ווערען" זענען גענומען פון עץ-החיים אין גן-עדן. דאָס טויטע און לעבעדיגע וואַסער—פון גיהנום און גן-עדן א. אַז. וו.

בכלל געפינען מיר אין די ווערק פון דער יודישער פאָלקס-שאַפונג כמעט די אַלע גרונד-עלעמענטען וואָס אין דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער. אָבער די דאָזיגע אַלע עלע-מענטען זענען פון דעם מאַטעריעלען באָדען אַריבערגעטראָגען אויפ'ן באָדען פון רוחניות, דורכגעדרונגען מיט'ן ביבליש-תלמוד'ישען גייסט און בעפאַרבט מיט אַ שטאַרקער רעליגיעזער שטימונג.

• •
•

א קורצען אויסצוג פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָט אַנ—סקי אַליין אָבגעדרוקט אויף יודיש אין דער מאַנאַטשריפט פון זיין חבר און פריינד ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, „דאָס נייע לעבען" ניו־יאָרק 1909—(„די גרונד־מאָטיווען פון יודישען פאָלקס־שאַפען"), האָבען מיר דאָך געפונען פאַר

ווטיג צו געבען זי פאַר אונזערע לעזער בשלמות, נישט אויסלאָזענדיג אפילו די הקדמה, וואָס איז אין געוויסע פרטים פערעלטערט. מיר האָבען אויך געשטרעבט צו האלטען זיך טריי אָן דעם אָריגינאַל און נאָר ביים איבערגעבען דעם אינהאַלט פון די יודישע פאָלקס־לידער האָבען מיר אָנשטאָט אַנ—סקים רוסישער איבערזעצונג געבראַכט זיי אין דעם אָריגינאַל. אויך האָבען מיר געהאַלטען פאַר מעגליך אָנשטאָט איבערצונעבען דעם אינהאַלט פון דער לעגענדע וועגען דער דין־תורה מיט גאָט—אָבצושיקען דעם לעזער צו אַנ—סקים אייגענער בעאַרבייטונג פון דער דאָזיגער חסיד'ישער פאָלקס־מעשה.

צום סוף מאַכען מיר אויך אויפמערקזאַם, אַז אין אונזער איבערזעצונג אין דער הערה, וואו עס רערט זיך וועגען די לעגענדעס, וועלכע זענען פערבונדען מיט דעם רמב"ם, האָבען מיר איבערגעלאָזט די בעצייכענונג „האָמונקולוס", נישט וויסענדיג, וואָס אַנ—סקי האָט דערמיט געמיינט אין יודיש (וואָרים די חכמה צו מאַכען אַ „גולם" שרייבט, דאַכט זיך, דאָס פאָלק נישט צו דעם רמב"ם). אויך האָבען מיר אין דער לעגענדע וועגען אלכסנדר מוקדון געלאָזט די אָנווייזונג אויף „תלמוד צ"א", הגם ס'איז קלאָר, אַז אַנ—סקי האָט דאָ געמאַכט אַ טעות.

ז. ר.

# בלוט־בלבולים אין דער יודי־
# שער פאלקס־שאפונג

די היינטצייטיגע יודישע פאָלקס-שאַפונג שטעלט פאָר אַ
געביט, וואָס איז לחלוטין אומבעקאַנט נישט גאָר די ברייטע
שיכטען פון דער געזעלשאַפט, נאָר אפילו די ספעציאַליסטען-
עטנאָגראַפען. די יודישע אינטעליגענץ (אין רוסלאַנד) האָט זיך
אַליין ערשט ביז נישט לאַנג פעראינטערעסירט מיט דער שאַ-
פונג פון דעם אייגענעם פאָלק און עד-היום כמעט גאָרנישט
אויפגעטהון אין ענין פון סיסטעמאַטישען און וויסענשאַפטליכען
זאַמלען און אַרויסגעבען די פראָדוקטען פון דעם דאָזיגען שאַ-
פען. ערשט גאָר אין די לעצטע חדשים איז מען צוגעטרעטען
צו אָרגאַניזירען אַ „וויסענשאַפטליכע עקספעדיציע אויפ׳ן נאָמען
פון באַראָן האָראַץ אָסיפאָוויטש גינצבורג צו זאַמלען די פראָ-
דוקטען פון דעם יודישען פאָלקלאָר״. אָבער דערווייליגע שעפּט
זיך דער גאַנצער געדרוקטער מאַטעריאַל אויפ׳ן געביט פון דער
היינטצייטיגער יודישער פאָלקס-שאַפונג כמעט אויס מיט די צוויי
מעהר-ווייניגער בעדייטענדע זאַמלונגען, וואָס זייער ערשיינען
איז צו פערדאַנקען דער איניציאַטיוו און מיה פון זאַמלער-
יחידים: „זאַמלונג פון יודישע פאָלקס-לידער״ (אַרום 500), צו-
נויפגעשטעלט פון ס. מ. גינצבורג און פ. ס. מאַרעק (1901)
און זאַמלונג פון יודישע שפריכווערטער און רעדענסאַרטען
(אַרום 4000) צונויפגעשטעלט פון איגנאַץ בערנשטיין (1908).

וואָס איז שייך די אַנדערע געביטען פון פאָלקלאָר, איז אַב-סאָלוט גאָרנישט געטהון געוואָרען. ס׳איז נישט אַרויסגעגעבען אפילו קיין איין זאַמלונג פון פאָלקס-מעשיות, געשיכטען, לע-גענדעס און משלים, וועלכע געהען ממש אין די צעהנדליגער טויזענדער אַרום צווישען פאָלק און, נאָך דער רעליגיעזער לי-טעראַטור, בילדען זיי די גייסטיגע הויפּט-שפּייז פון דער פאָלקס-מאַסע. דעם דאָזיגען רייכען קינסטלערישען מאַטעריאַל האָט ברייט אויסגענוצט בלויז די פאַקענטרעגער-ליטעראַטור*), וואָס אין איהרע אויסגאַבען געפינען מיר אָהן אַ שיעור מעשיות, לעגענדעס און געשיכטען! צום בעדויערן, זענען נאָר ווינציגע פון זיי איבערגעגעבען מעהר-וויניגער גענוי, אָבהיטענדיג די נאַאיווע איינפאַכקייט פון דער שפּראַך; דער גרעסטער טייל אָבער איז שטאַרק פערקריפּעלט געוואָרען פון די מעשה-ביכ-לעך-שרייבער, אָדער גאָר פון די רעליגיעזע בעל-דרשה׳רס, וואָס האָבען זיך געפלייסט צוצופּאַסען די פאָלקס-מעשיות צו זייערע דידאַקטישע צוועקען און פערבינדען זיי מיט דעם נאָ-מען און די נסים ונפלאות פון אַ וועלכען עס איז רב אָדער צדיק.

I

די היינטיגע יודישע פאָלקס-שאַפונג שיידט זיך לויט איהרע אויסערליכע פאָרמען קנאַפּ-וואָס אָב פון דער פאָלקס-שאַפונג פון אַנדערע קולטור-פעלקער. מיר געפינען דאָ די גע-וועהנליכע געביטען פון פאָלקלאָר, לידער און מעשיות, גע-שיכטען און לעגענדעס, שפּריכווערטער אין רעדענסאַרטען,

---

*) די לעצטע צייט האָבען אויך אייניגע יודישע דיכטער, דערהויפּט י׳ ל. פרץ, אָנגעהויבען צו נעהמען פון די פאָלקס-מעשיות און געשיכטען מאָטיווען פאַר זייערע ווערק.

משלים, אָבשפּרעכענישען וכדומה,—וואָס זייערע מאָטיווען פאַלען צונויף מיט די מאָטיוון פון די געהעריגע געביטען אין דעם פאָלקלאָר פון די אַנדערע פעלקער. דערפאַר אָבער אין דעם פּרט פון דעם אינעווענינסטען תּוך צייכענט זיך די יודישע פאָלקס-שאַפונג אויס מיט אַזעלכע בעזונדערהייטען, וועלכע מיר געפינען נישט ביי קיין שום אַנדער פאָלק.*)

## II

דאָס רוב יודישע מעשיות, לעגענדעס און געשיכטען זענען געשאַפען אויף דעם פאָן פון דעם אינעווענינסטען, אינטים-נאַצ׳אָנאַלען לעבען פון דעם יודישען פאָלק, אָהן שום שייכות צו אַנדערע אומות און אמונות. פונדעסטוועגען איז צוגלייך דערמיט פאַרהאַן אויך אַ רייכער ציקל מעשיות און לעגענדעס, וואָס זענען געבויט אויף דעם קאָנפליקט צווישען יודען און אַנדערע פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען. דער לייט-מאָטיוו פון דאָס רוב ווערק פון דעם דאָזיגען ציקל איז אַ שלעכטער, בייזער בעפעהל (אַ ג ז ר ה), וואָס דער קיניג גיט אַרויס, ווייל אַ צורר היהודים—אַ מיניסטער, אַ שׂררה אָדער אַ גלח—האָט איהם דערצו אָנגערעדט. די ג ז ר ה ווערט געוועהנליך אָנגעשיקט אומגעריכטערהייד, אַלס נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע: עס געהט אַרויס אַ בעפעהל וועגען פערוועהרען די יודען האַלטען יודישקייט, אָדער לערנען תּורה, אָדער וועגען אַ גירוש אָדער גאָר וועגען אויס׳הרג׳ענען זיי ביז איינעם. די יודען בעגעגענען אַזאַ גזרה מיט אַ געוויין, מיט תּעניתים, תּפלה און

---

*) ווייטער ווערט דאָ בקיצור אנאַליזירט דער יודישער פאָלקלאָר אין אונטערשיד פון דעם קריסטליכען, מיר זעצען עס אָבער נישט איבער, ווייל דער לעזער וועט עס געפינען אַ סך ברייטער בעהאַנדעלט אין דעם ארטיקעל „די יודישע פאָלקס־שאַפונג״.—דער איבערזעצער.

תשובה, און דערמיט גיט זיך זיי געוועהנליך איין צו דערוועקען ביי דעם אויבערשטען רחמנות, און אין דער לעצטער מינוט איז גאָט אויף אַ וואונדערליכען אופן מבטל די גזרה אויף זיין פּאָלק.

פון די אָנשיקענישען און אומגליקען ווערען די יודען געוועהנליך ניצול דורך דער הילף פון אַ מלאך, פון אליהו הנביא אָדער פון די אבות, וואָס קומען דעם קיניג אָדער זיין ראָטגעבער צו חלום אָדער אויף דער וואָהר (אין דער געשטאַלט פון אַ שטרענגען זקן, איינגעהילט אין שיין) און אַמאָל דורך דער הילף פון אַ רב, אַ גרויסען צדיק, פון אַ בעל-מופת אָדער אַ למד-וואָווניק, וועלכע געפינען שוין אַן עצה, ווי אַזוי צו צווינגען דעם מלך, ער זאָל בטל מאַכען די גזרה. אָבער אָפטער פון אַלץ איז דער גואל פון זיי אַ געהיימער ראָטגעבער, אַ משנה למלך, וואָס איז געוואָרען אַ קלאַסישער טיפּ פון דעם יודישען פאָלקלאָר. דאָס איז—אַ יודישער חכם, אַ גרויסער אביון, וואָס וואוינט אין עק שטאָדט און קיינער ווייס נישט פון איהם. דער משנה למלך ווערט גאָר געוואָהר פון דעם חכם, קומט בשתיקה אָן צו זיינע עצות אין די וויכטיגסטע ענינים פון דער מלוכה און פערשטעהט זיך—אַז ער ווערט עולה לגדולה. סוף-כל-סוף דערוויסט זיך דער קיניג, אַז די אַלע קלוגע עצות פון דעם משנה-למלך שטאַמען פון דעם יוד דעם אביון, רופט ער איהם צו זיך און מאַכט איהם פאַר'ן משנה למלך. מ'דאַרף נאָך אָנמערקען, אַז די יודישע פאָלקס-שאַפונג שילדערט דעם פויפּסט אַלעמאָל אַלס אוהב ישראל, אַלס הייסען מליץ-יושר פאַר יודען און בעציהט זיך צו איהם מיט אַן'אמת'ען יראת-הכבוד. די סיבה דערפון איז, וואָס די פויפּסטען האָבען באמת אָפט זיך אָנגענומען פאַר יודען און אפשר אויך דערפאַר, וואָס דאָס יודענטום האָט אין דער פּערזאָן פון פויפּסט געזעהן דעם העכסטען פערטרעטער פון דער גייסטיגקייט ביי די קריסטליכע פעלקער.

אין דעם דאָזיגען, אין אַ געוויסער מאָס—„אינטערנאַציאָנאַלען" ציקל פון פאָלקס-מעשיות פערנעהמען אַ גרויסען אָרט

די מעשיות און געשיכטען וועגען די בלוט-בלבולים—עלילת-דם—פון וועלכע די יודען האָבען אַזוי פיל געליטען אין משך פון אַ סך יאָהרהונדערטער און וועלכע האָבען נישט געקאָנט נישט איבערראַשען דעם כח-הדמיון פון דער פאָלקס-מאַסע. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיגען מין שאַפונג איז, וואָס כמעט אַלע האָבען זיי די פאָרם פון אַ מעשה שהיה; דערביי ווערען דאָס רוב געגעבען אָנגעגעבען די דאַטען, די נעמען פון די פערזאָנען און ס'ווערט בעשטימט דער אָרט, וואו די מעשה האָט געטראָפען; אויך ווערען אויספיהרליך אויפגעקלערט די מאָטיווען פון דעם בלבול: רעליגיעזער פאַנאַטיזם, ראַסען-פיינדשאַפט, פערזענליכע נקמה, דער פערלאַנג צו פערבאָרגען אַן אייגענעם פערברעך, די שטרעבונג נתעשר צו ווערען אויף יענעמס חשבון אָדער איינצוקויפען זיך ביים קיניג אין גנאָד דורך אויפדעקען מיט גרויס בריה'שאַפט דעם פערברעך. די לעגענדע שילדערט בלבולים פון כל המינים: דאָ בעשולדיגט מען די יודען אָהן שום בעווייזען, אַז זיי האָבען אַוועקגע-גנב'עט אַ פערלוירען קריסטליך קינד, דאָ וואַרפט מען דעם רב אָדער חשוב'ען בעל-הבית אונטער אַ קינד, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבען פון קבר; דאָ טויט מען—ספּעציעל צו מאַכען אַ בלבול—אַ קריסטליך קינד (אַלאָל טהוען עס די עלטערן פון קינד אַליין), מ'בעדעקט זיין לייב מיט שטעך-וואונדען, וויקעלט עס איין אין אַ טלית, און מ'וואַרפט אונטער אַ יודען; אַמאָל וואַרפט מען אונטער נישט קיין קינד, נאָר פלעשלעך, אָנגעפילט מיט בלוט, אויף וועלכע מ'קלעבט אויף פאַפּירלעך מיט יודישע אויפשריפטען פון די נעמען פון בעוואוסטע יודען, וואָס פאַר זיי זענען די פלעשלעך כלומרשט בעשטימט. אַלס בעשולדיגער פון די יודען טרעטען געוועהנליך אַרויס די עלטערן פון דעם הרוג, די שכנים, די כלומרש'טע עדי-ראיה פון דעם פערברעך, און דאָס רוב עפּעס אַ בישאָף. אַמאָל זאָגט אַ משומד עדות, אַז די יודען נוצען קריסטליך בלוט, אַמאָל איז דער בעשולדיגטער אַליין זיך מודה, אונטער די עינוים, אין דעם פערברעך, וואָס ער איז גאָרנישט בעגאַנגען.

דער אָפּטימיזם פון דער פאָלקס-שאַפונג, וועלכער זאָגט עדות אויף דעם טיפען בטחון פון דער פאָלקס-מאַסע אין דעם נצחון פון אמת און גערעכטיגקייט, פאָדערט, אַז דער בלבול זאָל אויפגעדעקט ווערען, די אומשולדיגע זאָלען אַרויס פריי און די שולדיגע זאָלען בעשטראָפט ווערען, ווי עס קומט זיי. דער כח-הדמיון פון דער מעשה שאַפט גאַנץ אויסטערלישע אומשטענדען, ביי וועלכע דער אמת אַנטפּלעקט זיך אין אַ בעזונדערס פייערליכער און אַ בעזונדערס בעשיינפּערליכער פאָרם. אין דער געגענוואַרט פון דעם קיניג און דעם פויפסט שטעהט דאָס געטויטע קינד אויף תחית-המתים און זאָגט עדות געגען זיינע אמת'ע מערדער. בשעת דעם משפט אויף דעם יודען ווייזט זיך אַ מלאך פון הימעל אין דער געשטאַלט פון אַ שטרענגען זקן מיט אַ שווערד אין דער האַנד און צייגט דעם קיניג און דעם פויפכט אַ פּאַפּיר, וואו ס'איז גענוי אָבגעמאָלט, ווי אזוי מ'האָט דאָס געטויטע קינד אונטערגעוואָרפען דעם יודען, מיט די בילדער און חתימות פון די אַלע פאַרשווינען, וואָס האָבען געהאַט אין דעם אַ יד. אָבער די פאָלקס-שאַפונג איז אַוועקגעגאַנגען נאָך ווייטער: זי האָט געשאַפען און אַריינגעפיהרט אין דעם יודישען פאָלקלאָר ספּעציעל פאַר די בלוט-בלבולים אַ בעזונדערע בעשעפעניש, וואָס איז אומבעקאַנט אין דעם פאָלקלאָר פון די אַנדערע פעלקער: אַ מענשען, וואָס איז בעשאַפען פון ליים מיט דער הילף פון שם-המפורש—גולם. דער דאָזיגער גולם איז אַ העכערע מדרגה ווי אַ בהמה, אָבער אַ נידעריגערע ווי אַ כח, ער האָט נישט קיין שום תאוות, איהם פעהלט דער כח-הדבור, ער איז פטור פון מצות. ער בעזיצט אַנ'איבערמענשליכע פיזישע קראַפט, איז מסוגל, ווען מ'דאַרף, צו ווערען אַ רואה ואינו נראה, זעהט צעהן איילען אונטער דער ערד, אויף איהם האָט נישט קיין שליטה נישט קיין שווערד, נישט קיין קראַנקהייט, אין פייער ברענט ער נישט, אין וואַסער טרענקט ער זיך נישט, פאָלגט אויטאָמאַטיש אַלץ, וואָס איהם הייסט זיין בעשעפער. הכלל—דער גולם בעזיצט אָט די אַלע מעלות, וואָס זענען נויטיג כדי צו פערהיטען פון אַ

בלוט-בלבולים אָדער אויפדעקען זיי. וויפיל טיפע פערצוויי-פלונג האָט זיך געדאַרפט אָנזאַמלען אין דער נשמה פון פאָלק, אַז עס זאָל זיך דערטראַכטען צו אַזאַ מין גולם!...

### III

דאָס רוב מעשיות און לעגענדעס מיט בלוט-בלבולים זע-נען צוגעפּאַסט צו פראָג מיט איהר אַלטער שוהל און איז פער-בונדען מיט דעם פּראָגער רב, ר׳ יהודה-לוי בן בצלאל—מהר״ל מפראָג אָדער גור-אריה. אָט דער מהר״ל אָדער גור-אריה האָט עס בעשאַפען דעם גולם, און נאָכדעם ווי דער גולם האָט אָב-געטהון דאָס, צו וואָס ער איז בעשאַפען געוואָרען, איז ער ווידער מגולגל געוואָרען אין אַ שטיק ליים.

וועגען מהר״ל מ׳פראָג איז פאַרהאַן אַ סך לעגענדעס. אָבער קודם-כל איז ער אַ קעמפער געגען עלילת-דם. די יודישע פאָלקס-שאַפונג האָט איהם געמאַכט פאַר דעם הויפט-העלד פון דעם אָ מין לעגענדעס. אפילו דעם מהר״ל׳ס געבורט איז פער-בונדען מיט אַ גרויסען וואונדער, וואָס האָט די יודען מציל געווען פון אַנ׳עלילת-דם; דורך דעם איז די טעטיגקייט פון דעם גרויסען גאון עפּעס אַזוי ווי פון פריהער אָנגעצייכענט געוואָרען.

לויט די לעגענדע דערצעהלט, איז דער מהר״ל געבוירען געוואָרען אין דער ערשטער סדר-נאַכט, ד. ה. אין דער קלאַ-סישער שעה פאַר בלוט-בלבולים. „דאַמאָלס (אין דעם ערשטען פערטעל XV יר״ה) האָבען יודען געהאַט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות, אַז זיי ברויכען קריסטליך בלוט אויף פסח, און עס איז כמעט נישט פערבייגעגאַנגען קיין איין פסח, אַז מ׳זאָל אין די מדינות מעהרען, בעהמען, אונגאַרן און שפּאַניע נישט אונ-טערוואַרפען אַ טויטען קריסטליכען קערפּער ערגעץ ביי אַ ריי-כען יוד, צו מאַכען אויף איהם אַ בלבול״. אַזוי איז אויך גע-ווען אין דער נאַכט, אַען דער מהר״ל איז געבוירען געוואָרען,

אין ווירמיזא (וואָרמס), וואו עס האָבען געוואוינט זיינע על־טערן. א קריסט האָט געטראָגען אין א זאַק א טויט קינד אונ־טערצעוואַרפען ביי דעם מהר"ל'ס פּאָטער דורך א פענסטערל פון א קלער. ר' בצלאל'ס ווייב איז דעמאָלט געווען אין זי־בעטען חודש, און בשעת זיצענדיג ביי דעם סדר די ערשטע נאַכט פסח האָט זי פלוצלונג געקריגען שטאַרקע וועהען. דאַן איז געוואָרען א גרויס געשריי אין שטוב, און עטליכע מענ־שען זענען אַרויסגעלאָפען מיט א געשריי צו זוכען א הייבין. און דעמאָלט פונקט איז שוין געווען נישט ווייט פון זייער הויז דער קריסט, וועלכער האָט געטראָגען אין דעם זאַק דאָס טויטע קינד. און ווי דער קריסט האָט דערזעהן, אַז מענשען לויפען איהם אַנטקעגען מיט א גרויס געשריי, האָט ער גע־מיינט זיכער, אַז מען וויל איהם כאַפּען, און האָט אָנגעהויבען אַנטלויפען. און פאַר גרויס שרעק איז ער נאָכ'ן יודישען קוואַרטאַל אויך געלאָפען און איז פאַרבייגעלאָפען פאַר די פּאָ־ליציי. די פּאָליציי ווייטער, דערזעהענדיג איינעם לויפען מיט א זאַק אויף די פּלייצעס, און פון ווייטענס לויפען איהם נאָך עטליכע מענשען האָבען זיי גערעכענט, אַז מען יאָגט דאָ א גנב. אַלזאָ האָבען זיי איהם פערהאַלטען און האָבען געפונען ביי איהם אין זאַק דאָס טויטע קינד. דאַן האָט דער קריסט געמוזט מודה זיין, ווער עס האָט איהם געדונגען דעם בלבול אונטערצעוואַרפען. דיזעלבע שעה איז דער מהר"ל געבוירען געוואָרען. דאַן האָט דער פּאָטער אויף איהם נביאות געזאָגט: „זה ונחמנו מעלילת דם", דאָס הייסט, אַז דאָס קינד וועט אונז טרייסטען פון עלילת-דם, און מ'האָט איהם א נאָמען געגעבען יהודה-לייב, בעוויייל ער וועט זיין אַזוי ווי א לייב, וואָס לאָזט נישט פערצוקען זיינע קינדער.

זעהר חשוב ביים קיניג רודאָלף, איז דעם מהר"ל גע־לונגען צו שטרייטען געגען דעם עלילת-דם. כדי אינגאַנצען אָבצורייניגען די יודען פון דעם דאָזיגען שמוציגען בלבול, האָט ער—ווי די לעגענדע דערצעהלט—געשריבען א ביטע צום קאַר־דינאַל יאָהאַן סילוועסטער, אַז ער פערלאַנגט מ'זאָל איהם רו־

פען אויף אַ וכוח אויסצעוויזען, ווי ווייט דער עלילת-דם איז פאַלש אויף יודען. דער קאַרדינאַל האָט זיך אָבער טאַקי נישט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט צונויפגערופען 300 גרויסע גלחים אויף דעם וכוח. דאַן האָט דער מהר״ל בעפוילען צום קאַרדי-נאַל, אַז האָבען אַ וכוח פנים בפנים ער אַליין מיט 300 מענ-שען איז ער נישט בכח, אַלזאָ האָט ער פערלאַנגט, אַז דער וכוח זאָל דויערן 30 טעג, און אויף יעדען טאָג זאָלען אַנדע-רע 10 גלחים פאָרלעגען בכתב זייערע טענות און שאלות פאַר דעם קאַרדינאַל, און ער וועט קומען אַלע טאָג בעטראַכטען די רייד פון די 10 גלחים, און וועט אויף זיי ענטפערן אויך בכתב. דער קאַרדינאַל איז אויף דעם בעשטאַנען. די גאַנצע 30 טעג האָט האָט מען אין פראָג אַלע טאָג גאַנץ פריה אויס-געזאָגט גאַנץ תהלים אין אַלע שוהלען און מען האָט געפאַסט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

דער וכוח איז געווען זעהר אַ הייסער, און מהר״ל האָט מנצח געווען זיינע געגנערס, אַזוי אַז דער קאַרדינאַל האָט איהם גרויס כבוד אָבגעגעבען. נאָכדעם איז דער גאַנצער וכוח אויסגעאַרבייט געוואָרען פאָרצושטעלען דעם קיניג רודאָלף. דער קיניג איז שטאַרק געפעלען געוואָרען די תשובות פון מהר״ל, און האָט געגעבען אַ בעפעהל, אַז דער מהר״ל זאָל זיך פאָר-שטעלען פאַר איהם.

אין ר״ח שבט האָט דער קיניג געשיקט זיין קאַרעטע צום מהר״ל, ...און מיט גרויס כבוד איז ער ענטפאַנגען געוואָ-רען אין קיניגס הויף, און האָט צוגעזאָגט צו פעראָרדענען, אַז די משפטים פון עלילת-דם זאָלען אויף ווייטער פאָרגעשטעלט ווערען אויף זיין קיניגליכען איינזעהן.

די יודען האָבען פרייער אָבגעעטעמט, וואָרים זייערע שונאים האָבען דערשפירט אַ פחד פאַר דעם כה און מאַכט פון מהר״ל. אָבער איין גלח, מיט'ן נאָמען טאַדעאוש, אַ גרויסער שונא ישראל און אַ מכשף אויך, ער האָט זיך פערלעגט שטאַרק צו שטרייטען געגען דעם מהר״ל, ער זאָל איהם אינ-גאַנצען פטור ווערען פון פראָג. דער מהר״ל האָט געזאָגט פאַר

זיינע תּלמידים, אַז ער וואָלט נישט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם גלח, נאָר ווייל ער איז אַ ניצוץ פון דוד המלך ע"ה און דער גלח איז אַ ניצוק פון דעם פּלשתּי ישבי בנוב, וועל־כער האָט שטאַרק גע'רודפ'ט דוד המלכ'ן. אַלזאָ האָט דער מהר"ל בעשטימט צו פערלעגען אַ גרויסען כח מלחמה צו האַל־טען געגען דעם גלח, זיין כנגד.

## ווי אַזוי האָט דער מהר"ל בעשאַפען דעם גולם.

דער מהר"ל האָט געמאַכט אַ שאלת חלום, וואָס ער זאָל טהון אום מלחמה צו האַלטען מיט דעם גלח, זיין כנגד. איז איהם אַרויסגעקומען לויט א"ב: „אתה ברוא גולם דבק החמר. ותגזר, זדים חבל טורפי ישראל". דאָס איז טייטש: „דו בעשאַף אַ גולם געקלעבט פון ליים. און זאָלסט אויף איהם גוזר זיין, ער זאָל פערדאַרבען די רשעים, וועלכע פערצוקען די יודען".

דער מהר"ל האָט געזאָגט, אַז אין די צעהן ווערטער, איז דאָ אַזעלכע צירופי שמות, אַז מען קאָן שטענדיג מיט זייער כח בעשאַפען אַ גולם. דער מהר"ל האָט באַלד מוסר גע־ווען דעם סוד צו מיר חתנו יצחק בן שמשון הכוהן און צו זיין גרעסטען תּלמיד יעקב בן חיים ששון הלוי, וואָס פאַר אַנ'אַרבייט ער דאַרף מאַכען און ער האָט צו אונז גע־זאָגט, אַז ער וויל אונז נעהמען צו הילף, באוויל איך התנו בין געוואָרען אין מזל פון—[יסוד האש]—פייער שטאָף, און דער תּלמיד ר' יעקב ששון איז געבוירען געוואָרען אין מזל פון—[יסוד המים]—וואַסער־שטאָף; און דער מהר"ל זעלבסט איז געבוירען געוואָרען אין מזל—[יסוד הרוח]—לופט־שטאָף. און צו דער בריאה פון גולם דאַרף מען האָבען אַלע פיער שטאָפען פון—[אש, רוח, מים, עפר]—פייער, לופט, וואַסער, ערד. ער האָט אונז אויך געזאָגט, אַז די זאַך זאָל זיין בסוד, און האָט אונז

מוסר געווען זיבען טאָג צו פריהער ווי אַזוי מיר זאָלען זיך פיהרען.

אין יאָהר 5340, כ׳ אדר, זענען מיר אַלע דריי, אַ זייגער פיער פאַרטאָג, אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט ביז צום טייך „טאָלדאָווקע”. דאָרט האָבען מיר אויסגעמאָסטען אויף אַ ליימענעם ברעג, אַ מענש פון דריי איילען לאַנג. און מען האָט זיין צורה אויסגעצייכענט אויף דער ערד מיט הענד און מיט פיס, אַזוי ווי אַ מענש ליגט אויף די אַקסלען. דערנאָך האָבען מיר זיך אַלע דריי אַנידערגעשטעלט, צופיסענס ביי דעם ליגענדיגען גולם מיט אונזערע פנים׳ער געגען זיין פנים. און דער מהר״ל האָט מיך געהייסען, צום ערשטען, איך זאָל זיבען מאָל אַרומרינגלען דעם גולם פון דער רעכטער זייט ביז צום קאָפּ, און דערנאָך אויף דער לינקער זייט פון קאָפּ ביז צו די פיס, און האָט מיר איבערגעגעבען, וואָס פאַר אַ צירופי אותיות איך זאָל זאָגען, אַרומרינגלענדיג אַזוי זיבען מאָל. און אַזוי ווי איך האָב געהאַט מיין אַרבייט געענדיגט, איז דער גולם געוואָרען רויט ווי אַ שטיק פייער. דערנאָך האָט דער מהר״ל געהייסען זיין תלמיד ר׳ יעקב ששון אויך דאָסזעלבע טהון, אַזוי ווי איך האָב געטהון, נאָר דער מהר״ל האָט איהם מוסר געווען אַנדערע צירופי אותיות. דאַן איז דער גולם געלאָשען געוואָרען און עס האָט אָנגעהויבען צו געהן אַ פּאַרע פון דעם ליגענדיגען קערפּער, און איז געוואָרען פערוואַקסען מיט האָר און נעגעל. נאָכדעם האָט ווייטער דער מהר״ל געמאַכט אַזעלכע זיבען הקפות. און צום סוף האָבען מיר אַלע דריי צוזאַמען געזאָגט דעם פסוק: „ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה”—דאַן האָט דער גולם געעפענט די אויגען און האָט אונז אָנגעקוקט זעהר וואונדערליך—האָט דער מהר״ל אַ געשריי געטהון: „עמוד על רגליך!” דאָס הייסט: „שטעל זיך אויף דיינע פיס”.—דאַן האָט זיך דער גולם אויפגעשטעלט.

און מיר האָבען איהם אָנגעטהון די מלבושים, וועלכע מיר האָבען איהם געבראַכט, אַזעלכע מלבושים, וואָס זענען פאַ-

סיג פאַר אַ בית-דין שמש, און זייגער זעקס אינדערפריה, זע-
נען מיר אַהיימגעגאַנגען פיער מענשען.

אויף דעם וועג אַהיימגעהענדיג האָט דער מהר"ל געזאָגט צום גולם: „זאָלסט וויסען, אַז מיר האָבען דיך בעשאַפען צו פערהיטען יודען פון צרות; דו הייסט יוסף, און ביי מיר וועסטו זיין אַלס שמש. זאָלסט דו מיך פאָלגען אַלץ וואָס איך וועל דיר הייסען, אפילו אין פייער און וואַסער אַריין צו שפּרינגען ביז דו וועסט מיר אויספיהרען די זאַך פּינקטליך, אַזוי ווי איך וועל אויף דיר בעפעהלען".

ריידען האָט דער גולם נישט געקאָנט, פאַר דאָס האָט ער זעהר געהערט פון גאַנץ ווייט. צו אונז האָט דער מהר"ל געזאָגט, אַז איבער דעם האָט ער איהם אַ נאָמען געגעבען יוסף: בעווייל ער האָט אין דעם גולם אַריינגעזעצט דעם גייסט פון י ו ס ף ש י ד א, וועלכער איז געווען האַלב מענש און האַלב שד און איז געווען ביי די חכמי התלמוד אַרויסצוהעלפען זיי פון פיל צרות.

אין שטוב האָט דער מהר"ל געזאָגט וועגען דעם גולם, אַז ער האָט געטראָפען אין גאַס עפּעס אַ שטומען אָרימאַן, אַ גרויסער תם, האָט ער אויף איהם רחמנות געקראָגען און האָט איהם אַהיים גענומען, ער זאָל זיין בעהילפיג די שמשים.

און בעווייל דער גולם איז געזעסען שטענדיג אין מהר"ל'ס בית-דין שטוב, אין אַ ווינקעל, מיט ביידע הענד אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, טאַקי ווי אַ גולם, וואָס טראַכט נישט פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט, אַלזאָ האָבען איהם מענשען גערופען „יאָסעלע גולם", טייל מענשען, ווייטער, האָבען איהם גערופען „דער שטומער יאָסעלע".

## V

הגם דער מהר"ל האָט שטרענג פערוועהרט צו שאַפען זיך מיט דעם גולם אין דער בעל-הבתישקייט, האָט די רבי'צין

איינמאָל פאַר פסח איהם אַ וואונק געטהון, ער זאָל ברענגען וואַסער פון טייך און זאָל אָנגיסען די צוויי גרויסע פעסלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ בעזונדערער יום-טוב דיגער שטוב. יאָסעלע גולם האָט אַזוי פיל וואַסער געבּרענגט, ביז די שטוב איז פול געוואָרען ביז צו דער הויך פון שוועל מיט וואַסער, האָבען מענשען עס דערזעהן, ס'איז געוואָרען אַ גרויס געשריי און דער מהר"ל איז צוגעלאָפען צום גולם און האָט פון איהם צוגענומען די קובלען. פון דער מעשה איז אין פּראָג צעשפּרייט געוואָרען דאָס ווערטעל: „דו טויגסט פאַר אַ זייגער-מאַכער, אַזוי ווי יאָסעלע גולם פאַר אַ וואַסערטרעגער".

אַמאָל האָט פערפעהלט אין פּראָג פיש אויף ראש-השנה, איבער גרויסע ווינטען מיט גרויסע קעלטען. דער מהר"ל האָט געהאַט פון דעם גרויס צער. האָט זיך דער מהר"ל ערלויבט צו שאַפען מיט יאָסעלע גולם. און אַזוי ווי די רבי'צין האָט פונקט נישט געהאַט קיין קליין זעקעל איהם מיטצוגעבען, האָט זי איהם מיטגעגעבען אַ גרויסען זאַק. אַ לאַנגע צייט איז ער נישט צוריקגעקומען. האָט דער מהר"ל אַרויסגעשיקט דעם שמש ר' אברהם-חיים, ער זאָל איהם אַהיימרופען און קוים ער וועט נישט וועלען געהן, בעוויל ער האָט נאָך גאָרנישט געכאַפּט קיין פיש, זאָל דער ר' אברהם איהם זאָגען, אַז דער מהר"ל איז איהם שוין מוחל די פיש, נאָר ער זאָל באַלד קומען. ר' אברהם-חיים שמש איז באַלד געגאַנגען צום טייך, און האָט אַראָבּגעשריגען צו יאָסעלע גולם, אַז ער זאָל שוין אַהיימגעהן. האָט יאָסעלע גולם אויפגעהויבען דעם זאַק און האָט געוויזען, אַז עס פעהלט נאָך אַ ביסעל צוצוכאַפּען צו דערפילען דעם זאַק מיט פיש. דאַן האָט ר' אברהם-חיים אַראָבּגעשריגען צו איהם, אַז דער מהר"ל איז איהם מוחל די פיש. האָט יאָסעלע גולם געכאַפּט דעם זאַק פיש און האָט זיי אַריינגעוואָרפען צוריק אין טייך אַריין און איז אַהיימגעלאָפען. דאַן האָט דער מהר"ל געזאָגט שטילערהייד, אַז איצט זעהט ער, אַז דער גולם איז נאָר מסוגל מציל צו זיין יודען פון צרות, אָבער נישט מזכה צו זיין יודען מיט מצות.

דער מהר״ל האָט בענוצט דעם גולם נאָר מציל צו זיין יודען פון צרות און ער האָט דורך דעם גולם געוויזען פיל אותות ומופתים ביים שטרייטען געגען עלילת-דם. באַם דער מהר״ל האָט איהם געדאַרפט שיקען אויף אַ גרויס געפעהרליך אָרט, און עס האָט נישט געטויגט, אַז מען זאָל איהם זעהן, דאַן האָט דער מהר״ל איהם אָנגעטהון אַ קמיע, דורך וועלכער ער איז געוואָרען אַ רואה ואינו נראה. אַלע פסח-צייטען, ד. ה. פון פורים ביז חול-המועד פסח האָט דער מהר״ל דעם יאָ-סעלע גולם פערשטעלט, ער האָט איהם אָנגעטהון גוי׳אישע מלבושים און האָט איהם אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ שטריק; ער האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי די גוי׳אישע טרעגערס. און דער מהר״ל האָט אויף איהם בעפוילען, אַז ער זאָל זיך גאַנצע נעכט אַרומדרעהען אין דעם יודישען קוואַרטאַל אויף אַלע גאַ-סען. און באַם ער וועט נאָר דערזעהן עמיצען עפּעס טראָגען אָדער פיהרען עפּעס אויף אַ פוהר, זאָל ער באַלד צולויפען זעהן, וואָס דאָרטען איז, און באַם ער וועט זעהן, אַז דאָס איז צו מאַכען אויף יודען אַ בלבול, זאָל ער מיט זיין שטריק אַרומכאַפּען דעם מענש מיט דעם זאַק און זאָל זיי שלעפּען אין ראָטהויז אַריין, וואו די פּאָליציי געפינען זיך, כדי מען זאָל איהם אַרעסטירען.

פאַרהאַן אַ מאַסע לעגענדעס, אין וועלכע עס ווערט גע-שילדערט די דעדעקטיווישע טעטיגקייט פון דעם גולם אויפצו-דעקען בלבולים, וואָס מ׳האָט געמאַכט אויף יודען, דערהויפּט דורך דעם גלח טאַדעאוש. דאָ געפינט דער גולם אַ פערבאַהאַל-טענעם קערפּער פון אַ קינד, וועלכעס מ׳האָט געטויט צוליב אַנ׳עלילת-דם; דאָ זוכט ער אויס און ברענגט אין געריכט אַריין אַ דינסט, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען פון איהרע בעלי-בתים, וואָס אַ משומדת׳טע זאָגט עדות, אַז יודען האָבען זי דער׳הרג-עט און צעטיילט איהר בלוט אויף מצות (אַזוי האָט זי אָנגע-רעדט דער גלח); דאָ דעקט ער אויף דעם בלבול, אָנווייזענדיג אויפ׳ן בית-עולם דעם קבר, פון וואַנען מ׳האָט אויסגעגראָבען אַ מת, און שטעלט פעסט, אַז אָט דעם מת טאַקע האָט מען

אונטערגעוואָרפען די יודען אַלס הרוג פאַר ריטועלע צוועקען. טרעפען, אַז אין קבר איז דער מת נישטאָ, טרעפט דער גולם דערפאַר, ווייל נאָך דעם טויט פון אַ מענשען שוועבט אַ גאַנץ יאָהר איבער זיין קבר די נשמה זיינע, וועלכע האָט נישט אינ-גאַנצען נאָך פערלוירען דעם בונד מיט'ן גוף. און דער גולם, וואָס האָט דעם כח צו זעהן „רוחניות'דיגע זאַכען", בעמערקט, אַז איבער איין פרישען קבר איז נישטאָ די שוועבענדיגע נשמה, שטויסט ער זיך אָן, אַז דער קבר איז לעדיג.

מיר ברענגען דאָ אַ לעגענדע, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דער פולער נצחון פון מהר"ל איבער זיין שונא טאַדעאוש.

## זעהר אַ וואונדערליכע מעשה פון אַנ'עלילת-דם, ביי וועלכען דער גלח „טאַדעאוס" האָט בעקומען די לעצטע מפלה.

די וואונדערליכע מעשה איז געשעהן אין יאָהר 5345. אין פראָג איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער גרויסער שטאָדט-שוהל, זעהר אַ גרויס אַלט הויז, וועלכעס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פאַרצייטישער קיניגליכער פאַלאַץ. גערופען האָט מען דאָס הויז מיט'ן נאָמען „דער פיניווער פאַלאַץ": בעווייל עס איז אַריינגעגאַנגען מיט פינף ווענד אין פינף גאַסען אַריין. פאַר יעדער וואַנד איז געשטאַנען פינף גרויסע זיילען; צווישען די זיילען איז (? זענען) געווען צו פינף פענסטער. אין דער הויך האָט דאָס הויז געהאַט פינף גרויסע טורעמס מיט פערצייטישע פיגורען, אין וועלכע עס איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט, וואָס די מענשען האָ-בען געדינט צו דער זון;—נאָר בעווייל דאָס הויז האָט נישט געהאַט קיין איינציגען בעל-הבית,—עס האָט געהערט צו דער רעגירונג, איז עס ביסלעכווייז, אַלעמאָל מעהר, חרוב געוואָרען

און עס האָבען דאָרט געוואוינט אָרימע מענשען. אונטער דעם הויז איז געווען אַ גרויסער קעלער אין וועלכען די איינוואוי-נער האָבען מורא געהאַט אַריינצוגעהן. זיי האָבען געזאָגט, אַז דער קעלער איז פעראומרייניגט געוואָרען פון שדים, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט און האָבען אַלעמאָל איבערגעשראָ-קען די איינוואוינער. ס׳איז געווען אַ שם, אַז נישט איינער איז שוין דאָרט ניזוק געוואָרען,—און איבער דעם איז אין דעם „פיניוער פאַלאַץ" ווייניג איינוואוינער געווען. און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פאַרצייטישע חורבה.

האָט זיך פערלאָפען פאַר פסח, נאָך דעם בדיקת חמץ, אַז ווען דער מהר"ל האָט געדאַרפט זאָגען „כל חמירא", איז דאָס ליכטעל פערלאָשען געוואָרען—און דער מהר"ל האָט זיך נוהג געווען, אַז ער האָט אַלעס געזאָגט פון סידור אַרויס, נישט פון אויסענווייניג—אַלזאָ, האָט ער געוויזען צום שמש, ער זאָל דאָס ליכטעל צוריק אָנצינדען. דער שמש האָט עס עטליכע מאָל געצונדען און דאָס ליכטעל איז אַלץ ווייטער אויסגעלאָשען גע-וואָרען. דער מהר"ל איז בלאַס געוואָרען פאַר שרעק. דאָס-גלייכען אַלע מענשען, וועלכע זענען דערביי געשטאַנען, האָבען זיך דערשראָקען.

דער מהר"ל האָט געמוזט מפסיק זיין און האָט געזאָגט צום אַלטען שמש ר׳ אברהם-חיים, ער זאָל צוגעהן מיט׳ן סידור צום ליכט, וואָס ברענט זיך אין וואַנד-לייכטער און ער זאָל הויך זאָגען פון סידור אַרויס „כל חמירא" וואָרט ביי וואָרט, ווען דער מהר"ל איהם נאָכזאָגען פון אויסענווייניג וואָרט ביי וואָרט. דער שמש האָט אַזוי געטהון און איז אַ דערשראָקענער צוגעגאַנגען צום וואַנד-לייכטער און האָט אָנגעהויבען זאָגען כל חמירא.—אָבער אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט זאָגען „דאיכא ברשותי", האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עס שטעהט „דאיכא בחמשה" און האָט אַזוי פאָרגעזאָגט הויך פאַר דעם מהר"ל: „דאיכא בחמשה".

דער מהר"ל איז געבליבען שטעהן און האָט אַ געשריי געטהון צום שמש: „נו!!!!"

דער שמש איז נאָך מעהר דערשראָקען געוואָרען און האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבען זאָגען „כל חמירא", און ווי עס איז געקומען צו „דאיכא ברשותי", האָט ער ווייטער פאַרגעס-זאָגט „דאיכא בחמשה". דאַן האָט דער מהר"ל אַ קלאַפּ געטהון מיט די פינגער ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער האָט זיך עפּעס פערוואונדערט, און האָט אַ געשריי געטהון: „אַהאַ! נו, איך פערשטעה שוין, עת צרה היא ליעקב, מען וויל שוין ווייטער אויסלעשען דאָס יודישע ליכט. אַצונד פערשטעה איך שוין דעם פּתרון פון דעם חלום, וואָס מיך האָט גע'חלומ'ט די נאַכט פון שבת הגדול".

נאָכדעם איז דער מהר"ל אַליין צוגעלאָפען גיך צום ליכט, האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקעל—בעוויל דער וואַנד-לייכטער איז געווען הויך אויף דער וואַנד—און האָט געזאָגט פון סידור אַרויס „כל חמירא" און האָט געהייסען אַלע זייטיגע מענשען באַלד אַהיימגעהן.

עס איז קיינער נישט געבליבען ביי דעם מהר"ל אין שטוב, נאָר זיין איידעם דער גאון מוהר"י כ"ץ זצ"ל, מיט דעם אַלטען שמש ר' אברהם-חיים און מיט יאָסעלע גולם.

דער מהר"ל האָט דאַן דערצעהלט, אַז דעם פרייטאָג-צו-נאַכטס האָט איהם גע'חלומ'ט, אַז דער „פּיניוור פּאַלאַץ" ברענט זעהר שטאַרק, און אַז דער פלאַם טראָגט זיך איבער און פליהט אַריין אין די פענסטער פון דער גרויסער שוהל, בשעת די שוהל איז געווען פול מיט יודען. האָט דער מהר"ל אָנגעהויבען שטאַרק צו שרייען אין מיטען שלאָף און איז אויפגעקומען מיט גרויס שרעק. און ערשט אַצונד פערשטעהט ער שוין, אַז דאָס בעווייזט, אַז אין דעם „פּיניוער פּאַלאַץ" איז אָנגעגרייט עפּעס אַ בלבול, אַ צרה פאַר די יודען פון „פּראָג" און מען דאַרף דאָס אויסצוזוימען, אַזוי ווי מ'איז מבער חמץ. און איבער דעם האָט מען מן השמים אַריינגעשיקט אין מויל אַריין פון דעם שמש ר' אברהם חיים די ווערטער „כל חמירא וחמיעא דאיכא בחמשא". דאָס הייסט, אַז מ'זאָל זיך נעהמען מבער צו זיין און מבטל צו זיין דאָס חמץ, וואָס געפינט זיך אין „פּיניוער פּאַ-

לאַץ״, וואָס עמיצער האָט דאָרט אָנגעגרייט עפּעס אַ צרה אַ בלבול פאַר די יודען פון פּראָג.

דער מהר״ל האָט אָנגעהויבען אַריינצוקלערען, ווי אַזוי קאָן זיך אין דעם הויז געפינען עפּעס אַ צרה פאַר יודען. ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף אַלע איינוואוינער פון דעם הויז. דער אַלטער שמש האָט אָבער אַלע איינוואוינער געהאַט אויפ׳ן קאָפּ און האָט זיי אויסגערעכענט, אַז עס געפינט זיך גאָרנישט צווישען זיי איינער, מען זאָל איהם קאָנען עפּעס חושד זיין אויף שלעכטס.

דאָס איינע, אָבער, האָט דעם מהר״ל שטאַרק איבער־ראַשט, וואָס דער אַלטער שמש האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג קינד, האָבען זיך די קליינע קינדער געפּלעגט צעשמועסען צווישען זיך וועגען דעם „פּיני־וער פּאַלאַץ״, אַז זיי האָבען געהערט פון זייערע עלטערן, אַז אין דעם פּאַלאַץ האָט אַמאָל געוואוינט אַ מלך, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט בעוויזען פאַר די שטאָדט־מענשען, און ווען ער האָט געוואָלט געהן אין אַ קלויסטער אַריין, איז ער גע־גאַנגען אין גרינעם קלויסטער אַריין דורך אַ הייל, וועלכער געהט אין דער ערד פון דעם קעלער ביז צו דעם קעלער פון גרינעם קלויסטער. און דער גרינער קלויסטער איז דערזעלבער, אין וועלכען עס בעזיצט דער בעוואוסטער גלח „טאַדעאוס״, וועלכער איז אַ גרויסער שונא ישראל.

ווי דער מהר״ל האָט דאָס דערהערט, האָט ער פערשטאַ־נען, אַז דער גלח טאַדעאוס האָט דאָ אָנגעגרייט אין דעם קע־לער אַ גרויסען עלילת־דם, וועלכעס ער האָט געקאָנט גאָר גרינג אָנגרייטען דורך דער הייל, וואָס ציהט זיך פון קלוי־סטער־קעלער ביז צום קעלער פון דעם פּיניווער פּאַלאַץ. וואָ־רום דער מהר״ל האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער גלח לאָ־קערט אויף איהם זעהר שטאַרק זיך נוקם צו זיין אין איהם, בעוויילע ער לאָזט נישט צוקומען צו קיין עלילת־דם אין פּראָג; און נאָך מעהר האָט געברענט דער גלח אויף דעם מהר״ל, בע־וויילע ער האָט פערשטאַנען גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָס ער האָט

נישט אויסגעפיהרט מיט דעם ר מיכל'ע בערגערס מיידעל אָבּ־צוטויפען זי, האָט געוויס אין דעם געשטעקט דער מהר"ל; און לויט דעם גלח'ס רייד אין געריכט האָט זיך דערנאָך אַרויס־געוויזען, אַז ער האָט גערעכענט, אַז זיין לאָקיי האָט דאָס מיידעל אַרויסגעגעבען פאַר געלד איהרע עלטערן בשעת ער איז געווען אין קראָקוי, אַלס דורך דעם מהר"ל'ס עצות, און די שרפה איז נאָר געווען לפנים,—אַלזאָ האָט דער גלח בע־שטימט זיך נוקם צו זיין אין זיין לאָקיי און אויך אין דעם מהר"ל.

אין דער אמת איז טאַקע אַזוי געווען: אַז עס איז גע־ווען אין דעם קעלער אָנגעגרייט אַ שרעקליכער עלילת-דם.

און אַזוי איז געווען די מעשה:

ביי דעם גלח האָט געדינט אַ לאָקיי, וועלכער האָט גע־האַט אַ ווייב מיט קליינע קינדער. דעם גלח'ס הויז איז גע־שטאַנען אין קלויסטער-הויף, און פון דער אַנדערער זייט איז געווען אַ גרויסער סאָד אַרומגעצוימט מיט אַ מויער. אין דער מויער איז געווען אַן אייזערנער טויער, וועלכער האָט זיך גע־עפענט אויף אַ וועג אַרויס, שוין הינטער דער שטאָדט. צוויי וואָכען פאַר פסח, אזוי ווי עס האָט אָנגעהויבען וואַרים צו ווערען, האָט דער לאָקיי מיט זיין ווייב שוין אָנגעהויבען אַלע טאָג אַ ביסעל צו אַרבייטען אין סאָד, און די יונגע קינדער זייערע זענען אַרומגעלאָפען איבער דעם סאָד. יעדעס קינד האָט זיך פערשפּילט מיט וואָס עס האָט נאָר געקאָנט. און בשעת זיי האָבען געאַרבייט אין סאָד, האָבען זיי געדאַרפט עפענען דעם אייזערנעם טויער אַרויסצוואַרפען די איבעריגע זאַכען פון סאָד, וועלכע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט איבער דעם ווינטער. און דאַן פלעגען די קינדער אָדער עטליכע פון זיי אַרויסלויפען דורך דעם טויער שפּילען זיך. דער גלח טאַדעאוס האָט פון דעם אַלעם גאַנץ גוט געוואוסט און מיט דער געלעגענהייט האָט ער זיך טאַקע בענוצט אויסצופיהרען זיין נקמה אין דעם משרת, און צו מאַכען אַן עלילת-דעם דעם מהר"ל.

דער גלח האָט אויסגעקוקט אַ צייט, ווען דער לאָקיי מיט

זיין ווייב זענען פערנומען מיט דער אַרבייט אין סאָד און זייערע קינדער לויפען אַרום צעשפרייט איבער׳ן סאָד און עס-ליכע לויפען אַרויס פון יענער זייט טויער, — דאַן האָט דער גלח אַריינגענאַרט צו זיך איין קינד פון דעם לאָקייס קינדער (ווען קיינער האָט נישט בעמערקט) און ער האָט דאָס קינד ערמאָרדעט און האָט דאָס בלוט פון קינד אַריינגעגאָסען אין פלעשעלעך, אויף וועלכע ער האָט אויפגעקלעבט קוויטלעך מיט יודישע נעמען, דהיינו, דעם מהר״ל׳ס נאָמען מיט די נעמען פון זיינע קינדער און איידעמס און די נעמען פון די דריי פרימו-סעס פון פראָג און נאָך די רייכסטע און פאָרנעהמסטע מענשען פון שטאָדט.

דאָס אַלץ האָט ער איבערגעטראָגען פון זיין קעלער דורך דער הייל, וועלכע האָט צוגעפיהרט צו דעם קעלער פון „פי-ניווער פאַלאַץ" און ער האָט דאָס אַלעס דאָרט בעהאַלטען, כדי ער זאָל קאָנען ערב פסח בעפעלען דעם יודישען קוואַר-טאַל צו מאַכען אַנ׳אונטערזוכונג און צו לאָזען זעצען אין תפיסה דעם מהר״ל מיט זיינע קינדער און מיט אַלע חשובים פון שטאָדט.

דאָס איז געמאַכט געוואָרען אין פרייטאָג צו נאַכטס פון שבת הגדול און אויף דעם האָט אין די זעלביגע נאַכט גע׳-חלומ׳ט דעם מהר״ל דער שרעקליכער חלום, וואָס אויבען איז געשטאַנען.

אַזוי ווי עס איז נאַכט געוואָרען און דער לאָקיי מיט זיין ווייב האָבען שוין געוואָלט אַהיימגעהן פון דער אַרבייט פון סאָד און האָבען אָנגעהויבען צוזאַמענרופען זייערע קינדער, האָבען זיי דערזעהן, אַז איינס פעהלט. מען האָט דאָס קינד גאַנץ לאַנג געזוכט, אָבער אומזיסט, דאָס קינד איז נישטאָ. באַלד אינדערפריה זענען זיי אַריינגעקומען צום גלח און האָבען דערצעהלט, וואָס דאָ איז געשעהן. האָט דער גלח געזאָגט, אַז עס שיינט, אַז דאָס קינד האָט געמוזט אַרויסלויפען דורך דעם אייזערנעם טויער און איז ערגעץ פערקראָכען. צו דעם האָט ער צוגעגעבען, אַז מען דאַרף שטאַרק איבערצוקלערען, אַזוי ווי

היינט איז פאַר דעם יודישען פסח און די יודען לאָקערן צו בעקומען קריסטליך בלוט צו די מצות—אַלזאָ וועך וויס, אויב דאָס קינד איז נישט אַריינגעפאַלען אין די יודישע הענד פאַר אַ קרבן, איז נישטאָ קיין עֵצה, נאָר מען מוז מודיע זיין וועגען דעם צופאַל דער פאָליציי.

און דער גלח האָט געהייסען, אַז די מוטער זאָל זאָגען, אַז פאַרנאַכט, ווען זי האָט שוין געהאַלטען ביים אַהיימגעהן און האָט פערמאַכט דעם אייזערנעם טויער, האָט זי געזעהן פון דערווייטענס, אַז אַ יוד האָט עפּעס געטראָגען אין אַ זאַק אויף די פּלייצעס און דער זאַק האָט זיך געשאָקעלט—אַלזאָ זאָל זי שטאַרק וויינען און זעהר בעטען, אַז די פאָליציי זאָל זיך נעהמען צו מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג אין דעם יודישען קוואַרטאַל. און דאָס זאָל זי אויך בעטען, אַז די פאָליציי זאָל מיטנעהמען צו דער אונטערזוכונג דעם גלח „טאַדעאוש".

די מוטער פון דעם קינד האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען, ווי זי האָט דאָס דערהערט, און איז טאַקע באַלד געלאָפען אין ראָטהויז אַריין און האָט מודיע געווען פון דעם צופאַל אַזוי ווי דער גלח האָט זי געלערנט. האָט מען געענטפערט, אַז זי זאָל זיך גאָרנישט וויסען מאַכען, און אַז אויף צומאָרגענס, ד. ה. ערב פסח באַלד אינדערפריה, וועט מען שוין מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג אין דעם גאַנצען יודישען קוואַרטאַל, צוזאַמען מיט דעם גלח „טאַדעאוש".

עס שטעהט דאָך אָבער „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער שלאָפט נישט און היט אָב זיין פאָלק די יודען.

אַזוי ווי מען האָט מגלה געווען פון הימעל צו דעם מהר"ל, אַז עס איז אָנגעגרייט אַ צרה פאַר יודען, האָט שוין דער מהר"ל נישט גערוהט. ער האָט געזאָגט, אַז אַריינצוגעהן אין דעם קעלער אַריין איז באמת אַ סכנה, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט מיט דעם כח, ס'איז שלוחי מצוה אינן ניזוקין און באַלד אין דיזעלבע נאַכט פון בדיקת חמץ, נאָך חצות, האָט דער מהר"ל מיטגענומען דעם אַלטען שמש ר' אברהם-חיים און

אויף יאָסעלע גולם; און זיי האָבען מיטגענומען דריי הבדלות מיט פייערצייג און זענען געגאַנגען צום „פּיניווער פּאַלאַץ“ שטילערהייד, קיינער זאָל זיי נישט בעמערקען.

אַזוי ווי זיי האָבען אָנגעהויבען אַראָבצוגעהן אויף די טרעפּ אין קעלער אַריין, האָבען זיי געמאַכט פייער און אָנגע-צונדען אַלע דריי הבדלות. אַזוי ווי זיי האָבען אָנגעהויבען אַריינצוגעהן אין קעלער, האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ גרויסער ווינד מיט אַ שטויב, און זיי האָבען געהערט אַזוי ווי הינט הויבען אָן בילען; און דער ווינד האָט געוואָלט אויסלעשען די הבדלות, אָבער דער מהר״ל האָט געהייסען זאָגען דריי מאָל „יושב בסתר“ און עס האָט אָנגעהויבען שטילער צו ווערען, ביז עס איז אינגאַנצען שטיל געוואָרען. דאַן זענען זיי געגאַנגען ווייטער. האָט אָבער אָנגעהויבען צו פאַלען שטיינער פון דער סקלעפּעניע פון קעלער פון דער הויך און זיי האָבען מורא געקראָגען, אַז די סקלעפּעניע זאָל אויף זיי נישט אַרויפפאַלען. דאַן איז דער מהר״ל מיט דעם שמש ר אברהם-חיים געבליבען שטעהן. נאָר דער מהר״ל האָט בעפוילען אויף יאָסעלע גולם, ער זאָל אַליין געהן מיט דער הבדלה אין דער האַנד און גוט בעזוכען די קעלערס און וואָס ער וועט געפונען פאַר אַ פער-דעכטיגע זאַך, זאָל ער עס פאַר איהם ברענגען צו ווייזען.

יאָסעלע גולם האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ער געבראַכט פאַר דעם מהר״ל איינגעוויקעלט אין אַ טלית דאָס געקוילעטע קינד מיט אַ קליין קישעלע אין וועלכען עס איז געלעגען בערך דרייסיג קליינע פלעשעלעך מיט בלוט, און אויף די פלעשעלעך זענען געווען אָנגעקלעבט קוויטעלעך מיט יודישע אויפשריפטען די נעמען פון אַלע אנשים חשובים פון פּראָג. דאַן האָט דער מהר״ל בעפוילען אויף יאָסעלע גולם ער זאָל נעהמען דאָס טוי-טע קינד און זאָל געהן דורך דער הייל, וואָס ציהט זיך ביז דעם קעלער, וואו דער גלח „טאַדעאוש“ בעוואוינט זיך, און ער זאָל דאָרט דאָס טויטע קינד בעהאַלטען גוט צווישען די פעסלעך וויין, וואָס דער גלח האָט דאָרט שטעהן און ער זאָל

באַלד צוריקקומען. יאָסעלע גולם האָט אַזוי געטהון און האָט אַלץ פינקטליך אויסגעפיהרט, אַזוי ווי דער מהר״ל האָט אויף איהם בעפוילען.

עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה און יאָסעלע גולם איז שוין געווען צוריק.

נאָכדעם האָט דער מהר״ל געהייסען צעקלאַפען מיט שטיינער די אַלע פלעשעלעך און אויסגראָבען אַ גרובעל אין קעלער און דאָס בעגראָבען.

אַז דאָס אַלץ איז אָבגעטהון געוואָרען זענען זיי אַלע אַהיימגעגאַנגען בשמחה און דער מהר״ל האָט געהייסען די זאַך האַלטען בסוד, קיינער זאָל דערפון גאָרנישט ריידען.

ערב פסח, זייגער צעהן אינדערפריה זענען פלוצלונג אָנגעקומען אין יודישען קוואַרטאַל פאָליציי מיט פיל זעלנער און אויך דער גלח „טאַדעאוש״. די זעלנער זענען שנעל אַריינגעלאָפען אין די יודישע הייזער, צו צוויי אין אַ וואוינונג און האָבען אָנגעהויבען מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג ערשטענס אין דער גרויסער שוהל, דערנאָך ביי דעם מהר״ל און ביי אַלע אנשים חשובים און נאָך אין פיל אָנגעזעהענע הייזער. און אַזוי ווי זיי זענען פערבייגעגאַנגען פאַר דעם „פיניוּוער פאַלאַץ״, האָט זיך דער גלח אָנגערופען, אַז דער פאַלאַץ זאָל אויך אונטערגעזוכט ווערען. ווי עס פערשטעהט זיך, האָבען זיי דאָרט גאַנץ גוט געזוכט, לענגער ווי אומעטום. אָבער עס איז געווען „בגפו יבוא און בגפו יצא״. זיי זענען אַהיים מיט גאָרנישט. דערווייל איז נעבעך געפאַלען אַ טויט-שרעק אויף אַלע יודען פון פראָג, אָבער דער מהר״ל האָט געהייסען איינער זאָל מודיע זיין דעם צווייטען, אַז יודען זאָלען זיך גאָרנישט שרעקען און מאַכען אַ פרעהליכען יום-טוב, בעווייל דער אויבערשטער האָט דאָ געוויס געמאַכט בעהאלטענע נסים, מציל צו זיין די יודען פון פאַלשע בלבולים.

דער טויטער קערפער איז אַזוי געלעגען גוט בעהאַלטען אין קעלער צווישען די פעסער ווײן עטליכע טעג און איז געוואָרען גוט פערשטונקען; און אַזוי ווי עס האָט באַלד גע-

דאַרפט זיין דער קאַטוילישער פּאַסכאַ, האָט דער גלח בעפוי-
לען דעם לאָקיי, ער זאָל ברענגען דעם קעלער אין אָרדנונג,
און אויך זאָל ער זעהן וויפיל וויין עס איז דאָ, כדי מען זאָל
וויסען, וואָס צוצוקויפען אויף דעם „פּאַסכע".

דער לאָקיי איז אַראָב אין קעלער אַריין און, ווי גע-
וועהנליך, איז איהם זיין הינטעל נאָכגעקראָכען אומעטום. דאָס
הינטעל האָט אָבער באַלד דערשפּירט דעם ריח פון טויטען קער-
פּער, איז עס באַלד צוגעלאָפען צו דעם אָרט און אָנגעהויבען
בילען און שאַרען מיט די פיסלעך. דער לאָקיי האָט פערשטאַ-
נען, אַז דאָס מוז עפּעס זיין; האָט ער אָנגעהויבען גוט זוכען,
ביז ער האָט געפונען דאָס טויטע קינד, וועלכעס ער האָט
באַלד דערקענט.

דער לאָקיי איז שנעל אַרויס פון קעלער און באַלד
אַראָבגעברענגט פּאָליציי.

יעדער האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז דעם גלח'ס
מלאכה, בעוויל ער אַרבייט אימער אַרויפצוואַרפען אויף די
יודען אַנ'עלילת-דם. דער גלח האָט זיך אפילו געפּרובט אָבצו-
לייקענען די גאַנצע מעשה, אַז ער וויים פון גאָרנישט. אָבער
לויט פיל פּאַקטען האָט דער גלח געמוזט מודה זיין, אַז דאָס
איז טאַקע זיין מלאכה, צוליב אַ נקמה אין זיין משרת, וואָס
האָט אַוועקגערויבט אַ טייער נפש פון דעם קריסטליכען גלוי-
בען, וועלכע איז ביי איהם געזעסען עטליכע וואָכען און איז
געוועזען גרייט צום טויפען און ווען ער איז געוועזען אין קראָקא,
האָט דער משרת זי אַרויסגעגעבען פאַר געלד; און כדי זיך
נוקם צו זיין אין דעם יודישען רב אויך, וועלכער האָט גע-
וויס געשטעקט אין די עצה, האָט ער געוואָלט מאַכען אַנ'-
עלילת-דם אויף איהם דורך דעם קינד, כדי זיך נוקם צו זיין
איןביידע צוזאַמען.

אָבער דער לאָקיי האָט עס אָבגעלייקענט און געזאָגט,
אַז דער גלח האָט דעם מיכל'ע בערגערס טאָכטער פערנאַרט
צו זיך און האָט זי געוואָלט צו טויפען, און ער האָט איהר אָנ-
געטהון גרויסע יסורים, ביז דאָס לעבען איז איהר פער'מיאוס'ט

געוואָרען און זי האָט דורך דעם פערברענט די שטוב, וואו זי איז געווען, מיט זיך זעלבסט אויך.

דער גלח איז באַלד אַרעסטירט געוואָרען. און עס איז אויף איהם אויסגעפיהרט געוואָרען אַ משפט און מען האָט איהם אויף אייביג פערשיקט.

אויף די מעשה האָט דער מהר״ל געזאָגט דאָס ווערטעל: „גונו בחשובה אשה״; אַז דאָס אייביגע האָט געוואָלט בעשיצען די חשובה אשה, דאָס מיינט מען די הייליגע שכינה,—„וגם בבנים״,—און מיט איהרע קינדער אויך צו בעשיצען,—„חמשה דברה לו האשה״,—האָט די הייליגע שכינה איהם אַריינגעשיקט אין מויל אַריין דאָס וואָרט „חמשה״—ער זאָל זיך משער זיין בודק צו זיין דעם „פיגיווער פּאַלאַץ״.

## „ווי אַזוי האָט דער מהר״ל מבער געווען דעם יאָסעלע גולם״.

נאָכדעם ווי דער געזעץ פון קעניג רודאָלף איז ווירקליך אָנגענומען געוואָרען און עס איז פערבייגעגאַנגען ווייטער אַ פסח און עס איז געווען גאָר שטיל—האָט דער מהר״ל גערופען זיין איידעם דעם גאון מוהר״י כ״ק און אויך זיין תלמיד ר׳ יעקב ששון הלוי, וועלכע האָבען גענומען אָנטייל אין דעם יאָסעלע גולמ׳ס בעשאַפען ווערען און דער מהר״ל האָט זיי געזאָגט, אַז פון היינט אָן דאַרף מען שוין נישט דעם גולם, וואָרום קיין עלילת-דם וועט שוין אין דעם לאַנד נישט פאָרקומען. דאָס איז געשעהן אין דער נאַכט פון ל״ג בעומר אין יאָהר 5350. דאַן האָט דער מהר״ל בעפוילען אויף יאָסעלע גולם, ער זאָל זיך די נאַכט נישט לעגען אין בית-דין שטוב אויף זיין שטענדיגען געלעגער, נאָר ער זאָל זיין געלעגער אַרויפנעהמען אויף דעם שוהל-בוידעם און דאָרט זיך לעגען שלאָפען. יאָסעלע גולם האָט אַזוי געטהון. ווען קיינער האָט דאָס נישט בע-

מערקט, נאָך האַלבער נאַכט, איז דער מהר"ל מיט דעם גאון מוהר"י כ"ץ און מיט דעם תלמיד ר' יעקב ששון הלוי, אַרויפ-געגאַנגען אויף דעם בוידעם פון דער גרויסער שוהל. איידער זיי זענען אַרויפגעגאַנגען האָט זיך דער מהר"ל מיט דעם גאון מוהר"י כ"ץ מפלפל געווען צי אַ כהן מעג זיין אין אַ שטוב, וואו אַזאַ מת, ווי יאָסעלע גולם, ליגט. און דער מהר"ל האָט אָנגעוויזען, אַז אַזאַ מת איז נישט מטמא.

אַזוי ווי זיי זענען אַרויפגעקומען, האָבען זיי זיך אַלע דריי אַנידערגעשטעלט פונקט פערקעהרט, ווי אַזוי זיי זענען געשטאַנען, ווען זיי האָבען איהם בעשאַפען. זיי האָבען זיך ערשט אַנידערגעשטעלט צוקאָפּענס ביי דעם ליגענדיגען גולם מיט זייער פנים געגען זיינע פיס. נאָכדעם האָבען זיי אַלע דריי אָנגעהויבען איהם אַרומרינגלען פון דער לינקער זייט ביז צו די פיס, נאָכדעם ביז צום קאָפּ אויף דער רעכטער זייט און זענען געבליבען שטעהן און האָבען עפּעס געזאָגט. אַזוי האָבען זיי געטהון זיבען מאָל.

דעם אַלטען שמש ר' אברהם-חיים האָט דער מהר"ל גע-געבען רשות ער זאָל אויך זיין דערביי און זאָל האַלטען צוויי ליכט, נאָר ער זאָל שטעהן אַ ביסעל פון דערווייטענס.

נאָך די זיבען הקפות איז שוין דער גולם געווען טויט און איז געלעגען, ווי אַ שטיק פערהאַרטעוועט ליים.

דאַן האָט דער מהר"ל צוגערופען דעם שמש ר' אברהם-חיים און האָט ביי איהם צוגענומען די צוויי ליכט און מען האָט דעם גולם אויסגעטהון אַלע מלבושים, נאָר דאָס העמד האָט מען אויף איהם געלאָזט. און אַזוי ווי עס האָט נישט גע-פעהלט דאָרט קיין אַלטע טליתים, האָט מען איהם אַרומגעווי-קעלט מיט צוויי אַלטע טליתים און גוט פערבונדען. נאָכדעם האָט מען איהם אַרונטערגערוקט אונטער דעם גרויסען באַרג שמות, וואָס איז דאָרט געלעגען, אַזוי, אַז מען האָט איהם גאַר-נישט אַרויסגעזעהן. דאָס געלעגער מיט די מלבושים האָט דער מהר"ל אָנגעזאָגט דעם ר' אברהם-חיים, ער זאָל דאָס אַלץ אַראָבנעהמען און זאָל ביסלעכווייז פערברענען, קיינער זאָל

נישט זעהן. דערנאָך זענען זיי אַלע אַראָבגעגאַנגען און האָבען זיך געוואַשען די הענד.

אינדערפריה האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ קול, אַז דער שמש יאָסעלע גולם איז ברוגז געוואָרען און איז אַוועק ביינאַכט.

ביי דעם המון פון שטאָדט איז אַזוי געבליבען, נאָר עטליכע אנשים חשובים האָבען געוואוסט דעם אמת. באַלד אויף דער צווייטער וואָך, האָט דער מהר״ל געהייסען אויסרופען אין שטאָדט אַנ׳איסור, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגען אַרויפ-געהן אויף דעם שוהל-בוידעם. און אַז מען זאָל שוין דאָרטען מעהר קיין שמות נישט אַרויפלעגען. געזאָגט האָט מען, אַז דער איסור איז, בעוויל מען האָט מורא, מען זאָל דאָרט נישט פערלאָזען קיין פייער, עס זאָל זיך נישט מאַכען קיין שרפה. אָבער עטליכע אנשים חשובים האָבען פערשטאַנען דעם ריכטי-גען טעם, כדי מען זאָל נישט געוואָהר ווערען, אַז יאָסעלע גולם ליגט דאָרט.

## VII

מהר״ל האָט געקעמפט געגען עלילת-דם נישט נאָר מ׳ט דער הילף פון גולם. די לעגענדע שרייבט איהם צו אויך אַנ-דערע סגולות פון דעם דאָזיגען שטרייט, אָבער אַלץ אַזוי— דורך אַ וועלכער עס איז אַנדערער פערזאָן. מיר ברענגען אַ לעגענדע, לויט וועלכער די יודען זענען ניצול געוואָרען פון אַ בלבול דורך דעם איבערנאַטירליכען כח פון אַ פערבאָרגענעם צדיק:

דאָ ווערט דערציילט זעהר אַ שענע וואונדערליכע געשיכטע פון איין גרויסען עושר; ווי ער האָט געהאַט אויף זיך אַ גרויסען בלבול און ער איז געזעסען אין תּפיסה. און מען האָט אָנגעזאָגט צו הרב גור־אריה (דער רב פֿון פּראָג) אַז עס איז פֿאַראַנען אַ מענש, וואָס ער קאָן דעם עושר העל־פֿען פון דעם בלבול; און דער גור־אריה איז גע־פֿאָהרען צו איהם; און יענער האָט איהם געהאָל־פען פֿון דעם בלבול, און די מענשען, וואָס האָבען געמאַכט דעם בלבול, האָט מען זיי געהאָנגען.

אין דעם יאָהר שכ״ט איז געווען אין פּראָג אַ גרויסער עושר. ער איז געווען זעהר אַ פרומער. ער פלעגט אַליין נישט האַנדלען, נאָר זיין ווייב פלעגט האַנדלען און ער פלעגט זי־צען און לערנען. און דער עושר האָט געהאַט אַ בן־יחיד זעהר אַ טייערן מענש—ער פלעגט אויך שטענדיג זיצען און לערנען, און איז אויך זעהר פרום געווען. און דער עושר האָט זיך אַזוי געפיהרט כל ימיו. ער פלעגט זיצען און לערנען און זיין ווייב פלעגט האַנדלען און האָט געהאַט דערצו פיל מענשען און ער האָט זיך נישט געמישט אין קיין שום משא ומתן. און אַז עס איז געקומען די צייט, אַז ער האָט געדאַרפט שטאַרבען, האָט ער צוגערופען זיין טייערן בן־יחיד און זאָגט צו איהם: „מיין זוהן, איך לאָז דיר איבער פיל געלד, נאָר איך זאָג דיר אָן, אַז דו זאָלסט זיך פיהרען ווי איך האָב מיך געפיהרט. היינו: זאָלסט זיצען שטענדיג און לערנען און דו זאָלסט זיך נישט מישען צו קיין שום משא ומתן, נאַר דיין ווייב זאָל

האַנדלען און זי זאָל האַלטען דערצו מענשען. און השי"ת וועט דיר בודאי העלפען".

און דער בן יחיד האָט איהם צוגעזאָגט און דער עושר איז געשטאָרבען.

און דער זוהן האָט איהם געפאָלגט און האָט שטענדיג געלערנט, און איז זעהר פרום געוועז. און זיין ווייב איז געווען אַ גרויסע אשת חייל און האָט געפיהרט דעם גאַנצען האַנדעל. און השי"ת האָט זי בעגליקט אין איהר האַנדעל.

אַמאָל האָט איהר אָנגעהויבען צו געהן אַראָב; אַזוי האָט זי אָנגעוואָרען פיל געלד און דער משא ומתן האָט נישט בעגליקט, אַזוי זאָגט זי צו איהם: „מיין ליבער מאַן, ביז אָהער האָסטו געהאַלטען דיין פאָטערס צואה און דו האָסט זיך נישט געמישט אין קיין שום משא ומתן, אָבער עס איז היינט נישט אַזוי ווי אַמאָל, דען עס געהט מיר אַראָב. איך האָב מורא, איך זאָל חלילה נישט פערפיהרען קיין פרעמד געלד, דערום מוזטו ברעכען דיין פאָטערס צואה און מוזט אַריינקוקען אין האַנדעל כאָטש צוויי שעה אין טאָג. טאָמער וועט השי"ת אויף אונז רחמנות האָבען, אַז מיר זאָלען כאָטש נישט פערפיהרען קיין פרעמד געלד".

און ער וויל זי זעהר נישט פאָלגען, נאָר וויל ער האָט מורא ער זאָל חלילה נישט פערפיהרען קיין פרעמד געלד, דערום געהט ער צו זיין פאָטער אויף דעם קבר און וויינט זעהר פאַר איהם און זאָגט: „מיין ליבער פאָטער, איך וויל בודאי האַלטען דיין צואה, נאָר וואָס זאָל איך טהון, השי"ת האָט מיך געשטראָפט, אַז איך האָב אָנגעוואָרען פיל געלד און איך האָב מורא איך זאָל חלילה נישט פערפיהרען קיין פרעמד געלד, דערום מוז איך ברעכען דיין צואה און מוז אַריינקוקען אין משא ומתן, טאָמער וועט מיר השי"ת העלפען".

און וויינט זעהר, און געהט אַהיים זעהר צאָרנדיג. ביי־נאַכט איז זיין פאָטער איהם געקומען צו חלום און זאָגט:

„איך בין דיר מתיר, אַז דו זאָלסט אַריינקוקען אין משא ומתן צוויי שעה אין טאָג אָבער נישט מעהר. דען ווייטער

זאָלסטו זיצען און לערנען און דינען צו השי"ת, וועט דיר השי"ת העלפען". אַזוי האָט ער זיך אָנגעהויבען צו מישען אין משא ומתן צוויי שעה אין טאָג. און האָט איבערגע'חשבונ'ט אַלע חשבונות.

אַמאָל האָט ער געזעהן אין חשבון, אז עס געהט איהם זעהר אַראָב, דען ער האָט אָנגעוואָרען זעהר פיל געלד און דער עסק איז זעהר נישט גוט. אַזוי רופט ער צו זיין ווייב און זאָגט צו איהר:

„מיין ליב ווייב, איך האָב געזעהן אין חשבון, אַז מיר האָבען אָנגעוואָרען זעהר פיל געלד און מיר מוזען פערקויפען אַלע סחורות און אויך די דירות און די געוועלבער אונזערע, בכדי מיר זאָלען קאָנען לייטען אָבגעבען זייער געלד. און וואָס עס וועט אונז איבערבלייבען, וועלען מיר אַרויספאָהרען אין אַ קליין שטעדטיל אַריין, דען דאָ קאָנען מיר שוין נישט זיצען, ווייל מיר האָבען זיך ביז אַהער געפיהרט זעהר מיט גרויס עשירות און מיט גרויס צדקה און די הוצאה איז געווען זעהר גרויס. דערום קאָנען מיר דאָ נישט מקמץ זיין די הוצאה, אָבער אַז מיר וועלען אַרויספאָהרען אין אַ קליין שטעדטיל, וועלען מיר זיך דאָרט שטעלען די הוצאה קלענער און מיר וועלען דאָרט זיין גרויסע עשירים, דען מיר וועלען זיך אָנ-זעהן פאַר עשירים, דען אין אַ קליין שטעדטיל איז מסתמא נישטאָ קיין עשירים, און דאָרט וועלען מיר לעבען בנחת און מיר וועלען קאָנען טהון צדקה נאָך אונזער פערמעגען נאָך".

אַזוי זאָגט זיין ווייב צו איהם:

—„אַזוי ווי עס געפעלט דיר, אַזוי טהו".

דען זי איז געווען אַנ'אשה צנועה און האָט געטהון דעם רצון פון איהר מאַן. און ער האָט אַזוי געטהון. ער האָט פער-קויפט אַלע זיינע סחורות און האָט געמאַכט דערפון געלד. און האָט אָבגעגעבען אַלע בעלי-חובות זייער געלד און עס איז נאָך איהם אויך געבליבען פיל געלד. אַזוי האָט ער גערודונגען פיל פוהרען און ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען אַוועק-געפאָהרען פון פראָג זיך זוכען אַ קליין שטעדטיל.

אַזוי איז ער אויף שבת אָנגעקומען אין אַ קליין שטעד־טיל און איז פערפאָהרען אויף אַ סטאַנציע דאָרט שבת האַלטען. ער געהט פרייטאָג פאַרנאַכט דאַוונען אין שוהל אַריין. ווי ער קומט אין שוהל אַריין, אַזוי זעהט ער, אַז אַלע מענשען זע־נען זעהר אָרים, דען זיי געהען זעהר צעריסענע מלבושים און פערטשמירטע. ער דערקענט אין זיי, אַז זיי זענען זעהר גרויסע אביונים.

אַז ער איז געקומען צוריק אויף דער סטאַנציע פון דער שוהל, זאָגט ער צו זיין ווייב:

„ווי איך זעה אויף די שטאָדט־לייט זייער אָרימקייט בע־דאַרפען מיר זיך דאָ בעזעצען".

פרעגט זי איהם:—„פאַרוואָס דאַרפען מיר דאָ זיצען?"

זאָגט ער:—„איך זעה, אַז זיי געהען אַלע זעהר צעריסע־נע קליידער. עס איז נישטאָ צווישען זיי איין עושר. דערום, אַז מיר וועלען דאָ זיצען, וועלען מיר זיין אַקעגען זיי גרויסע גבירים און קיינער וועט אונז נישט קאַליע מאַכען אונזער פרנסה, דען מסתמא וועלען מיר האַנדלען גרויס און זיי זע־נען אַלע אָרימע לייט, וועלען זיי אונז נישט קאָנען קאַליע מאַכען".

עס איז ביי זיי געבליבען במוסכם, אַז זיי זאָלען אַהין גרויספאָהרען.

אַז עס איז געקומען זונטאָג, שיקט ער צו רופען עטלי־כע מענשען פון דעם שטעדטיל און פרעגט זיי: „וואָס איז אייער פרנסה און פאַרוואָס זייט איהר אַלע אָרימע לייט און פאַרוואָס איז דאָ נישטאָ איין שענע שטוב אין שטעדטיל".

זאָגען זיי צו איהם:

—„דען אין אונזער שטעדטיל איז נישטאָ אפילו איין עושר, דען לעבען איין עושר לעבען פיל מענשען. אָבער אַז מיר זענען אַלע אָרימעלייט,—אַזוי מוזען מיר אַלע געהן אין וואַלד אַריין צו פערדינען אונזער פרנסה. דען לעבען שטעדטיל איז דאָ אַ גרויסער וואַלד און גרויסע סוחרים האַלטען דעם וואַלד און טרייבען דאָרט סמאָלע. אַזוי געהען מיר אַלע אַוועק

אַהין זונטאָג און אַ גאַנצע וואָך טרייבען מיר דאָרט סמאָלע, און מיר פערדינען אונזער פרנסה מיט אָרימקייט בדוחק און אויף שבת געהען מיר אַהיים. דערום געהען מיר אַלע פער-שמירטע קליידער פון דער סמאָלע, דען מיר האָבען נישט פאַר עפּעס צו מאַכען זיך אַנדערע מלבושים אויף שבת בע-זונדער. אויך האָבען מיר נישט עפּעס פאַר צו איבערבויען אונזערע הייזער, דערום זענען זיי צעבראָכען״.

אַזוי זאָגט דער עושר צו זיי:

—איך האָב בדעה אַהער אַרויס, דען איך בין אַ גרויסער עושר איך וויל מיר דאָ בויען אַ גרויסע דירה און אַ גרויסע קלייט. און איך וועל צונעהמען אַ סך מענשען כון אייך צו מיר און וועל זיי געבען פרנסה. היינו: עטליכע וועלען זיין ביי מיר נאמנים אין די קלייטען, און עטליכע וועלען זיין ביי מיר משרתים, און צו עטליכע וועל איך לייהען געלד, אַז זיי זאָלען דערמיט האַנדלען. איטליכען צו וואָס ער וועט טויגען. און מיט גאָטס הילף איך וועל אייך מאַכען פאַר מענשען און איהר וועט דאָ האָבען פרנסה. און איך וועל דאָ אוויפפיהרען גרויסע גרונטאָווגע קלייטען, דאַן וועלען פיל מענשען פאָהרען אַהער קויפען סחורה. אַזוי וועט עס צו ביסלעכווייז איינגע-פיהרט ווערען. און עס וועט ווערען אַ האַנדעל-שטאָדט״.

און ער דינגט באַלד פיל מענשען, אַז זיי זאָלען איהם אַרויספיהרען האָלץ פון דעם וואַלד און אויך שטיינער ברענגען און צו בויען, און צו מויערן גרויסע דירות און געוועלבן. אויך האָט ער צוגענומען פיל מענשען, וואָס זאָלען אַכטונג גע-בען אויף דעם בויען.

און ער בויט אויס גרויסע דירות און טייערע געוועלבן. און שיקט אַוועק מענשען קיין פראָג און האַנדעלט איין פיל סחורה, אַלערליי סחורות. און פיהרט איין אַ גרויסע גרונטאָווגע קלייט. און ער לייזט דאָרט פיל געלד—דען פון אַלע שטעד-טליך, וואָס אַרום דעם שטעדטיל, וואָס פערמאָגען נישט צו פאָהרען קיין פראָג נאָך אַ ביסעל סחורה אין זייערע קלייטען, נעהמען זיי בעסער ביי איהם. און דאָס שטעדטיל ווערט אַלע

מאָל גרעסער און שענער, דען פיל מענשען בויען זיך שוין איבער זייערע הייזער און מאַכען גרויסע סטאַנציעס. און ער לייהט זיי דערויף פיל געלד און גיט זיי סחורה, אַז זיי זאָלען זיך בעקליידען און זאָלען זיך אויסצאָהלען צו ביסלעך. דער כלל איז ער מאַכט פון זיי אַלע לייט. און עס פאָהרען פיל מענשען אין דעם שטעדטיל צו האַנדלען און צו פערקויפען. און די שטאָדט-לייט האָבען איהם זעהר ליב און גיבען איהם אָב גרויס כבוד. דען ער האָט זיי אַלע געמאַכט פאַר לייט און עס איז געוואָרען אין דעם שטעדטיל אַ גרויסער האַנדעל.

אַמאָל האָט דער קאָמיסאַר פון דעם שטעדטיל בעדאַרפט האָבען סחורה און דער קאָמיסאַר איז נישט געזעסען אין דעם שטעדטיל נייערט ער איז געזעסען אין אַ דאָרף. אַזוי זאָגט ער צו זיין קנעכט: „שפאַן איין די פוהר און מיר וועלען פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין און מיר וועלען איינקויפען סחורה". זאָגט דער קנעכט צו איהם:—„מיין האַר, פאַרוואָס קויפסטו נישט אין דיין שטעדטיל סחורה". „זאָגט דער קאָמיסאַר:—„דען אין מיין שטעדטיל איז קיינמאָל נישטאָ קיין סחורה, דען תמיד, אַז איך בעדאַרף סחורה, מוז איך פאָהרען אין אַנ' אַנדער שטאָדט אַריין צו קויפען, דען דו ווייסט דאָך, אַז אין אונזער שטעדטיל איז נישטאָ קיין סחורה, דען עס איז זעהר אָרים, עס איז נישטאָ איין עושר צווישען זיי. דען איך וויל דאָס שטעדטיל פון צו קוקען אויף זייער אָרימקייט".

זאָגט דער קנעכט:—„מיין ליבער האַר, עס איז נישט לאַנג אַרויס אַ גרויסער עושר, זעהר אַ שענער מענש און אַ גרויסער חכם, און אַ פרומער מענש. ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסען פאַלאַץ און גרויסע קליטען און ער האַלט פיל סחורה פון אַלערליי מינים. און אַלע שטעדטליך, וואָס אַרום, נעהמען ביי איהם סחורה. און אַלע שטאָדט-לייט האָבען אַרום איהם פרנסה און פיל מענשען האָבען שוין איבערגעבויט זייערע הייזער. דו זאָלסט קומען אין שטעדטיל, וואָלסטו עס שוין נישט דערקענט, דען עס איז היינט גאָר אַנדערש געוואָרען."

אַז דער קאָמיסאַר האָט דאָס דערהערט, זאָגט ער צו

דעם קנעכט: „אייל, און שפּאַן גיך די פוהר, און מיר וועלען פאָהרען אין אונזער שטעדטיל. און איך וועל אָנקוקען דאָס שטעדטיל, און דעם שענעם עושר, וואָס ער איז נישט לאַנג אַהין אָנגעקומען. דען ביז אַהער איז מיר מיאוס געווען צו קוקען אויף דעם שטעדטיל, אָבער היינט, אַז זיי זענען שוין נישט אַזעלכע אָרימעלייט און די הייזער זענען שוין שענער, וועל איך פאָהרען און קוקען".

אַזוי באַלד פאָהרט דער קאָמיסאַר אין דעם שטעדטיל און דער קנעכט פערפיהרט איהם גלייך צום עושר. ווי דער קאָמיסאַר קומט אַריין צו איהם אין קלייט און זעהט דאָרט פיל סחורה אַזוי פרעגט ער: ווער ביזטו. און ער זאָגט איהר, אַז ער איז דער קאָמיסאַר פון דעם שטעדטיל. אַזוי הויבט זי אָן מיט איהם צו ריידען מיט גרויס שכל. אַזוי פערוואונדערט ער זיך זעהר אויף איהר גרויס שכל און אויף איהר שענקייט מיט פיל צירונג. דען ער האָט מיט די שטאָדט-לייט קיינמאָל נישט געקאָנט ריידען דען פון זייער אָרימקייט זענען זיי געווען פערנאַרישט. דער סדר איז: דער וואָס האַנדעלט איז קלוג, מחמת ער רעדט שטענדיג מיט סוחרים, אָבער זיי פלעגען זיין שטענדיג אין וואַלד דערום זענען זיי געווען פערנאַרישט. און זי ווייזט איהם פיל סחורה און ער קויפט ביי איהר סחורה און האָט דערפון גרויס הנאה. און ער פרעגט זי: „וואו איז דיין מאַן." זאָגט זי:—„מיין מאַן זיצט שטענדיג און לערנט און דינט צו השי"ת, נאָר צוויי שעה אין טאָג מישט ער זיך אין משא ומתן. אויב דו ווילסט דאָ האַרען ביז ער וועט קומען, וועסטו איהם זעהן און ריידען מיט איהם." און ער האַרט דאָרט אין קלייט ביז ער איז אָנגעקומען. אַז דער קאָמיסאַר האָט איהם דערזעהן, אַזוי פערוואונדערט ער זיך אויף זיין פנים, דען די אַלע שטאָדט-לייט זענען זעהר שוואַרץ (דען זיי האָבען זיך שטענדיג געפּאָרעט אין סמאָלע) אָבער ער איז זעהר אַ שענער פּאַרשוין און אַנ'איידעלער. און דער קאָמיסאַר הויבט אָן מיט איהם ריידען,—אַזוי רעדט ער מיט גרויס חכמה און מיט גרויס דרך-ארץ. אַזוי פערוואונדערט ער

זיך אויף זיין גרויס חכמה מיט זיין לשון און זאָגט: „זינט איך לעב האָב איך נאָך אזוי איין חכם נישט געזעהן". דען אין וואָס ער שמועסט מיט איהם, ווייס ער: דען ער איז קלאָר אין אַלע חכמות.

און ער קושט איהם און האַלזט איהם אוןן זאָגט צו איהם: „איך דאַנק דיר זעהר, דען דו האָסט געמאַכט דאָס שטעדטיל פאַר אַ שטאָדט, און די מענשען פאַר מענשען. דע־רום, ליבער פריינד זיי וויסען, אונזער דוכּוס פון דער שטאָדט זיצט אין פּראָג. דען פּראָג איז זיינס און ער קומט שוין נישט אַהער פון וויפיל יאָהר, ווייל ער האָט פיינד דאָס שטעדטיל. עס איז איהם נמאס וועגען זייער אָרימקייט און די מיאוסע הייזער. און איך בין דאָ איין קאָמיסאַר און איך זיץ אויף נישט דאָ, דערום שטעהט דער הויף פון דער דוכּוס תּמיד לע־דיג. און איך זיץ גאָר אין איין דאָרף פון אונזערע גיטער. אָבער היינט וועל איך שרייבען אַ בריף צו דעם דוכּוס און וועל איהם דערצעהלען, ווי אַזוי דו ביזט דאָ אין שטאָדט. און דו האָסט געמאַכט די שטאָדט פאַר אַ שטאָדט. און דו האָסט געמאַכט אַלע פאַר לייט. אַזוי וועט ער בודאי קומען אַהער צו דיר ער זאָל דיר אָבדאַנקען דערפאַר, אַזוי וועט ער דיר געבען גרויסע מתנות".

און דער קאָמיסאַר זעגענט זיך מיט איהם זעהר שען, און קושט איהם, און דאַנקט איהם זעהר, און פאָהרט אַהיים.

און ווי ער קומט אַהיים, אַזוי שרייבט ער אַ בריף צו דעם דוכּוס און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה: אַז דאָס שטעדטיל איז היינט זעהר שען און די שטאָדט־לייט טרייבען שוין נישט קיין סמאָלע, נייערט זיי זענען שוין סוחרים און נאמנים פון דער האַנד פון דעם עושר און ער לייהט זיי אויס געלד אויף האַנדעל און פיל מענשען זענען ביי איהם אין שטוב און אין זיינע געוועלבן. און עס איז שוין דאָ פיל הייזער שענע און פיל סוחרים פאָהרען שוין אַהין נאָך סחורה, און בעט דעם דוכּוס ער זאָל צופלייס אַראָפּפאָהרען אָנקוקען די שטאָדט מיט דעם עושר, אַזוי וועסטו גרויס תּענוג מקבל

זיין פון דעם שטעדטיל, דען דו ווערסט זעהן, אז די שטאָדט האָט שוין אַנ'אַנדער פּנים. און דו ווערסט זעהן די גרויסע חכמה פון עושר און פון זיין ווייב.

און ווי דער בריף קומט אָן צו דעם דוכוס און ער לייענט איהם איבער, אַזוי הייסט ער גיך איינשפּאַנען די קאַרעטע און פאָהרען תּיכּף אין דעם שטעדטיל אַריין. און פאָהרט פריהער צו דעם קאָמיסאַר און זיי פאָהרען ביידע אין דעם שטעדטיל. און ווי נאָר דער דוכוס קומט אין שטאָדט און דערזעהט, אַז עס זענען דאָ שענע הייזער און די מענשען געהען שען אָנגעטהון—אַזוי האָט ער גרויס הנאה און פאָהרט צום עושר אין קלייט אַריין.

און ווי ער קומט אין קלייט, אַזוי נעהמט זי איהם זעהר שען צו מיט גרויס כּבוד, דען זי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז דער דוכוס פון דער שטאָדט, ווייל זי האָט געזעהן, אַז דער קאָמיסאַר האָט איהם גרויס כּבוד אָבגעגעבען. און דער דוכוס פרעגט זי: וואו איז דיין מאַן—אַזוי באַלד לויפט זי און רופט איהר מאַן און איז איהם מודיע, אַז דער דוכוס פון דער שטאָדט איז דאָ ביי איהר אין קלייט: „ער איז צו פלייס געקומען פון פראָג זיך זעהן מיט אונז, דען דער קאָמיסאַר האָט איהם געשריבען, אַז מיר האָבען געמאַכט דאָס שטעדטיל צו לייט, דערום איז ער אַהער געקומער אונז אָבדאַנקען און ער וויל זיך זעהן מיט דיר אַליין,—דערום קום באַלד".—אַזוי געהט ער מיט איהר אין קלייט אַריין.

און ווי דער דוכוס דערזעהט איהם, אַזוי קושט ער איהם און דאַנקט איהם זעהר, וואָס ער האָט איהם צו לייט געמאַכט דאָס שטעדטיל און זאָגט צו איהם: „איך האָב אַהער קיינמאָל נישט געקאָנט קומען מחמת זייער אָרימקייט און זייער פּרנסה איז נאָר געווען מיט סמאָלע, אַזוי זענען זיי געווען שטענדיג פערשמירט, אָבער היינט וועל איך שוין קאָנען קומען אַהער און וועל שוין קאָנען מיט זיי ריידען. און דער דוכוס רעדט מיט דעם עושר און זעהט זיין גרויס חכמה און ער רעדט מיט איהם עטליכע שעה. און דער עושר בעט איהם צו

ויך אין שטוב אַריין און איז איהם מכבּד מיט טייערן ווײַן און טייערע מאכלים און דער דוכוס זאָגט צום עושר:

„מיין האַרץ איז צו דיר אַזוי געקלעבט געוואָרען מחמת ליבשאַפט, איך קאָן שוין גאָר פון דיר נישט אָוועקפאָהרען". און דער דוכוס פאָהרט אַריין אין זיין הויף נעכטיגען און אין דערפריה קומט ער ווייטער צו פאָהרען צום עושר און רעדט ווייטער מיט איהם עטליכע שעה. דעם דריטען טאָג שיקט ער צו ברענגען דעם עושר צו זיך. בקצור, ער איז געשטאַנען דאָרט פיר וואָכען און אַלע טאָג האָט ער זיך געמוזט מיט איהם זעהן און ריידען מיט איהם, דען ער האָט שוין גאָר אָהן איהם נישט געקאָנט אויסקומען. ער האָט איהם ליב געהאַט ווי זיין אייגען לעבען.

נאָך פיר וואָכען איז ער געקומען צו פאָהרען צו איהם און זאָגט צו איהם: „איך קאָן פון דאַנען גאָרנישט ניט אָוועקפאָהרען אָהן דיר—דען אָהן דיר, וועל איך נישט לעבען—דערום לאָז דאָ איבער מענשען איבער דיינע געשעפטען מיט די קלייטען און דו מיט דיין ווייב פאָהר אַרויס מיט מיר קיין פראָג. און איך וועל דיר איבערענטפערן אַלע מיינע גיטער אין די הענד, אַז דו זאָלסט האָבען צו שאַפען. און דו זאָלסט אָבנעהמען חשבון ביי אַלע מיינע קאָמיסאַרעס און קיין שום תבואה וועט מען נישט טאָרען פערקויפען אָהן דיין וויסען, כדי דו זאָלסט האָבען מעקלעריי. און איך וועל דיר אויך געבען פון הויף, וואָס דו וועסט בעדאַרפען אויף דער הוצאה, היינו, כל מיני תבואה. און וועל דיר געבען אַ דירה מיט האָלץ און מיט וואַסער, מיט ליכט. און וואָס דו וועסט פערדינען אַ חוץ, וועסטו אָוועקלעגען. אויך דו וועסט מאַכען דאָרט אַ גרויסען וויין-שענק און איך מיט אַלע מיינע מענשען וועלען ביי דיר נעהמען וויין. נאָר דו זאָלסט אַכטונג געבען אויף מיין גוטס. דען די שטאָדט פראָג מיט אַלע איהרע דערפער קעהרען אַלע צו מיר. און איך זעה איין, דו ביסט אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער צדיק,—מסתמא וועסטו עהרליך זיין און געטריי זיין אין מיינע געשעפטען".

און עס איז אַזוי געבליבען.

ער האָט געלאָזט אין זיינע געשעפטען נאמנים און ער מיט זיין ווייב זענען אַרויס מיט דעם דוכּוס קיין פּראָג. און ער האָט איהם געגעבען איין פּאַפּיר, אַז ער האָט איהם צו שאַפען איבער אַלע זיינע גוטער. ער איז דער גרעסטער קאָ-מיסאַר און ער בעדאַרף אָבנעהמען חשבון איבער אַלע קאָמי-סאַרעס. און ער האָט איהם געקויפט אַ גרויסען פּאַלאַץ. און ער האָט איהם געשיקט פיל תּבואה אויף עסען און פיל געלד אויף הוצאה. און דער עושר איז ביי איהם זעהר חשוב. און ער מאַכט זיך אַ גרויסען וויין-שענק. און ער האָט גרויס שפע דען דער דוכּוס מיט אַלע זיינע מענשען נעהמען ביי איהם וויין; און אויך פיל מענשען גרויסע לייט נעהמען צוליב דעם דוכּוס, און אַזוי אויך אַנדערע מענשען, וואָס האָבען איהם ליב; דען ער איז זעהר אַ פרומער און ער גיט פיל צדקה—דערום איז ער זעהר חשוב ביי דער גאַנצער שטאָדט. און ער זיצט שטענדיג און לערנט, נאָר צוויי שעה אין טאָג מישט ער זיך אין משא ומתן. און גיט אַכטונג אויף די חשבונות פון דעם דוכּוס און טהוט זעהר מיט גרויס נאמנות.

אַמאָל קומט אַריין דער נאמן פון דער וויין-שענק און זאָגט צו איהם: „מיין האַר, עס געהט איהם אָב טויזענד רענד-לעך און איך האָב זיי בודאי נישט גע׳גנב׳עט, נאָר איך האָב געהאַט אַ חשבון, זעה איך, אַז עס געהט אָב; איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז”. אַזוי זאָגט דער עושר: „טאָמער איז דיר עמי-צער שולדיג?”

זאָגט דער נאמן:—איך געדענק נישט, אַז עמיצער זאָל מיר שולדיג זיין טויזענד רענדלעך פאַר וויין. עס קאָן גאָר נישט זיין”.

דער עושר איז זעהר ברוגז אויף דעם נאמן און פער׳-חידוש׳ט זיך זעהר, אַז עס זאָל אָבגעהן אַזוי פיל געלד, דען ער ווייס, דער נאמן איז אַנ׳עהרליכער, ער האָט בודאי נישט גע׳גנב׳עט. און ער זאָגט צו איהם: „געה נאָר, חשבון נאָכאַמאָל איבער, דען עס קאָן גאָרנישט זיין אַזוי“.

איז דער נאמן אַוועקגעגאַנגען זעהר צאָרנדיג.

דערווייל קומט אָן אַ קוויטעל פון דעם בישאָף און שרייבט צום נאמן. אַזוי ווי איך בין דיר שוין שולדיג טויזענד רענדלעך פאַר ווײַן און איך האָב דיר נאָך נישט אָבגעגעבען און מאָרגען בעדאַרף איך מאַכען אַ גרויסען באַל, דערום זאָלסטו מיר געבען ווײַן אויף דעם באַל און אין אַ קלײנער צייט אַרום וועל איך דיר אײַנגאַנצען בעצאָהלען. ווי דער נאמן לייענט איבער דאָס קוויטעל, אַזוי פרעהט ער זיך זעהר און לויפט אַריין מיט גרויס שמחה צום בעל-הבית און זאָגט צו איהם: „די טויזענד רענדלעך זענען שוין דאָ, דען איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דער בישאָף איז מיר שולדיג טויזענד רענדלעך" און ווייזט איהם דאָס קוויטעל. אַזוי ווערט ער זעהר ברוגז און זאָגט צום נאמן: „גיב איהם שוין מעהר קיין ווײַן נישט, דען אַז ער וועט דיר אָבגעבען די טויזענד רענדלעך, וועסטו איהם ווייטער באָרגען".

אַזוי זאָגט דער נאמן צום שליח פון דעם בישאָף: „געה און זאָג דיין האַר, אַז דער בעל-הבית הייסט איהם שוין מעהר קיין ווײַן נישט געבען ביז ער וועט פריהער אָבגעבען די טויזענד רענדלעך, וואָס ער איז שולדיג".

און דער שליח געהט און זאָגט דאָס דעם בישאָף. אַזוי ווערט דער בישאָף זעהר ברוגז אויף דעם ווײַן-שענקער, ווייל ער האָט איהם זעהר מביש געווען פאַר פיל לייט. און ווידער ער וויל אים נישט באָרגען קיין ווײַן און אויף מאָרגען דאַרף ער מאַכען איין באַל און קיין געלד האָט ער נישט, אַזוי וועט ער מביש ווערען פאַר גרויסע לייט, דען ער נעהמט ביי איהם תמיד אויף באָרג און דערנאָך בעצאָהלט ער איהם מיט אַמאָל און היינט וויל ער איהם נישט געבען—איז ער זיך נאָר מכוין כדי ער זאָל מאָרגען מביש ווערען, דערום געהט ער צום קאָמיסאַר פון דער שטאָדט און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה און בעט איהם זעהר ער זאָל זיך נוקם זיין אין דעם ווײַן-שענקער, דען ער האָט זיך מכוין געווען איהם מביש זיין.

אַזוי שיקט באַלד דער קאָמיסאַר איהם רופען.

ווי דער שליח קומט צום וויין-שענקער און זאָגט: „דער קאָמיסאַר רופט איהם מיט גרויס צאָרן״—אַזוי ווערט דער וויין-שענקער זעהר ברוגז אויף דעם קאָמיסאַר און זאָגט צום שליח: „געה זאָג צו דעם קאָמיסאַר, אַז איך וועל צו איהם נישט געהן, נאָר אַז ער וויל און דאַרף מיט מיר עפּעס ריידען, זאָל ער קומען צו מיר״.

אַז דער שליח קומט און זאָגט דעם קאָמיסאַר די רייד, אַזוי ווערט ער ער זעהר ברוגז אויף דעם וויין-שענקער און זאָגט צו עטליכע קנעכט: „געהט און ברענגט איהם מיט גע-וואַלד, און איך וועל איהם שליסען אין קייטען, דען ער האָט מיך געזידעלט״.

ווי די קנעכט קומען צום וויין-שענקער און זאָגען איהם, אַז זיי זענען געקומען איהם נעהמען מיט געוואַלד צום קאָמי-סאַר, און ער וועט איהם שליסען אין קייטען, פאַרוואָס ער איז אַזוי תיכף צו איהם נישט געקומען און האָט איהם נאָך געזי-דעלט, דען ער האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר מעג געהן צו איהם.

אַזוי לאַכט ער זעהר פון דעם קאָמיסאַר און זאָגט צו די קנעכט: „געהט און זאָגט דעם קאָמיסאַר פון מיינעטוועגען, אַז ער זאָל תיכף קומען צו מיר, דען איך בעדאַרף ביי איהם אָבנעהמען חשבון פון דעם דוכוס גוטס, וואָס ער שאַפט דע-רויף, דען איך האָב אַ פּאַפּיר פון דעם דוכוס, אַז אַלע קאָמי-סאַרעס פון דעם דוכוס בעדאַרפען מיר אָבגעבען חשבון״.

ווי די קנעכט געהען און דערצעהלען דאָס דעם קאָמיסאַר, ווערט ער דערציטערט און לויפט באַלד צו דעם וויין-שענקער. און בעט איהם זעהר שטאַרק איבער און זאָגט צו איהם: „זיי מיר מוחל, דען איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזוי אַ חשוב ביי אונזער דוכוס, דערום האָב איך געזאָגט אַזעלכע שלעכטע רייד אויף דיר; איך וועל שוין ווייטער וויסען, אַז איך בעדאַרף דיר אָבגעבען כבוד—דו ביזט פיל גרעסער פון מיר.

און דער קאָמיסאַר געהט אַהיים מיט גרויס חרפה און

זאָגט צו דעם בישאָף: „איך קאָן איהם גאָרנישט טהון, דען איך האָב מורא פאַר איהם״.

און דער בישאָף געהט אַוועק מיט גרויס כעס אויף דעם וויין-שענקער און זאָגט: „איך מוז מיך אין איהם נוקם זיין״.

און דאָס איז געווען נאָהנט צו פסח.

אַזוי שמועסט דער בישאָף אָב מיט אַ נוצרי, אַז ער זאָל דעם וויין-שענקער אינטערוואַרפען אַ געשטאָכענעם נוצרי, אַ קליינעם. און זאָל דאָס אַריינוואַרפען ביי איהם אין אַ קעלער, אָדער אין אַ קאַמער. און דערנאָך וועט מען באַלעגערן אויף זיין שטוב און מען וועט איהם געפינען. אַזוי וועט מען זאָגען, אַז ער האָט איהם געשטאָכען, דען ער בעדאַרף האָבען בלוט אויף פסח, דען אַמאָל פלעגען די נוצרים זאָגען, אַז יודען דאַרפען האָבען בלוט אויף פסח, אַזוי וועלען מיר זיך אין איהם נוקם זיין און דערפאַר וועסטו האָבען עולם-הבא.

און דער נוצרי האָט דעם בישאָף געפאָלגט, און איז גע-גאַנגען אַהיים. און ביי איהם איז געווען איין קינד שלאַף. אַזוי האָט ער איהם באַלד געשטאָכען און האָט איהם אַריינגעוואָרפען צו דעם וויין-שענקער אין אַנ׳אָפענעם קעלער און אַז עס איז געקומען די ערשטע נאַכט פון פסח, און דער וויין-שענקער זיצט אויף דעם הסיבה-בעט זעהר פרעהליך, אַזוי איז געקומען דער בישאָף מיט פיל מענשען און זענען אַרומגעפאַלען אויף זיין הויף צו זוכען דעם גע׳הרג׳עטען נוצרי דעם קליינעם, און האָבען איהם געפונען ביי איהם אין קעלער. אַזוי באַלד וויל דער בישאָף נעהמען דעם וויין-שענקער און איהם שליסען אין קייטען. אָבער דער דוכוס איז געוואָהר געוואָרען און שיקט צום בישאָף, אַז ער זאָל איהם נישט טהון קיין שום זאַך, דען ער איז פאַר איהם ערוב און ווען מען וועט בעדאַרפען צום משפט, מוז ער איהם צושטעלען. אין ער פערלאָזט זיך נישט צום משפט׳ן אויף קיינעם, נאָר אויף דעם מלך מיט דעם פויפסט, אַז זיי זאָלען משפט׳ן דעם משפט, דען דער דוכוס ווייס, אַז דער וויין-שענקער איז אַנ׳ערליכער מאַן—ער וועט בודאי קיין קינד נישט גנב׳ענען, נייערט עס איז אַ בלבול.

נר בישאָף זעצט איהם נישט אין תּפיסה, נאָר ער שטעלט איין וואַרט ביי זיין שטוב, אַז ער זאָל נישט אַנטלוי-פן. און מען שיקט רופען דעם מלך מיט דער פויפסט און מען בעט זיי, זיי זאָלען אַראָבפאָהרען פסק׳ענען דעם משפט.

און די גאַנצע שטאָדט בעטען פאַר דעם עושר, דען זיי האָבען איהם אַלע זעהר ליב. וואָרום ער איז זעהר אַ פרומער און אַ גרויסער בעל-צדקה. אַלע יודען האָבען פרנסה פון איהם. און ער טהוט אין שטאָדט גרויסע טובות, דען ער איז זעהר חשוב ביי דעם דוכוס פון דער שטאָדט. און דער דוכוס האָט איהם ליב, ווי זיין לעבען. אויך זיצט ער שטענדיג און לערנט און איז אַ גרויסער צדיק.

אויך דער גור אריה, דער רב פון דער שטאָדט האָט זעהר גרויס יסורים פון איהם און בעט צו השי״ת, אַז ער זאָל דעם עושר העלפען פון דעם בלבול. און דער גור אריה פאַסט פיל תּענתים דערויף, אַז ער זאָל עפּעס אַנ׳עצה דערויף ווייזען.

אַמאָל האָט זיך דער גור אריה געלייגט שלאָפען. ביי-נאַכט אין שלאָף האָט ער זעהר גרויסע יסורים געהאַט פון דעם בלבול. אַזוי איז מען מודיע דעם גור אריה ביינאַכט און מען זאָגט איהם: „הער אויף צו פאַסטען און צו זאָרגען, נאָר זאָלסט פאָהרען אין דער שטאָדט. דאָרט איז דאָ איינער, הייסט ער ר׳ לייב, מען רופט איהם לייבעלע זאָקען-מאַכער. ער אַר-בייט זאָקען און פערקויפט. דערפון שפּייזט ער זיך. דער ליי-בעלע קאָן איהם העלפען ווייטער קאָן קיינער דערצו נישט העלפען״.

אַזוי שטעהט דער גור אריה אויף אינדערפריה און נעהמט גלייך אַ פוהר און פאָהרט גלייך אין דער שטאָדט אַריין. און ער קומט גלייך אין שטאָדט אַריין און פרעגט אויף לייבעלע זאָקען-מאַכער. זאָגט מען צו איהם מיט געלעכטער: „וואָס טויג אייך דער לייבעלע זאָקען-מאַכער, איהר דאַרפט זיך לאָזען אַרבייטען ביי איהם זאָקען, דען ער איז גאָר אַ פראָסטער מענש און אַנ׳אָרימאַן, וואָס בעדאַרפט איהר איהם?

דער גור אריה זאָגט צו זיי: „וואָס אַרט אייך, וואָס איך

בעדארף איהם, ווייזט מיר נאָר, וואו ער זיצט."

אַזוי ווייזט מען איהם, אַז ער זיצט מחוץ לעיר אין אַ קליין שטובל און ער איז אַ גרויסער אָרימאַן.

און דער גור אריה געהט אַליין אַריין צו איהם, און דער לייבעלע גיט איהם שלום און זאָגט: „וואָס טהוט איהר דאָ?" זאָגט דער גור אריה:—„איך בעדאַרף צו אייך עפּעס האָבען".

זאָגט ער צו איהם:- „טאָמער בעדאַרפט איהר אַ פּאָר זאָקען קויפען".

זאָגט ער—„ניין!" און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה. און דער לייבעלע לאַכט זעהר דערפון און זאָגט:—„איך קאָן מעהר נישט, נאָר זאָקען אַרבייטען, אָבער ווי קום איך צו אַזוי איין מעשה איך זאָל קאָנען ריידען מיט אַ מלך און מיט אַ פויפסט". אַבער דער גור אריה זאָגט צו איהם:—„עס איז קיין תירוץ נישט, דען איהר וועט דאָ מציל זיין אַ גרויסען צדיק און איך האָב מיך דערוואוסט, אַז איהר קאָנט איהם העלפען, דערום איז בודאי אַ יושר, אַז איהר זאָלט איהם טהון דרינגען אַ טובה. און טאָמער ווילט איהר נישט—בין איך אויף אייך גוזר—דען איך בין דער גור אריה פון פראָג".

אַזוי זאָגט דער לייבעלע צו איהם: „רבי, איהר פאָהרט אַהיים און איך וועל שוין דאָרטען זיין, איך וועל געהן צו פוס, דען דער משפט וועט ערשט זיין אום שבועות. און ערב שבועות וועל איך זיין אין פראָג. און מיט גאָטס הילף וועט דער יהודי זיין ריין פון דעם משפט, דען ער איז זיך באמת גאָרנישט שולדיג".

און דער גור אריה געזעגענט זיך מיט איהם און פאָהרט אַהיים און זאָגט זיי דאָרט אַ בשורה, אַז דער עושר וועט שוין מיט גאָטס הילף געהאָלפען ווערען. נאָר ווי אַזוי זאָגט ער זיי נישט. נאָר ער זאָגט זיי: „זאָרגט גאָרנישט, עס וועט זיין רעכט".

דער לייבעלע געהט אַרויס פון דער היים ערב שבועות און געהט אויף דעם וועג. נישט ווייט פון פראָג בעגעגענט

ער פאָהרען דעם פויפסט. ער פאָהרט קיין פראָג צו דעם משפט. אַז דער פויפסט זעהט גערן דעם אָרימאַן, אַזוי הייסט ער זיך שטעלען און פרעגט איהם: „וואו ביזטו און וואו אַהין געהסטו?"

ענטפערט ער איהם: — „איך בין אַ יהודי און איך געה קיין פראָג אויף שבועות".

אַזוי זאָגט דער פויפסט צו איהם:

„זעץ זיך אויף מיט מיר, אַזוי וועסטו גיכער זיין אין פראָג".

דען דער סדר איז, אַז אַ פויפסט איז אַנ'עניו ביי זיך און אַ בעל-רחמנות. און דער לייבעלע דער אָרימאַן זעצט זיך מיט איהם.

אויף דעם וועג ריידען זיי ביידע. דער פויפסט פרעגט דעם אָרימאַן: „וואָס בעדאַרפסטו קיין פראָג".

זאָגט ער: — „איך בעדאַרף האָבען איין קליינינקייט".

און דער אָרימאַן פרעגט דעם פויפסט: — „וואָס פאָהרסטו קיין פראָג, וואָס בעדאַרפסטו דאָרט האָבען פאַר אַנ'עסק?"

זאָגט דער פויפסט: — „איך פאָהר מכח אַנ'עסק, וואָס דער בישאָף האָט מיט איין יהודי. דער יהודי האָט גע'הרג'עט פאַר פסח אַ קליינעם נוצרי און האָט ביי איהם אַרויסגענומען דאָס בלוט אויף פסח. און דער בישאָף האָט עס געכאַפּט, בעדאַרף איך מיט דעם מלכות פסק'ענען דעם דין, דען דער יהודי איז זעהר חשוב ביי דעם דוכוס פון פראָג, דערום האָט זיך דער דוכוס פערלאָזט אויף אונז, דען טאָמער איז דאָס אַ בלבול. דערום וועלען מיר דערקלערען דעם אמת".

זאָגט דער אָרימאַן צו איהם: — „איך פאָהר מכח דעם בלבול". און בעט דער אָרימאַן זעהר שטאַרק דעם פויפסט, אַז ער זאָל נישט געהן צום משפט אָהן איהם. און דער פויפסט זאָגט איהם צו.

אַזוי קומען זיי אין שטאָדט אַריין און געהען זיך פאַ-נאַנדער. דער פויפסט פערפאָהרט צו אַ גרויסע סטאַנציע און דער לייבעלע געהט אַריין צו דעם גור אריה און זאָגט צו

איהם: „שרעקט זיך נישט, דען עס וועט אי״ה גאָר רעכט זיין״.

און מאָרגען אינדערפריה האָט (מען) געמאַכט אַ תּליה און מען שיקט רופען דעם פויפסט. אָבער דער פויפסט זאָגט איך קאָן נאָך נישט געהן, וואָרום ער האָט צוגעזאָגט דעם אָרימאַן, אַז ער זאָל נישט געהן אָהן איהם. און אַז דער פויפסט איז געקומען צו דעם אָרט פון דעם משפט און האָט זיך געזעצט צום משפט מיט דעם מלך. און דער אָרימאַן איז אויך אַהין געקומען אין דער דוכוס מיט דעם בישאָף זענען אויך געקומען.

און דער בישאָף שרייט זעהר פאַר זיי: איז דאָס דען געהערט געוואָרען, באשר ער איז אַ חשוב ביי דעם דוכוס מעג ער הרג'ענען א נוצרי. דען ער האָט גע'הרג'עט דאָס קינד פון דעם-דערום בעדאַרף מען איהם הרג'ענען.

אַזוי קעהרט זיך אום דער פויפסט צום אָרימאַן און זאָגט צו איהם:

„וואָס זאָגסטו?״

זאָגט דער אָרימאַן: אַז איך וועל דיר אָבער אויסווייזען, אַז דער יהודי האָט נישט גע'הרג'עט, נאָר דער בישאָף האָט געהייסען הרג'ענען און מען זאָל איהם אונטערוואָרפען דעם יהודי.

„—וואָס וועט זיין—זאָגט דער פויפסט—דעם משפט, וואָס מען בעדאַרף טהון דעם יהודי, וועט מען איהם טהון״.

אַזוי זאָגט דער לייבעלע:—„קומט מיט מיר״.

און דער לייבעלע פיהרט זיי. אויך פיל מענשען געהען זעהן די הידושים פון דעם אָרימאַן.

און ער פיהרט זיי דאָרט, וואו דאָס טויטע קינד אין בעגראָבען. און ער הייסט איהם אַרויסנעהמען פון דער טרונע. און מען נעהמט איהם אַרויס. אַזוי הייסט ער זיך איהם זעצען. און זאָגט: „זעהסט ווער שטעהט לעבען דיר, זעץ זיך אויף״.

אַזוי זעצט ער זיך אויף. זאָגט ער צו איהם: „וואָס שווייגסטו? זאָג ווער עס האָט דיך געשאָכטען״.

אַזוי הויבט ער אָן צו דערצעהלען ווי עס איז מיט איהם געווען:

„אַזוי ווי איך בין קראַנק געוואָרען און איך בין שוין אַף געווען האָב איך געזעהן, ווי דער בישאָף איז געקומען צו געהן צו מיין פאָטער און זאָגט צו איהם: „איך זאָג דיר צו עולם הבא, אַז דו זאָלסט שטעכען דיין קינד און דו זאָלסט עס אונטערוואַרפען דעם ווײַן-שענקער, דען ער האָט מיך מביש געווען און דיין קינד וועט זיך בלויז שטאַרבען, דען ער איז זעהר שלאַף". און נאָך פיל רייד האָט ער איבער מיין פאָטער גערעדט און האָט איהם זעהר שטאַרק געבעטען, ביז ער האָט איהם איבערגערעדט. אַזוי האָב איך אָנגעהויבען זעהר שרייען און וויינען: וואָס האָט איהר צו מיר. וואָס ווילט איהר פון מיר. וואָס בין איך שולדיג. אָבער עס האָט נישט געהאָלפען מיין וויינען, מיין בעטען און מיין פאָטער האָט מיך נישט גע-הערט און ער האָט אָנגעשאַרפט אַ מעסער. און איך בין גע-לעגען אין גרויס היץ; איך האָב מיך נישט געקאָנט ריהרען. אַזוי איז מיין פאָטער צו מיר צוגעגאַנגען מיט'ן מעסער און האָט מיך געשטאָכען. און וואָס ווייטער מיט מיר איז געווען, נאָך דעם, ווייס איך שוין נישט. נאָר דאָס האָב איך געהערט און געזעהן".

אַזוי זאָגט דער לייבעלע צו איהם: „נו היינט לעג זיך אַנידער צוריק, מען בעדאַרף דיך שוין מיין נישט פרעגען".

און ער לעגט זיך אַנידער און ער בלייבט ווידער טויט.

אַזוי הייסט ער איהם אַריינלעגען צוריק אין דער ערד מיט דער טרונע ווי פריהער.

און דער לייבעלע זאָגט צום מלך מיט דעם פויפסט: „נו, וואָס זאָגט איהר היינט אויף דעם בישאָף, נישט גענוג, אַז ער אַליין האָט איהם געהייסען הרג'ענען, האָט ער נאָך געוואָלט דעם יהודי אויך אוועקברענגען".

אַזוי באַלד האָט דער מלך מיט דעם פויפסט געהייסען, אַז מען זאָל דעם בישאָף מיט דעם פאָטער פון דעם קינד הענ-גען אויף דער זעלביגער תליה.

און אַלע וואונדערן זיך אויף די מעשה, וואָס דער ליי-בעלע האָט בעוויזען. און נאָכדעם איז ער זעהר גרויס געוואָרען ביי דעם מלך און מען האָט איהם גרויס כבוד אָנגעטהון.

## VIII

די לעגענדעס מיט די בלוט-בלבולים זענען אין דער פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע פֿערבונדען נישט נאָר מיט דער פּערזאָן פון דעם מהר"ל, נאָר אויך מיט דער פּערזאָן פון אַן אַנדער בעל-מופת, אַ סך אַ לעגענדאַרישערען און פּאָפּולערערען, דעם גרינ-דער פון חסידות, ר' ישראל בעל-שם-טוב (בעש"ט), וואָס ווע-גען זיינע אותות ומופתים ווערען אין פֿאָלק דערצעהלט אָהן אַ שיעור מעשיות. אָבער די לעגענדעס, וואָס דערצעהלען, ווי אַזוי דער בעש"ט האָט אויפגעדעקט בלוט-בלבולים, טראָגען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי די לעגענדעס וועגען דעם מהר"ל. בשעת ווען אין די מהר"ל-לעגענדעס איז דאָס עלילת-דם דער צענטראַלער פונקט, שפּילען די בלוט-בלבולים אין די בעש"ט-געשיכטען אַ צווייט-ראַנגיגע ראָלע, און די לעגענדע שטעלט זיך אויף דעם עלילת-דם אָב נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נויטיג צו פּרייזען דעם וואונדערטהוערישען כח, די נביאישע פּאָראויסזאָגונג און די גייסטיגע מאַכט פון בעל-שם-טוב.

(דאָ ברענגט אַנ–סקי די „שרעקליכע געשיכטע מיט דעם עושר און פויפסט"–פון „מבשר ישועה", וואַרשא 1900, די „גע-שיכטע מיט דעם בעש"ט און די אומשולדיג אומגעקומענע צו-ליב אַנ'עלילת-דם"—פון „ספר ספורי מעשיות"—וואַרשא 1881, די „וואונדערליכע געשיכטע מיט'ן בעש"ט און דעם בער"—פון דיזעלבע „ספורי מעשיות".

XI

# אַ מעשׂה מיט'ן בעל שם טוב.

אין פּאַווילטש איז געווען נע"ה אַ בּלבּול און די קדושים זענען בעוו"ה נהרג געוואָרען אין פון אַלע שטעדט אַרום און אַרום פּאַווילטש זענען אַלע אַנטלאָפען געוואָרען. עס איז גע-ווען אַ שאַרפער בּלבּול: הרב רבּ דוד מקאַרטשוב האָט געוואָלט אַנטלויפען קיין וואָלאָכיי, איז ער געפאָהרען קיין מעזבּוז. האָט איהם דער בעל שם איינגעהאַלטען און עטליכע מאָל האָט דער בע"ש געזאָגט, אַז זיי וועלען ניצול ווערען. דערנאָך אַז זיי זענען בעוו"ה נהרג געוואָרען, איז געקומען אַ בריף צו מו"ה דוד הנ"ל און דער רבּי דוד איז געווען אין מעזבּוז איז ער געוואָהר געוואָרען אין אַ בריף איז געשטאַנען, אַז מען האָט זיי פריהער גרויסע יסורים אָנגעטהון. עס איז געווען אום ערב שבּת איז דער בעל שם זעהר אומעטיג געווען. אַז ער איז געקומען אין מקוה אַריין, האָט ער זעהר געוויינט און האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה מיט גרויס ציטערניש, אַזוי אַז אַלע זיינע לייט האָבען קיין קאָפּ נישט געקאָנט אויפהוי-בען. האָבען זיי געמיינט, אַז עס וועט קומען צו קבּלת שבּת וועט ער האָבען שמחה, אָבער ער האָט מקבּל שבּת געווען אויך מיט ציטערניש. און האָט געמאַכט קדוש מיט געוויין. אַז ער האָט זיך געזוימט אַ רגע בּיי דעם טיש, איז ער אַוועקגע-גאַנגען אין זיין חדר, וואו ער שלאָפט און האָט זיך געלעגט אויף דער ערד. איז ער אַזוי געלעגען גאַנץ לאַנג. מען האָט אויף איהם זעהר לאַנג געוואַרט. די אורחים און דאָס הויז-געזינד און זיין ווייב איז צו איהם געקומען אין שטוב אַריין און זאָגט איהם די ליכט וועלען אויסגעהן. זאָגט ער צו איהר:

לאָזען זיי אָבעסען און אַוועקגעהן. און דער בע״ש איז ווייטער געלעגען אויסגעשפרייט מיט די הענד און פיס, מיט דעם פנים אַראָב. איז געקומען הרב רבי דוד מקאַרטשוב און האָט זיך געשטעלט ביי דער טהיר, ער זאָל זעהן וואָס דער סוף וועט זיין, ווארים אין דער טהיר איז געוועןן אַ שפּאַלט. איז ער מיד געוואָרען שטעהענדיג. עס האָט לאַנג געדויערט האָט ער גענומען אַ בענקעל און געשטעלט ביי דער טהיר און האָט זיך געזעצט לעבען טהיר ער זאָל זעהן דעם סוף, וואָס דאָ וועט זיך טהון. עס איז געקומען אַרום האַלבע נאַכט האָט רבי דוד געהערט אַז דער בעל שם האָט געזאָגט צום ווייב, דעק דיר צו דיין פנים. אין אַ רגע איז דאָס שטיבעל ליכטיג געוואָרען. עס איז דורך דער שפּאַלט פון דער טהיר אַרויס די שיין. האָט דער בעל שם געזאָגט ברוך הבא רבי עקיבא און צו אַלע קדושים ביי זיי נעמען ברוך הבא. האָט דער בעל שם געזאָגט צו די קדושים: איך בין אויף אייך גוזר איהר זאָלט געהן טהון אַ נקמה אָן דעם צורר דעם סענאַטאָר. האָבען די קדושים איהם געבעטען עס זאָל שוין נישט מיין אַרויסגעהן פון אייער מויל די ווערטער און וואָס איהר האָט געזאָגט זאָלט איהר מבטל זיין, ווארים איהר ווייסט גאָרנישט פון אייער כח. איהר זאָלט וויסען, אַז איהר האָט מקבל שבת געוועןן איז געוואָרען אַ גרויסער רעש אין אַלע וועלטען און זענען אַלע אַנטלאָפען געוואָרען פון אַלע היכלות און מיר האָבען נישט געוואוסט וואָס דאָס בעדייט. מיר זענען געקומען אין העכערע היכלות איז מען פון דאָרט אויך אַנטלאָפען געוואָרען מחמת גרויס רעש און מיר האָבען אַלץ נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז. איז ביז מיר זענען געקומען אין אַ גאַנץ הויכען היכל האָט מען צו אונז געזאָגט: געהט אַראָב גיכער מאַכט שטיל די טרעהרען פון רבי ישראל בעל שם. היינט וועלען מיר דערצעהלען איהר זאָלט וויסען אַלע יסורים, וואָס מיר האָבען געליטען אויף קדוש השם יתברך און דער יצר הרע האָט אונז מבלבל געוועןן אונזער מחשבה. מיר האָבען איהם אַוועקגעשטוי-

סען מיטביידע הענד האָט ער פאָרט ביי אונז געמאַכט אַ צייבען אין דער מחשבה. איבער דעם האָבען מיר געמוזט קומען אין גיהנום אויף אַ האַלבע שעה ליידען צער און כל היסורים שבעולם וואָס מיר האָבען געליטען הויבט זיך נישט אָן אַקעגען די יסורים, וואָס מיר האָבען געהאַט אויף דער האַלבער שעה אין גיהנום. אַז מיר זענען געקומען אין גן עדן, האָבען מיר געזאָגט מיר וועלען זיך נוקם זיין פון אונזערע שונאים האָט מען אונז געענטפערט: עס איז נאָך נישט זיין צייט געקומען. אויב איהר ווילט זיך פאָרט נוקם זיין תיכף, מוזט איהר מגולגל ווערען נאָך אַמאָל אויף דער וועלט. האָבען מיר געזאָגט: מיר לויבען און דאַנקען השם יתברך אַז מיר זענען בעשטאַנען אויף קדוש השם און מיר האָבען געליטען גרויסע יסורים אין גיהנום אַ האַלבע שעה און היינט אַז מיר וועלען מגולגל ווערען טאָמער וועלען מיר ערגער ווערען, וועט שפּל אוןְ שלעכט זיין פאַר אונז. איז בעסער מיר זאָלען נישט טהון קיין נקמה און מיר זאָלען נישט מגולגל ווערען. דערום בעטען מיר אייך איהר זאָלט מבטל זיין די רייד, וואָס איהר האָט דאָ גערעדט אַז מיר זאָלען נקמה טהון. פרעגט זיי דער בעל שם: פאַרוואָס האָט מען מיר פון דעם הימעל נישט אויסגעזאָגט, אַז איהר וועט גע׳הרג׳עט ווערען. עס האָט זיך פערקעהרט אויסגעוויזען. האָבען זיי געזאָגט: מען האָט אויבען מורא געהאַט, אַז מען וועט אייך מודיע זיין וועט איהר זיך זעהר שטאַרקען מיט תפילות, וועט איהר מבטל זיין די גזירה. אָבער עס וואָלט אַ גרעסערע צרה געווען. דעריבער האָט מען אייך נישט מודיע געווען.

# X

פאַרהאַן לעגענדעס וועגען בלוט-בלבולים, וואָס זענען נישט פערבונדען מיט קיין שום בעל-מופת. אַלס גואל פון די אומשולדיגע קרבנות פון בלוט-בלבול קומט אין זיי פאָר אָדער אַ פשוט'ער בשר-ודם אָדער אַ מלאך.

(דאָ ברענגט אַנ—סקי „די שרעקליכע געשיכטע מיט דער פלאַש ווייַן"—פון ספר „ספורי ירושלים" ווילנא 1900, און „די וואונדערליכע געשיכטע מיט'ן פראַנצויזישען קיסר, וואָס האָט אַריינגעזעצט די יודען אין פעסער מיט נעגעל בע-שלאָגענע"—פון ספר „צדקת תמימים", ווארשא 1900.

# XI

די דאָ געבראַכטע לעגענדעס מאַכען אויס נישט מעהר ווי אַ קליינעם טייל פון דעם ציקל פאָלקס-שאַפונגען, וואָס זייער טעמע איז—עלילת-דם. אָבער אויך אַ חוץ די דאָזיגע ווערק, צירקולירט אין דער יודישער פאָלקס-מאַסע אָהן אַ שיעור מעשיות, לעגענדעס און געשיכטען, וואָס זענען אויך פערפאַסט געוואָרען אונטער דעם איינדרוק פון אַזעלכע קאָשמאַרפולע גזרות און רדיפות. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז צווישען די דאָ-זיגע ווערק טרעפען זיך אָפט מעשיות און לעגענדעס וועגען דעם, ווי אַזוי קריסטען האָבען טויטגעשלאָגען יודישע קינדער. איין לעגענדע אַזאַ דערצעהלט, אַז ערגיץ אין אַ דייטשער שטאָדט האָבען סטודענטען (!) געכאַפט יודישע קינדער און זיי געטרונקען אין טייך. איז פערבייגעפאָהרען אַ צדיק, אַ בעל-מופת, האָט ער בעפוילען דעם טייך אויסצושפייען די קינדער אומבעשעדיקטערהייד און איינשלינגען די דערטרענקער. דער טייך האָט געפאָלגט. אָבער איינמאָל, ווען אַ קינד, וואָס איז אַריינגעשליידערט געוואָרען אין טייך אַריין, האָט זיך דער-

טרונקען, איז דער בעל-מופת אַריינגעקומען אין גרימצאָרן און פערשאָלטען דעם טייך, איז דער טייך גלייך אויסגעריסען געוואָרען פון זיין געלעגער און פערשליידערט געוואָרען אין אַן אַנדער ריכטונג. אין אַ צווייטער לעגענדע, וועלכע איז זעהר פּאָפּולער ביים פאָלק, דערצעהלט זיך וועגען אַ פּוילישען פּריץ אַ מכשף, וועלכער פלעגט זיך פערוואַרפען אין אַ שוואַרצער קאַץ און געשטיקט די ניי-געבוירענע קינדער פון זיין קרעטשמער ערב זייער ברית. דער בעש"ט איז דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער געהייסען די תלמידים זיינע אויף זיין אַ גאַנצע נאַכט ביים וויג פון דעם ניי-געבוירענעם קינד, און ווי נאָר ס'האָט זיך געוויזען דער גלגול אין דער געשטאַלט פון דער קאַץ, האָבען זיי זי פערפּאַקט אין אַ זאַק אַריין און געשלאָגען מכת רצח. דערנאָך האָט דער מכשף אַרויסגערופען דעם בעש"ט אויף אַ געראַנגעל, אָבער דער בעש"ט האָט איהם מנצח געווען און אויסגעשטאָכען די אויגען. אין אַ דריטער מעשה ווערט דערצעהלט וועגען עפּעס אַ פאָלק אַזאַ, וואָס טהוט זיך בוקען צו דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ פון אַ יודישען בחור, וואָס מוז דוקא זיין אַ כהן, אַ בכור בן בכור ביז דעם זיבעטען דור. אונטער דער צונג פון דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ לעגט מען אונטער אַ געשריפטס מיט'ן שם-המפורש,—און דער קאָפּ זאָגט נביאות, איז אַ טרעפער און דינט אַלס גאָטהייט אין משך פון אַכציג יאָהר. אאַז"וו אאַז"וו.

אין אַנדערע מעשיות, וואָס זענען אַנאַלאָגיש לויט דער שטימונג, ווערען בעשריבען די איבערמענשליכע אָנשטרענגונגען און דאָס מסירת-נפש און די גבורה פון די צדיקים צו נעהמען אין געפאַנגענשאַפט דעם שר הטומאה אשמדאי און זיינע צבאות און מקרב צו זיין דעם קץ—אַראָפּצוברענגען משיח'ן; די דאָזיגע פּרובען לאָזען זיך אויס מיט אַ שרעקליכער מפלה פון די צדיקים געגען דעם אַלמעכטיגען אשמדאי. פאַרהאַן מיסטישע און סימבאָלישע מעשה'לעך. אין זיי ווערט דערצעהלט וועגען אַ לאַנג שוין פערשטאָרבענעם בייזען קיניג (אין איין וואַריאַנט הייסט ער נירון), וועלכער קומט אַלע נאַכט מיט זיינע שררות

און חיילות אין אַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ, ערגעץ אין אַ וואַלד, זעצט זיך אויפ׳ן כסא-המלכות, טהוט דין און משפט,—און אַלע טהוען מיט אימה זיין ווילען, אָבער ווי נאָר עס קומט אָן האַלבע נאַכט, פאַלען אויף איהם אָן די שררות און חיילות, שלעפּען איהם אַראָב פון טראָן-שטוהל און צרייסען איהם אויף שטיקער. אָדער וועגען אַ קופערט מיט נישט פערוועלקטען גראָז, וואָס מ׳האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אַוועקגע-שטעלט אין פערהוילענעם טורעם פון רוים, וואָס מ׳האָט איהם דערנאָך פעסט פערשלאָסען. מיט די דאָזיגע גראָזען איז פער-בונדען דער גורל פון דעם יודישען פאָלק. כל-זמן די גראָזען זענען פריש און דופטיג, וועט די יודען קיינער נישט בייקו-מען. אַ קיסר, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דעם טורעם און געפונען דעם קופערט, ווערט געוואָהר פון מכשף, אַז ווען אַ יוד זאָל אָבריכטען ביי דעם קופערט דעם סדר, וואָלטען די גראָזען גלייך פערוועלקט געוואָרען און דאָס יודישע פאָלק מיט זיין משיח וואָלטען אומגעקומען. דורך רמאות צווינגט דער קיסר איינעם אַ רב אָבריכטען דעם סדר ביים קופערט, אָבער אַ בת-קול איז צו דער רעכטער צייט מתרה דעם רב וועגען דער סכנה. דער רב עפענט דעם קופערט און פון דאָרטען שפּרינגט אַרויס אַ משונה׳דיג בעשעפעניש אין געשטאַלט פון אַ קאַלב, אָבער דער רב ברענגט איהם אום אָנשרייבענדיג אויף זיין שטערען, ברוסט און פיס דעם שם המפורש. די מעשה לאָזט זיך אויס בזה הלשון: געלויבט איז דער שומר ישראל, וואָס האָט מיט זיין רעכטער האַנד אויסגעלייזט איהם פון מצרים און טהוט מיט איהם עד היום הזה גרויס חסד. אמן״.

די דאָזיגע אַלע מעשיות און לעגענדעס פיהרען אונז אַריין אין אַ גאַנץ נייעם געביט פון פאָלקלאָר, אַ געביט, וואָס איז אומבעקאַנט די אַנדערע פעלקער. דאָס איז דער פאָלקלאָר פון צער און צאָרן, וועלכער אַנטפּלעקט פאַר אונז דעם געמיט-צושטאַנד פון אַ גאַנץ פאָלק, אַ גע׳רודפ׳טען, אַ פעריאָגטען און אומבעהאָלפענעם. אמת, די אַלע לעגענדעס און מעשיות לאָזען זיך אויס מיט דעם נצחון פון דער גערעכטיגקייט, מיט יודי-

שער שמחה און מיט אַ שבח והודיה צום רבונו של עולם, אָבער דער דאָזיגער אָפּטימיזם איז דורך און דורכגענומען מיט פערצווייפלונג. אויב אויפצודעקען אַנ'עלילת-דם, אויב צום נצחון פון אמת און יושר, דאַרף דעם פאָלקס פאַנטאַזיע אָנקומען צו דער בעשאַפונג פון אַ גולם, צו דער איבערנאַטירליכער הילף פון מלאכים, פון אַ בת-קול, פון אַ התגלות דורך אַ חלום, פון פערבאָרגענע צדיקים און בעלי-מופתים,—איז דאָס אַ סימן, אַז דאָס פאָלק האָט פערלוירען די אמונה אין דער געוועהנליכער, ערדישער גערעכטיגקייט. און כ'לעבען—ס'איז באמת שווער צו זאָגען—וואו איז דאָ מעהר טראַגיזם: צי אין די טרויעריגע פנקסים פון די יודישע צרות און גזרות, אָדער אין די דאָזיגע טריאומפירענדיגע מעשיות וועגען יודישע ישועות דורך נסים ונפלאות...

# אבשפּרעכעניש און פּעררײדונג
# בײ די ליטװיש־רײסישע יודען

I.

## אָבשפּרעכענישען פון אַנ׳עין־הרע.

דער פאָלקס-גלויבען וועגען דעם כח פון אַנ׳עין-הרע, וועגען דער מעגליכקייט דורך אַ בייז אויג צו שאַדען דעם בעשעפעניש, אויף וועלכען דער בליק איז געווענדט—איז פון קדמונים אָן (זינט די צייטען פון תלמוד) פערשפּרייט ביי דעם יודישען המון-עם.

ווי ווייט ברייט מ׳פערשטעהט דעם כח און די ווירקונג פון אַ „בייז-אויג" קאָן מען זעהן פון דער פערשפּרייטער איינגלויבעניש, אַז דאָס ברויט, אויף וועלכען עס האָט לאַנג און שאַרף געקוקט אַ הונגעריגער הונט, ווערט פערגיפטיגט.

בהסכם מיט דער פאָרשטעלונג, אַז דאָס אויג איז דער דורכפיהרער פון דעם בייזען ווילען פון זיין בעל-דבר,—ווערען פאַר די געפעהרליכסטע בעלי עין-הרע, געהאַלטען מענשען זינדיגע, שלעכטע, נישט-פערגינערישע און גייציגע, ווי אויך די, וואָס זענען פול מיט שנאה צו די בעשעפענישען, אויף וועלכע זיי קוקען. איבעריגענס נעהמט מען אָן, אַז ס׳זענען פאַראַן אויך אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אַ „בייז אויג", אומאָבהענגיג פון זייער כאַראַקטער און זייער פערזענליכער בעציהונג צו די אַרומיגע.

אַ בייז אויג קאָן דערהויפּט שאַדען: א) שוואַכע, קרענקליכע בעשעפענישען, וועלכע זענען ווייניג געשיצט פון אויסער-

ליכע ווירקונגען, ווי, למשל, ניי-געבוירענע קינדער, קימפּע-טאָרינס און קינדער ביז 10—13 יאָהר, דערהויפּט—שוואַכע, איינאונאיינציגע ביי זייערע עלטערן אָדער בני-זקונים; ב) בע-שעפּענישען, וואָס זענען מיט זייערע מעלות אָדער מעמד מסוגל צו דערוועקען קנאה ביי די אַרומיגע, ווי למשל, שענע, קלו-גע אָדער פיזיש בליהענדיגע קינדער, געזונדטע און שטאַרקע זקנים; רייכע מענשען, וועלכע עס געהט זעהר גוט אין גע-שעפט; אפילו גערעטענע בהמות און עופות (מעלקעדיגע קיה, היהנער, וואָס לעגען אַ סך אייער, וכדומה).

פאַרהאַן אַ גוזמא סגולות צו אַנ'עין-הרע. די זיכערסטע סגולה איז—בעהאַלטען פון מענשען די בעשעפּענישען, וואָס זענען בעזונדערס מסוגל צו אַנ'עין-הרע. דאָס ניי-געבוירענע קינד און די געווינערין ווייזט מען אָפטמאָל נישט פאַר פרעמדע אין משך פון אַ לאַנגער צייט, טיילמאָל אפילו פאַר נאָהנטע קרובים ו״שט.*) פון מאַטעריעלע סגולות האַלט מען שטאַרק דערהויפּט פון זאַלץ און קוועקזילבער. מ'הענגט אָן דעם קינד אויפ'ן האַלז אַ זעקעלע זאַלץ (אַמאָל לעגט מען אַריין אין קעשענע אַ ביסעל זאַלץ) אָדער אַ ביסעלע קוועקזילבער אין אַ פערמאַכט טרייבעלע פון אַ געגנזענער פעדער. צו פאַרהיטען אַ ניי-געבוירען קינד פון אַנ'עין-הרע איז גוט צונויפצוקלויבען אין אַ פּעקעלע דעם מיסט פון דעם דיל אויף דעם אָרט אונ-טער'ן בעט, וואו דאָס קינד איז געפאַלען ביים געבוירען ווע-רען און אָנהענגען עס דעם קינד אויפ'ן האַלז. אַ גוטע סגולה איז אויך—אָנצוטהון דעם קינד נישט קיין געקויפטע מלבושימ'-לעך, נאָר ג ע ש ע נ ק ט ע.

אַ חוץ דעם ווערען פּראַקטיקירט געגען אַנ'עין-הרע, ווי אויך געגען אַ כשוף, קמיעות פון כל המינים, אויף וועלכע ס'איז דאָס רוב אויפגעשריבען עפּעס אַ תפילה, אַ פּסוק פון

---

*) פערגלייך די מימרא פון דער גמרא: „די ברכה רוהט נאָר אויף די זאַ-כען, וואָס זענען פערהוילען פון די אויגען" (ברכות מ״ב).

תּנך, אַ שפּרוך אָדער דאָס וואָרט שדי. דעם כּח צו פּערהי-טען פון אַנ'עין-הרע בעזיצען אויך די היילינע ספרים (דער-הויפּט דער חומש), וועלכע ווערען געלעגט דעם קינד צוקאָ-פּענס.

כּדי נישט אַנ'עין-הרע געבען אַ מענשען, אויף וועלכען מ'קוקט אָדער בשעת מ'רעדט וועגען איהם, אפילו אונטער די אויגען (דאָ ווערען צונויפגעמישט די ווירקונג פון אויג און די ווירקונג פון וואָרט), זעהט מען קודם כּל צו בעוואָרענען עס דורך אַנ'אויסרעדעניש.

צו דעם, וואָס קוקט אויף אַ קינד אָדער בכלל אויף אַ בעשעפעניש, וועלכע איז מסוגל צו אַ בייז אויג, זאָגט מען: „נאָר נישט גיט קיין עין-הרע!" אויך דער, וואָס רעדט אָדער קוקט, בעוואָרענט זיך פון זיין זייט: „אָהן עין הרע!" אָדער, ווען דער שמועס געהט וועגען איינעם וואָס איז דער-ביי נישטאָ: „ווי ער הערט נישט, אַזוי זאָל איהם נישט שאַ-דטען!" מ'זאָגט אויך: „קיין בייז אויג זאָל איהם נישט שאַדטען!"

היות איינע פון די הויפּט-סיבות פון אַנ'עין-הרע רעכענט זיך קנאה, האַלט מען פאַר אַ סכנה צו לויבען דאָס בעשעפע-ניש, אויף וועלכען מ'קוקט. דערפאַר פערבייט מען געוועהנליך דעם שבח מיט אַ פערקעהרטען עפּיטעט: אָנשטאָט צו זאָגען: „ס'איר אַ קלוג, ס'איר אַ שען קינד!" זאָגט מען בלשון סגי-נהור: „ס'איר אַ נאַריש, ס'איר אַ מיאוס קינד!" א. אַז. וו. דערביי שפּייט מען דריי מאָל אויס אין אַ זייט.

אויב מ'האָט מורא, אַז דער מענש, וואָס האָט געקוקט אויפ'ן קינד, האָט איהם געגעבען אַנ'עין-הרע, איז ווי נאָר דער דאָזיגער מענש געהט אַוועק, וואַרפט מען איהם נאָך אי-בער דער שוועל אַ קויל אָדער מ'וואַרפט אויף זיינע פיס-טריט אַ הייפעל זאַלץ; דערביי וואַשט מען דעם קינד אויס דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער.

יעדע אומגעריכטע פערשלאָפונג (היץ, קאָפּ-וועהטאָג, ברע-

כּעניש, צו אָפּט גּעניצען, טלעפעריגקייט וכדומה) שרייבּט מען קודם כּל צו אַנ'עין-הרע.

פון אַנ'עין-הרע איז די איינציגע סגולה-אָ ב ש פּ ר ע כ ע ן. טיילמאָל, איידער מ'געהט אָבּשפּרעכען אַנ'עי-הרע, נוצט מען אַזאַ מין מיטעל: מ'לעגט דעם קראַנקען צוקאָפּענס אַ מעסער. אויבּ דער קלינג פון דעם מעסער ווערט שוואַרץ, איז דאָס אַ סימן, אַז די קראַנקהייט איז פון אַנ'עין-הרע. דאַן שניידט מען מיט דעם מעסער אָבּ אַ לוסטע בּרויט פון אַ נישט-אָנגעהויבּענעם לאַבּן, מ'שניידט אָבּ בּיים קראַנקען עטליכע נעגעל פון די פיס און פון די הענד, מ'לעגט זיי אַריין אין דעם בּרויט און מ'גיט עס צו עסען אַ הונט (אָדער אַ צויג—ס'ווענדט זיך, צי דער חולה איז אַ זכר אָדער אַ נקבה). מ'מאַכט עס דריי מאָל אין משך פון דריי טעג.

פאַרהאַן מומחהס אויף אָבּצושפּרעכען אַנ'עין-הרע. זיי האַלטען בּס"ד-סודות דעם נוסח פון דעם שפּרוך, גיבּען איהם איבּער נאָר די יורשים אָדער די געטרייסטע תלמידים. היטער פון די דאָזיגע פערהויל'ענע שפּרוכען זענען געוועהנליך מאַנס-פערשוינען, דאָס רוב גאָטספאָרכטיגע לייט, יודעי ספר, וואָס האָבּען אַ מגע-ומשא מיט'ן המון-עם: מלמדים, בּטלנים, ישיבה-בּחורים, טיילמאָל אפילו דיינים, זעלטען-ווען רבּנים.

דאָס אָבּשפּרעכעניש העלפט צום בּעסטען, ווען דאָס ווערט געמאַכט אין דער געגענוואַרט פון דעם חולה; דאַן לעגט דער שפּרעכער דעם קראַנקען די האַנד אויפ'ן קאָפּ אָדער אויפ'ן שטערען, זאָגט בּלחש דעם שפּרוך, נאָכ'ן אָבּזאָגען שפּייט ער דריי מאָל אויס אין אַ זייט און זאָגט צו דעם חולה: „צ ו ר פ ו א ה!" אויבּ אָבּער עס ווערט אָבּגעשפּראָכען דעם חולה אונטער די אויגען, בּרענגט מען אַ וועלכען עס איז חפץ אָדער אַ בּגד פון דעם קראַנקען (אַ יאַרמולקע, אַ טיכעל, אַ קינדער-העמדעל) און דער שפּרעכער האַלט עס בּיים אָבּשפּרעכען אין דער האַנד; דערנאָך לעגט מען דעם דאָזיגען חפץ אָדער בּגד דעם קראַנקען צוקאָפּענס. דערבּיי רויכערט מען טיילמאָל דעם

קראַנקען אַרום מיט וויירעך אָדער מיט אַן'אָנגעצונדענעם שטיקעל פון אַ וואָלענעם שטאָף.

נוסחאות פון שפּרוכען געגען אַן'עין-הרע איז דאָ זעהר פיל. אין אונטערשיד פון די שפּרוכען געגען אַנדערע קראַנקהייטען, ווערען זיי דאָס רוב געזאָגט אויף לשון-הקודש און האָבען אַ בעשטימטען אינהאַלט. גרעסטענטיילס ווערט דערמאָהנט, אַז דער חולה שטאַמט פון שבט יוסף, וועלכער „האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַן'עין-הרע". דער מקור פון דער דאָזיגער אָנווייזונג איז אָט די מימרא פון דער גמרא: „אַז מ'האָט מתרה געווען ר' יוחנן געגען דער סכנה פון אַן'עין-הרע, האָט ער געענטפערט: איך שטאַם פון די בני יוסף, וועלכע האָבען נישט מורא פאַר אַן'עין-הרע" (ברכות דף כ'). אַלס סגולה צו אַן'עין-הרע ווערט אין דער אגדתא אָנגעוויזען: „מ'דאַרף מיט דער לינקער האַנד אָננעהמען דעם אגודל פון דער רעכטער האַנד, און מיט דער רעכטער האַנד דעם אגודל פון דער לינקער און זאָגען: איך קום אַרויס פון די בני יוסף, וואָס איבער זיי איז קיין בייז אויג נישט שולט". (דאָרטען נ"ה).

פאַר דעם פערשפּרייטסטען נוסח פון אַ שפּרוך אין ליטוויש-רייסישען קאַנט, קאָן מען, דאַכט מיר, אָננעהמען דעם נוסח, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ש ל ש נ ש י ם". דעם דאָזיגען נוסח האָב איך פערשריבען העכער דרייסיג יאָהר צוריק אין וויטעבסק, און אין יאָהר 1907, ביים זאַמלען עטנאָגראַפישען מאַטעריאַל, האָב איך פון דריי פערשידענע ערטער (וויטעבסק, ווילנא, שטעדטיל בעשענקאָוויטש) בעקומען דעם זעלביגען נוסח מיט געוויסע וואַריאַציעס; איינער פון די פיער נוסחאות איז אין אַ געוויסער מאָס אַן'איבערזעצונג פון לשון-הקודש אויף יודיש.

מיר ברענגען דאָ אַלע פיער וואַריאַנטען:

## א

שלש נשים עומדות על שן סלע אחת אומרת חולה ואחת

אומרת אינו. פב"פ*) אם עשה איש דבר יפולו שניו ושערות זקנו, ואם אשה עשתה לו שום דבר יפלו שיניה ודדיה. ים אין לו דרך. דג ונמלה אין בהם כליות, כן לא יהי' שום עין הרע וחולשה ממש לפב"פ כי מזרען דיוסף קאתי. בן פורת יוסף. בן פורת עלי עין. בנות צעדו עלי שור. אז ישיר ישראל את השירה הזאת. עלי באר ענו לה באר חפורה שרים כרוה נדיבי עם במחוקק במשענותם. וממדבר מתנה, וממתנה נחליאל, ומנחליאל במות, ומבמות הגאי. כשם שנתרפא חזקיהו מלך יהודה ממחליאיו כן יתרפא פב"פ בשם א"ג"ל"א. א"ס.

(מיטגעטיילט פון י. אזרחא, וועלכער האָט פופציג יאָהר פראַקטיקירט אָבשפּרעכעניש אין וויטעבסק).

## ב

שלש נשים עומדות על שן סלע. אחת אומרת חולה ואחת אומרת אינה חולה ואחת אומרת חולה ואינה חולה ולא יהי' חולה, אם אדם זכר עשה לך שום רעה יפלו שערות ראשו וזקנו, ואם אשה נקבה אשתה לך שום רעה יפלו לה שניה ודדיה. כשם שהמין אין להם דרך ודם (דגים?) ונמלה אין להם כליות כך לא יהי' לפב"פ שום רעה וצער ונזק ועין הרע לא ישלוט בו. כדכתיב בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר ענו לה. באר חפרוה שרים כרוה נדיבי עם במחוקק במשענותם. ממדבר מתנה. וממתנה נחליאל, ומנחליאל במות ומבמות הגאי אשר בשדי מואש ראש הפסקה ונשקפה, על פני הישימון. וכשם שתתרפא לחזקיהו מלך יהודה מחליו כך תתרפא לפב"פ מחליתו בכח ד' היוצא מר"ת א"ג"ל"א נוטרקון אתה גבור לעולם אד'. אמן סלה (ועד כן יאמר שלש פעמים).

---

*) פלוני בן פלוני; דערביי ווערט אלעמאָל אָנגערופען דער נאָמען פון דער מ א מ ע ן, ניט פון דעם ט א ט ע ן (דער זוהן אָדער די טאָכטער פון דער און דער).

(פערשריבּען י. פּ. ג. פון די ווערטער פון אַן׳אַלטען מאַן, ווילנא).

ג

שלש נשים יושבות על שן סלע. אחת אומרת חולה אני ואחת אומרת איני חולה ואחת אומרת איני חולה ולא יהיה חולה. כשם שאין לים דרך ולדגים אין בהם בליעה, כך לא יהיה לפב״פ ממש שום עין הרע, בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין, בנות צעדו עלי שיר וימררוהו ירבו וישטמהו בעלי חצים, ותשב באיתן קשתו ויפוז זרעי ידיו מידי אביר יעקב משם רעה אבן ישראל, אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר ענו לה, באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי העם במחוקק במשענתתם, וממדבר מתנה, וממתנה נחליאל ומנחליאל במות ומבמות הגאי אשר בשדי מואב ראש הפסגה ונשקפה על פני הישימן. כשם שנת חזק ונתרפה מלך יהודה מחזקיהו מחליו התחזק והתרפא פב״פ משום עין הרע בשם ע״ג״ל״ה, (א״ג״ל״א?)

(בּעשענקאָוויטשי וויטעבסקער גוב.)

ד

טפוי, טפוי, טפוי! (פּב״פּ) האָט אַן׳עין-הרע צו פעהלען, (פּב״פּ) האָט אַן׳עין-הרע צו פעהלען, (פּב״פּ) האָט אַן׳עין-הרע געפעהלט.—דריי ווייבּער זיצען אויף אַ שטיין, איינע זאָגט: (פּב״פּ) האָט אַן׳עין-הרע. די צווייטע זאָגט: ניין. אַ דריטע זאָגט: פון וואַנען זי איז געקומען, אַהין זאָל זי אַוועקגעהן.— אויף אַלע פוסטע פעלדער, אויף אַלע וויסטע וועלדער, וואו קיין מענשען געהען נישט, וואו קיין פיס טרעטען נישט, וואו קיין ברויט וואַקסט נישט, וואו ווילדע חיות פיהרען זיך.— דאָרטען זאָל זי פערבּלייבּען און (פּב״פּ) אָבּטרעטען און (פּב״פּ)ס רוה נישט שטערען. אין אַ גוטער מזל׳דיגער שעה האָבען מיר דיר אָבּגעשפּראָכען. *(געגעצט)* האַ-אַ!... האַ-אַ!... האַ-אַ!...

מיטגעטיילט פון אַ זקנה, וועלכע פּראַקטיקירט אַליין דעם ראָזיגען שפּרוך, שטעדטיל בעשענקאָוויטש.)

די וואַריאַנטען פון די אויבען געבראַכטע לשון-קודש'דיגע פאָרמולען (א, ב, ג) האָבען אלס אַריינפיהר דעם פאָלגענדיגען וואַריאַאירטען נוסח: „דריי ווייבער שטעהען (אָדער זיצען) אויף אַ פעלז. איינע זאָגט: ער איז קראַנק (זי איז קראַנק); די צווייטע זאָגט: ניין; די דריטע זאָגט: ניין, אָדער — ער איז קראַנק און נישט קראַנק. אויב אַ מאַנספּערשוין האָט דיר געטהון די (אַ) רעה, זאָלען ביי איהם אַרויספאַלען די צייהן און די האָהר; אויב אַנ'אשה — זאָלען אַרויספאַלען די צייהן און די בריסט. אַזוי ווי אַ ים האָט נישט קיין וועג, אַ פיש און אַ מילב האָט נישט קיין נירן — אַזוי זאָל ביי פב"פ נישט זיין קיין עין-הרע, קיין חולשה. וואָרים פון די בני-יוסף קומט ער (זי) אַרויס". ווייטער ווערט געבראַכט פון חומש די ברכה אויף יוסף'ן (בראשית מ"ט, כ"ב), דאָס געזאַנג פון ברונעם (במדבר, כ"א). צום סוף ווערט געזאָגט: אַזוי חזקיהו מלך יהודה איז געהיילט געוואָרען פון זיין קראַנקהייט, אַזוי זאָל אויך פב"פ אויסגעהיילט ווערען מיט דעם כח פון גאָט, וואָס געהט אַרויס פון די ראשי תיבות א"ג"ל"א (אתה גבור לעולם אדני!), אָמן סלה (דריי מאָל).

שטאַרק ווייכט פון דער דאָזיגער פאָרמול אָב דער נוסח אין דער יודישער שפּראַך, וועלכער ווערט, משמעות, אָפטער געשפּראָכען פון ווייבער.

מ'ר ברענגען דאָ נאָך איין נוסח פון אָבשפּרעכען געגען אַנ'עין-הרע, אויף העברעאיש-ארמות:

משביע אני אתכם עינא בישא, עינא אוכמא. עינא ירקא. עינא קצרה. עינא רחבה. עינא ישרה, עינא עקומה, עינא עגולה, עינא שוקעת, אינא בולטת, עינא ריוחת, עינא דדיכרא, עינא דניקבא. עינא דבתילה, עינא דאלמנה, עינא דבעולה, עינא דאשה, עין דוקן, כל מיני עינא בישא שיש בעולם הן דיהודאי להבדל והן דארמזאי שראתה והביטה בעין הרע, בכח איש הטבע, גזרנא ואשתבענה עליך עינא בישא, בהאי עינא

עילאה, עינא חדה, עינא אוכמא, עינא רחמי עינא דאיהו רחמי גויי רחמי, עינא דלא נאים עינא דכל עיין בישין משתמרין ומטמרין, עינא דנטיר לישראל לעלמין כדכתיב עין ה׳ אל יריאיו... בהאי עינא עילאה, עינא פקיחא, גזרנא ואשתבענא עליך עינא בישא, שתסורון ותתרחקין ותבריחין מין הדין ביתא ומין הדין מחיזא ומין הדין פב״פ ולא יהיה בהם שום כח לשלוט בפב״פ לא ביום ולא בלילה ולא בין יום ולא בין לילה ולאָ בין לילה ולא בין יום, לא בהקיץ ולא בחלום בשום אבר מ״רמ״ח ושס״ה גידיו יהי׳ שמור ונצור יסגור ינטר ונמלט ונשקט מכל עינא בישא כדכתיב אתה סתר לי וכ׳ (ג׳ פעמים).

(מיטגעטיילט פון י. אזרחא, וויטעבסק).

אָט איז אַנ׳אַלגעמיינער נוסח פון אַ שפּרוך געגען אַני-עין-הרע אָדער אַ „בייזער לופט” אויף יודיש:

„מיט די הילף פאָן אַלמעכטיגען גאָט, דער וואָס היילט אַלע קראַנקע, דער זאָל אָפּטהון פון דיר אַלע ווייטאָג און קראַנקהייט און באַגעגעניש, וואָס דיר איז אָנגעקומען, עס זיי פון בייזען לופט דאָס וואָס איז געוואָרען אויף דיר געשיקט, אָדער פון איין מענשען בייזען אָנבליקעס, סיי פון איין מאַן אָדער פון אַ פרוי, סיי פון אַלט אָדער פון יונג, זאָל דיר נישט שאַדען אין דיין לייב און לעבען, נישט אין דיין האַרץ, אויך נישט אין דיין לונג.

„דען אליהו הנביא האָט באַגעגענט דעם מלאך אשט״ריכו, דאָ שפּראָך אליהו הנביא צו דעם מלאך: „וואו אַהין ווילסטו געהן?” דאָ זאָגט ער: „איך וויל געהן ביי דעם פב״פ, איך וויל זיצען צו זיין צוקאָפּענס און אויך אין זיינע אָדערן און אין אַלע זיינע גלידערן, איך וועל עסען זיין פלייש און וועל טרינקען זיין בלוט”. דאָ שפּרעכט אליהו הנביא צו עם: „אַזוי וואויל דו האָסט קיין רשות אויסצוטרינקען גאָר די וואַסער אויס דעם מער, אַזוי זאָלסט דו ניט האָבען קיין רשות צו שעדיגען איהם אין זיין לייב, נאָך אפילו אין איינציגען פון זיינע גלידער. אויב איינער האָט עם געגעבען עין-הרע, זאָל עם נישט שאַטען, אויך ניט בייטאָג און ביינאַכט—זאָל דיך

השם יתברך הײלען און אין די שטונדע זאָלסטו װערען גע-
זונד און פריש, אָמן סלה".

(מיטגעטײלט פון דעם זעלבען)

II

## פערײדונגען פון קראַנקהײטען און סיבות.

מ'קאָן אומגעפעהר פעסטשטעלען, אַז אַלע קראַנקהײטען, װאָס האָבען אַ שאַרפען כאַראַקטער און װאָס זײערע אורזאַכען זענען נישט אַזױ בעשײנפערליך פאַר אַנ'אײנפאַכען מענשען, װערען צוגעשריבען דער װירקונג פון אַ כישוף אָדער בכלל פון נישט-גוטע, און געגען זײ איז אַ סגולה—פעררעדען. דאָס װערט אויך אָנגעװענדט צו קראַנקהײטען פון אומגליקספאַלען, פון אַ ביס פון אַ שלאַנג, אַ משוגע'נעם הונט אָדער אַ װאָלף. אָבער די פעררעדענישען פון אַזעלכע קראַנקהײטען זענען קנאַפ װאָס עהנליך אויף אָבשפרעכען אַנ'עין-הרע. בשעת װען אָב-שפרעכען אַנ'עין-הרע געהערט צו דעם געביט פון אַ רעליגיע-זען אַקט, און דער נוסח פון דער אָבשפרעכעניש איז אָנגענו-מען װי אַ מין תפילה,—האָבען די פעררעדונגען פון אַנדערע קראַנקהײטען אַ כאַראַקטער, װאָס איז שוין נעהנטער צו זנאַ-כערײ אָדער כישוף. מיט אַזעלכע פרעפּלענישען פערנעהמען זיך געװעהנליך אַלטע פרויען (יודענעס אָדער גויעס), אָפטמאָל—טאָטערן. צװישען די פעררעדונגען, װאָס יודען נוצען, טרעפט מען אויך אַזעלכע, װאָס זענען פערפאַסט אין רוסיש אָדער אין אַ געמישטען רוסיש-יודיש. דאָס רוב װערען די דאָזיגע פער-רעדונגען בעגלײט דורך אַ קוראַציע פון אַ זנאַכער מיט דער הילף פון פערשידענע קרײטעכצער. אויף װיפיל אונז איז בע-װאוסט, װערט דאָס פעררעדען פראַקטיקירט געגען אָט די קראַנקהײטען און סבות: בלוט-שטורץ, האַלז-װעהטאָג (Завалка), רויז, צאָהן-װעהטאָג, אַ לונק, אַ געשװיר („волосъ"), אַ

„גערשט" אויפ׳ן אויג, אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט, וואָלף, שלאַנג א. אַנד.

געגען בלוטשטורץ (פון נאָז) ווערט געניצט אַזאַ סגולה: מ׳נעהמט אַן אַלטע קופּערנע מטבע, מ׳לעגט זי אַוועק אויף דעם נאַזוואָרצל, אויפהייבענדיג די הענט אין דער הויך און פעסט צונויפבינדענדיג צוויי פינגער, (עס ווערט אויך רעקאָמענדירט דעם קראַנקען איבערצושרעקען אָדער אָבצוגיסען איהם פון הינטען מיט קאַלט וואַסער). דערביי זאָגט מען אָט דעם שפּרוך:

אדם נטע גן, משה קרע את הים ויבקעהו א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ זיין׳ חית׳ ט׳ יוד׳. דו שטרום בלוט איך בעשווער דיך אז דו זאָלסט זיין שטיל, אַזוי ווי יהושע האָט באַשוואָרען די זון מיט דער לבנה אז זיי זאָלען זיין שטיל אַזוי זאָלסטו אויך זיין שטיל א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ זיין׳ חית׳ ט׳ יוד׳.

מיטגעטיילט י. פ. ג. ווילנע.

## שפּרוך געגען צאָהנווייטאָג (אויף ווייס־רוסיש):

Маладзик чы був ты на тым свету? — Був. — Чы видау ты там мертвых? — Видал, — Чы болиц у мертвык зубы? — Нет, не болить. — Якъ у мертвых зубы не болит такъ чтобы не болили зубы у векъ вечни*) (פלוני אל) (פערשריבען אין שטעדטעל יאַנאָוויטש, וויטעבסקער גוב.)

## אַ שפּרוך געגען אַ לונק:

Ѣхав царь Давид по мосту, спотнкнуусья извихну лися, кр(ровь?) в куци, цели (тѣло?) в куци, кости в куци**).

(מיטגעטיילט י. פ. ג., ווילנע).

---

*) ווערט געפּרעפּעלט דריי מאָל איבער בראַנפען,

**) צורוקען דאָס מויל צו דעם אויסגעלונקענעם אָרט, איבערזאָגען דריי מאָל.

אַ שפרוך געגען אַ ביס פון אַ שלאַנג:

Іака матаха палаяха (sic) выцягници вы змеив загали, аколи вы не выцягнице Богу и ук цару Давиду, и выпрашу огновую тучу и выпалю вас всѣх***

(שטעדטל יצנאָוויטש).

געגען אַ ביס פון אַ משוגענער הונט.

מ׳שרייבט אויף ברויט די דאָזיגע מיסטעריעזע ווערטער.

Арон ли Арон, вѣризе, беризе, делеф, давир

און מ׳גיט דאָס ברויט אויפעסען דעם געביסענעם.

אַ שפרוך געגען חיות־רעות, זיי זאָלען ניט מזיק זיין ביינאַכט די בהמות אין פעלד. מ׳שטעלט זיך אינמיטען פעלד און מ׳זאָגט:

Я вѣрю: губы, зубы, ноги усим воуками и вучуцами (волчицами), и даю вамъ ишлую колоду и тая колода вам обед и полудень и вечерю и присягаю?) васъ, кабы вы не имели до мои скотины, коровы, кони, овци, свини и якъ моря крепко так моя присяга крепка была"

צום סוף ברענגען מיר צוויי שפרוכען „געגען אַלט קראַנקהייטען".

I. בשם אלהי ישראל.

שיק מיר דיין מלאך רפאל דאָס ער זאָל היילען דעם חולה פלוני בן פלוני פון אַלע זיינע קראַנקהייטען און וויטאָג

***) פרעפלען אויף וואסער און געבען טרינקען דעם געביסענעם אינדערפרי און אין אָוונד. (פרעפלען דריי מאָל).

עס זיי וואָס פאַר אַ קראַנקהייט עס איז דאָ, בעשווער איך ביי דעם אַלמעכטיגען גאָט יתברך שמו און ביי אַלע זיינע געבאָט ביי דער זון און די לבנה.

און ביי די מלאכים די דאָ וואוינען אין הימעל ביי אונזערן הער גאָט, און ביי די שטערן, וואָס זענען אין הימעל.

און ביי ניין דורות און ניין ספרי-תורות און ביי די צעהן געבאָט און די צעהן אופנים, דאָס די חולשה זאָל זיך שיידען פון דעם חולה פב״פ, עס סיי עס איז איהם אין הויז אָנגעקומען אָדער אין וועג האָט איהם דער ווינט אין די אויגען געוועהעט, האָט עס איהם דער רעגען אָנגעשפּריית, האָט עס דער האָהן אָנגעקרייט, האָט עס די שידית געטהון. איז עס איהם אין וועג אָנגעקומען אָדער אין שטעג, אָדער אין שטוב, ווי עס איז איהם אָנגעקומען אויף דעם אַלץ הייל איהם דו אַלמעכטיגער גאָט אויף דיזער שטונדע,

II. בזכות אונזערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב ובזכות משה ואהרן דוד ושלמה ובזכות האמהות שרה רבקה רחל ולאה השם י״ת זאָל שיקען איין רפואה שלימה להחולה פב״פ אויף דיזער שטונדע. דאָס זיי וואָהר דעם הייליגען נאָמען אמן סלה. י״ה בימינו וברוך בשמאלו. אלהים מלפניו ואדיר מאחריו וה׳ על ראשו. עשה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל אמן סלה.

(י. אזרחא, וויטעבסק.)

# וועגען דעם יודישען פאלקסליד

די פּאָעטישע שאַפונג פון דער יודישער פאָלקס-מאַסע איז אַ סך פערשידענאַרטיגער, ווי מ׳קאָן מיינען לויט די ביז אַהער צוגויפגעזאַמעלטע, לפי-ערך וועניגע מוסטערן איהרע. אין דעם פאָלקס-ליד האָבען זיך אָפּטמאָל אָבגעשפּיגעלט די אַלע זייטען פון דעם יודישען לעבען, וועלכע האָבען געפונען אַ שוואַכען אויסדרוק אין דער ליטעראַטור—דעם פּראָדוקט פון אינטעליגענטישע שטימונגען. דאָס פאָלקס-ליד האָט אויף זיין שטייגער זיך אָבגערופען נישט נאָר אויף פּערזענליכע איבערלעבונגען, נאָר אויך אויף געוויסע געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען. אפילו אין יענע תקופות, ווען די יודישע מאַסע איז געווען ווייט פון אַקטיווען אָנטייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט די פאָלקס-מוזע פיין אָבגעקלונגען אויף אַלע וויכטיקערע ערשיינונגען און געשעהענישען פון געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, אָבגעקלונגען דאָ מיט אַ תמימות׳דיגער התפעלות, דאָ מיט אַ טרויעריגער עלעגיע, און דאָס רוב מיט אַ ביטערן געשפּעט. נאָך מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק, ווען די פאָלקס-מאַסע איז נאָך נישט געווען אַריינגעצויגען אין דעם קעסעלשטראָם פון די אידעאישע בעוועגונגען, וועלכע האָבען אויפגערודערט די אינטעליגענטע שפּיצען פון יודענטום,—האָט זי דורשטיג איינגעזאַפּט די גראַמען און לידער פון אונזערע בדחנים, פון די

דאָזיגע אייגענאַרטיגע מינענזינגערס, וועלכע האָבען אויף זייער שטייגער פּאָפּולאַריזירט די נייעסטע אידעאישע שטרעמונגען, אַראָבגעריסען די מאַסקע פון די צבועק׳עס, גע׳מוסר׳ט די וואָ־כערער, אויסגעלאַכט די גוטע יודען די בעלי מופתים. אָהן אַ שיעור לידער פון דעם פּאָפּולערסטען בדחן, אליקום צונזער, ווי אויך פון אַנדערע משוררים (גאָלדפאַדען א. אַנד.) זענען אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען געזונגען געוואָרען און ווע־רען נאָך עד היום געזונגען אין דער יודישער מאַסע.

זינט דעם אָנהויב פון די 80גער יאָהרען פון דאָזיגען יאָהרהונדערט, ווען די אידעאישע יוירונג האָט אָנגעהויבען דורכצודרינגען אויך אין דעם המון־עם, איז אויפגעקומען דאָס נייע פאָלקס־ליד, וואָס איז געווען זעהר ווייט פון דעם אַלטען סיי אין פאָרם סיי אין אינהאַלט. דאָס פאַרצייטיגע, דאָס רוב נאַאיוו־פּאָעטישע, צאַרטע און אומעטיגע ליד האָבען פערביטען פוילע און טאַלענטלאָזע גראַמען, וואָס דערמאָהנען די רוסישע לידלעך פון פאַבריק־אַרבייטער און לאָקייען. ענדליך האָט די לעצטע יאָהרען, אין דער עפּאָכע פון דער פרייהייטס־בעווע־גונג, זיך געוויזען באמת עפּעס נייעס: עס איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער ציקל רעוואָלוציאָנערע פּאָלקס־לידער.

אַזוי־אַרום צירקולירען איצט אין דער פּאָלקס־סביבה לי־דער פון פערשידענע תקופות, פאַרשידענעם כאַראַקטער און פעו׳שידענעם קינסטלערישען ווערט. צוגלייך מיט אַזעלכע עכט־פּאָעטישע, אין זייער פשטות בע׳חנ׳טע לידער, ווי

קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדען טהיר,—
זיסער לעבען, עפען מ—

אָדער

געפלויגען, געפלויגען אַ גילדערנע פּאַווע
איבער׳ן ים

א. אַז. וו., קאָנען מיר איצט הערען גראָבע און טאַלענטלאָזע לידלעך, ווי אַ שטייגער:

איהר מעגט דאָך אַלע הערען,
וואָס איצטיגע מיידלעך בעגעהרען:

יוראַטקענע קליידלעך מיט שמאָלע פאסען,
סאַמעטענע באַציקעס מיט גומענע קאַלאָשען.

צוגלייך מיט די אַלטע, אָריגינעלע חסיד׳ישע לידער, ווערט אויך געזונגען דאָס וואולגאַרישע אַנטי-חסיד׳ישע ליד, ווי אַ שטייגער:

דער רבי פאָהרט, דער רבי פאָהרט,
דער רבי אי׳ שוין געקומען.
טרינקט׳ן בראָנפען אַפן קוואָרט,
דאָס אי׳ דער בעסטער סימן.

צוגלייך מיט די אַלטע לידער, וואו מ׳האָט זיך געהיט פון יעדען חשש אויף פּאָליטיק, האָט די יודישע גאַס איצט אָנגענומען הונדערטער רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע לי-דער. לסוף האָט זיך אויך שטאַרק געביטען דער לשון פון דעם פאָלקס-ליד, אָנשטאָט דער אַלטער שפּראַך, וואָס איז געווען אַזוי רייך מיט צערטעל-פאָרמען און כאַראַקטעריסטישע אויס-דרוקען, ווי אַ שטייגער: אַמאָל איז געווען אַ מעשה׳לע אַזוי און אַזוי; היי, היי, העמערל; ווילד אויס ווילד איין; וואַשן האַלבערוייס; פליטערגאָלד א. אַז. וו, זענען די נייסטע שוין פול מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „רעוואָלוער", „מאַמזעל" „דו-שענקע", „מאָנאָפּאָלקע", „פּראַק" אַ. אַז. וו. און מיט אַזעלכע רוסיציזמען, ווי:

שען איז זי ווי אַ קאַלינע,
זיס איז זי ווי אַ מאַלינע.

---

די ערשטע און דערוויל נאָך די איינציגע „זאַמלונג פון יודישע פאָלקס-לידער", צונויפגעשטעלט פון שאול גינזבורג און פרץ מארעק, האָט געשאַפען אַנ׳עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יודישען פאָלקלאָר. ביז דער ערשיינונג פון דער דאָזיגער זאַמ-לונג איז לא די וואָס מ׳האָט ביי אונז נישט געמאַכט קיין פּרו-בען סיסטעמאַטיש צו זאַמלען די פאָלקס-לידער, האָט מען נאָך אפילו אָפּגעפרעגט די עצם מציאות פון די דאָזיגע לידער.

„לידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט אויף שמחות,—האָט אין די 60גער יאָהרען געשריבען אַ יוד אַנ'עטנאָגראַף,—איז ביי יודען נישטאָ, ביי זייער גאַנצער נייגונג צום זינגען ... פאַרהאַן נאָר סינאַגאָגאַלע ניגונים, וואָס זענען באַקאַנט כמעט יעדען יודען"*). און אָט די מיינונג האָט פולשטענדיג געשטימט מיט דער בעציהונג פון דער יודישער אינטעליגענץ, סיי דער אָרטאָדאָקסישער, סיי דער אַסימילאַטאָרישער, צו דער פאָלקס-שפראַך. מ'האָט גאָר נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז אויף „זשאַרגאָן". אויף דער „שפראַך פון מאַרק און קיך", וואָס מ'האָט פאַר איהם אפילו נישט אָנערקענט דאָס רעכט צו הייסען שפראַך, זאָל קאָנען עקזיסטירען אַ וועלכע-עס-איז פאָעזיע. די זאַמלונג פון גינזבורג און מאַרעק האָט ענטדעקט די מציאות נישט נאָר פון דעם יודישען פאָלקס-ליד, נאָר פון אַ פולקומער, הויךענטוויקעלטער פאָלקס-פאָעזיע, וועלכע קאָן פערנעהמען אַנ'אָרט אין דער רייה פון דער פאָעטישער פאָלקס-שאַפונג פון אַנדערע קולטורעלע פעלקער.

צוגלייך מיט דער היסטאָרישער בעדייטונג פון דער „זאַמלונג", האָט אויך אַ גרויסען ווערט דער מאַטעריאַל, וואָס איז דאָרט פערעפענטליכט (אַרום 400 לידער וואָס געהערען צו פערשידענע אָבטיילונגען: רעליגיעז-נאַציאָנאַלע און יום-טוב'דיגע, היסטאָרישע און לעבענסשטייגערישע, ליבע-, חתונה- און פאַמיליען-לידער, קינדער- און וויג-לידער). מ'דאַרף אָבער בעמערקען, אַז דער דאָזיגער ווערט ווערט געמינערט אַ ביסעל דערפון, וואָס דעם מאַטעריאַל האָבען די זאַמלער בעקומען נישט דירעקט פון דעם פאָלקס-מויל, נאָר פון דער צווייטער האַנד, דאָס רוב—פון צופעליגע זאַמלער, פון מענשען מיט אַ פערשידענער ווינסענשאַפטליכער צוגרייטונג, וועלכע האָבען, ווייזט

*) מ. בערלין, Очеркъ этнографіи еврейскаго народонаселенія въ Россіи Спб. 1861 ווערט ציטירט אין דער הקדמה צו גינזבורג—מאַרעקס זאַמלונג.

אויס, נישט תמיד געקאָנט איבערגעבען פינקטליך דעם אינהאַלט,
די פאָרם און די פאָנעטישע בעזונדערהייטען פון די לידער,
האָבען נישט נאָטירט, פון וועמען זיי האָבען די דאָזיגע לידער
געהערט, אין וועלכען מקום און אין וועלכער צייט. אָט דער
דאָזיגער צופעליגער כאַראַקטער פון דעם צונויפזאַמלען מאַ-
טעריאַל האָט אויך גורם געווען, וואָס די לידער זענען נישט
גלייכמעסיג דיספּאָנירט לויט די אָבטיילונגען. בשעת ווען מאַנ-
כע אָבטיילונגען,—אַ׳שטייגער—פון די נאַציאָנאַל-רעליגיעזע לי-
דער, ליבע-לידער, סאָלדאַטען-לידער א. אַנד.—זענען פאָרגע-
שטעלט מער-ווייניגער פערשידענאַרטיג, זענען די אַנדערע אָב-
טיילונגען אָבער רעפּרעזענטירט זייער אָרים, סך-הכל מיט עט-
ליכע מוסטערן (למשל, די היסטאָרישע אָבטיילונג, די רעליגיעזי-
עטישע) אָדער זענען לחלוטין נישט פערטרעטען (למשל, די
אָבטיילונג פון סאָציאַלע לידער).

אַז די מאָטיווען פון די בע׳עול׳טע אָבטיילונגען זענען
נישט פערעמד דעם פאָלקס-ליד, קאָן מען דרינגען אפילו פון
אַנדערע געביטען פאָלקס-שאַפונג (שפריכווערטער, רעדענסאַרטען,
לעגענדעס, מעשה׳לעך, משלים, וכדומה), אין וועלכע עס טרע-
טען בולט אַרויס אי סאָציאַלע מאָטיווען אי דידאַקטישע און
פערשידענע אַנדערע מאָטיווען. מ׳קאָן עס אויך דערווייזען אויף
אַ מעהר קאָנקרעטען אופן—מיט פאַקטען אויס דעם געביט פון
דער פאָלקס-לידערשאפונג גופא. איך האָב פערשריבען עטליכע
צעהנליג מעהר-ווייניגער אַלטע לידער, וואָס מיר איז אויסגעקו-
מען צו הערען קינדווייז און בהור׳ווייז, מיט אַ יאָהר דרייסיג-
פערציג צוריק בלויז אין איין שטאָדט (וויטעבסק), און אפשר
טאַקע—בלויז אין איין פאַמיליע מיינער,—און צווישען די דאָ-
זיגע לידער זענען פאַרהאַן גאַנץ בולט׳ע מוסטערן פון די אָב-
טיילונגען, וואָס זענען אין דער „זאַמלונג" פערפעהלט אָדער
אָרעם פאָרגעשטעלט. לעגט זיך דען נישט אויף דער סברא,
אויפ׳ן גרונד דערפון אָ צו דרינגען, אַז צווישען די פאָלקס-
מאַסען צירקולירען אַהן אַ שיעור לידער פון דער זעלביגער
קאַטעגאָריע?

אין דער „זאַמלונג“ איז נישטאָ קיין בעזונדערע אָפּטיילונג „אַלטע לידער“. זיי זענען צעשפּרייט איבער אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען. דאָס רוב פון די דאָזיגע לידער, וואָס די צייט פון פערפאַסען זיי לאָזט זיך פעסטשטעלען נאָך זייער אינהאַלט (למשל, די רעקרוטענלידער), געהערען צו דעם מיטען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, צו דער רעגירונגס-צייט פון ניקאָלאַי I. בעשטימען די דאַטען פון די אַנדערע אַלטע לידער, וואָס דורך די זאַמלער זענען מעהרסטענטיילס אין זיי אָפּגעמעקט געוואָרען די פיינע אייגענטימליכקייטען פון דער שפּראַך, איז אַ גאַנץ שווער לייענען. אַלענפאַלס, צווישען די לעבענסשטייגערישע לידער איז גאָר אַלטע פאַראַן, משמעות, זעהר ווייניג. און דאָך איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אַז ביים פאָלק זאָלען זיך נישט האָבען אויפגעהיט כאָטש עטליכע צעהנדליג לידער פון XVIII און אפילו XVII יאָהרהונדערט.

איינער פון די בעליבטסטע מאָטיווען פון דעם אַלטען ליד ביי די אייראָפּעאישע פעלקער איז דאָס פערהערען זיך אין רעטענישען צווישען אַ בחור און אַ מיידעל. דער דאָזיגער מאָטיוו איז, ווייזט אויס, נישט פרעמד אויך דעם יודישען פאָלקס-ליד. אין דער „זאַמלונג“ געפינען מיר (אונטער'ן № 357) איין ליד אַזאַ, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

מיידעל לעבען, קרוין לעבען,

איך בין געקומען אַ רעטעניש פרעגען.

אין דעם דאָזיגען ליד פערגיט דער בחור דער מיידעל רעטענישען, וועלכע זי טרעפט, בעשענקענדיג דערביי דעם פרעגער מיט עפּיטעטען פון ביטול: „נאַרישער בחור“, „נאַרישער טראָפּ“. דאָס אייגענע ליד איז מיר אויסגעקומען צו הערען אין עטליכע וואַריאַנטען, אָבער מיט אנ'אַריינפיהרענדיגען פירפערז, וואָס דערקלערט בפועל-ממש דעם מיידעלס ביטול צו דעם בחור און ווייזט, אַז אָט דאָס ליד איז פערפאַסט צווישען ליטווישע יודען, וועלכע האָבען פון קדמונים אָן זיך פערהאַלטען מיט ביטול צו זייערע פוילישע ברידער. אָט איז דער דאָזיגער פירפערז:

א פוילישער בחור, פון פוילען געקומען,
פוילישע קליידער מיט זיך גענומען:
נאַקעט און באָרוועס איז ער געגאַנגען,
די שיך איבער די זאָקען (!) זענען געהאַנגען.

אָט איז נאָך אַ ליד, בלתי שום ספק, אַנ'אַלטס, פון דעם אייגענעם דיאַלאָגישען ציקל:

א' דער בחור נעהמט די מיידעל,
מיינט ער די וועלט אי' זיין.
—און דו זאָלסט מיר וואַסער שעפּען,
דער ים זאָל טרוקען זיין.
און דו זאָלסט מיר פיש כאַפּען
וויפיל אין ים אי' פראַן.
—אַז איך וועל דיר פיש כאַפּען
וויפיל אין ים אי' פראַן,
זאָלסטו מיר די פיש שאָבען,
די שאָלעכץ זאָל אינגאַנצען זיין.
—אַז איך 'על דיר די פיש שאָבען,
די שאָלעכץ זאָל אינגאַנצען זיין,
זאָלסטו מיר די פיש קאָכען,
ס'זאָל קיין פייער נישט זיין.
—אַז איך 'על דיר די פיש קאָכען,
ס'זאָל קיין פייער נישט זיין,
זאָלסטו מיר די פיש עסען,
זי זאָל אינגאַנצען זיין.
—אַז איך 'על דיר די פיש עסען,
זי זאָל אינגאַנצען זיין,
זאָלסטו מיר זיבען קינדער האָבען,
און אַ מיידעל זיין.

נאָך אַ ליד, וואָס איז נאָהנט צו דעם דאָזיגען ציקל (אויף פראַגען, וואָס עמיץ אַנ'אומבעקאַנטער פערגיט אַנ'עגונה, און איהרע תשובות), געפינען מיר אין דער זאַמלונג אונטער

די №№ 272—2. דאָס דאָזיגע ליד הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

עס האָט זיך געטראָגען אַזוי און אַזוי,
אַ מאַן האָט אָוועקגעוואָרפען אַ יונגע פרוי.

צווישען די לידער, וואָס איך האָב פערשריבען, געפינט זיך איינס, וואָס הויבט זיך אָן כמעט מיט דיזעלביגע צוויי פערזען, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדערן אינהאַלט (איבעריגענס—אַ גאַנץ אומקלאָרען):

אַמאָל אי געווען אַ מעשה׳לע
אַזוי און אַזוי—
האָט אַ מאַן אָוועקגעלאָזט
אַ יונגינקע פרוי.
איז ער געגאַנגען
ווילד אויס און ווילד איין,
איז ער געקומען
אין אַ שטעדטעלע אריין.
האָט ער דערזעהען
אַ יודישען מלך,
איז עם געוואָרען
אויפ׳ן הערצעלע פרעהליך.
איז עם געוואָרען
טאָשנע און שלעכט,
האָט ער זעך פערקויפט
פאַר אַנ׳אייביגען קנעכט.
איז ער געוואָרען זעהר פערנאַרט,
האָט מען איהם אָגעגעבען
די שליסעלעך צום האַנד.
איז ער געגאַנגען
איבער אַלע חדרים,—
האָט זעך פאַר עם אָגעעפענט
חומש און ספרים.

מיר ברענגען דאָ נאָך אַנ'אַלט ליד, אויס דעם ציקל חתונה-לידער, וועלכעס איז נישט אין דער זאַמלונג:

אין א-ק-ישראל אויפ'ן בארג
שטעהט דאָרט א שטיבעלע.
וואָס אי אין שטיבעלע?
—אַ טישעלע.
וואָס אי אויפ'ן טישעלע?
—אַ שיסעלע.
וואָס אי אין שיסעלע?
—א פישעלע.
ווי רופט'ן די פישעלע?
—לויתן.
געבענצט זאָל זיין כלה-חתן.
כלה און חתן זענען גוטע לייט,
שטעהען א פאָר מלאכים פון ביידע זייט:
איינער בענצט מיט א גוטער מערכה,
דער אַנדערער בענצט מיט אַ גוטער הצלחה.

---

זיך וועגדענדיג צו דער אָפּטיילונג רעליגיעז-נאַציאָנאַלע לידער, וואָס זענען פערפּעטליכט אין דער זאמלונג (ענטהאַלט איבער פערציג נומערן), אַ חוץ עטליכע לידער פון דעם אייגענעם מין, וועלכע זענען צעוואָרפען איבער די אַנדערע אָבטיילונגען,—בעמערקען מיר, אַז די אַלע פּראָדוקטען פון דער פאָלקס-מוזע געהערן בלויז צו איין ציקל רעליגיעזע לידער—צום ציקל ביבלישע און פון דער אגדתא: אין זיי ווערט געפּרייזט די תורה, די יודישע אמונה, די יום-טובים, ווערט געקלאָגט אויף דעם ביטערן גלות און עס הערט זיך אַ ריהרנדיגער רוף צו גאָט און צו די אבות וועגען צוריקקעהרען אין דעם הייליגען לאַנד אַריין. און צווישען אָט די אַלע צעהנדליגער לידער איז, דאַכט זיך, נישטאָ קיין איין רעליגיעז-דידאַקטיש ליד מיט אַ צומיש פון געוועהנליכען מוסר און

שטראָפרייד; נישטאָ אויך קיין איין מיסטיש ליד. עס וואָלט זיין זעהר מערקווירדיג, ווען ביי אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבען די נביאים און תמיד אַרויסגערוקט מוכיחים, מגידים, בעל-דרשה׳ס און מוסר-זאָגערס, זאָל נישט זיין קיין דידאַקטישע לידער. אָבער אַזעלכע לידער זענען באמת גאָר פאַרהאַן און ווערען געזונגען פון דעם גאָר פרומען טייל פאָלק. איך וועל דאָ ברענגען איינס פון די כאַראַקטעריסטישסטע און, דאַכט מיר, עלטסטע לידער פון אָט דעם מין:

אַמאָל האָבען געוואוינט צוויי צוויי ברידער, ברידער
איבער אַ טייך [אונטער איין דאַך]*'
איינער אי געווען אַרעם,
דער אַנדערער רייך [ראַך].
באַם רייכען אי געווען אַ מאָהלצייט
אף דעם גאַנצען לאַנד
[דער רייכער ט׳געמאַכט אַ סעודה
אף דער גאַנצער שטאָדט].
אי געקומען דער אָרעמאַן און זאָגט:
—ברודער דו מיין, ברודערל דו פיין,
גי׳ מיר אַ שטיקעלע לעקעך
מיט אַ ביסעלע וויין.
—ווי זאָל איך דיר געבען
לעקעך מיט וויין
אַ׳ פון דיר שטינקט דאַך
ווי פון אַ שוויין?
פיר תאָכען, שלושים אויס,—
טראָגט׳ן דעם אָרימאַן
פון שטאָדט אַרויס.
טראָגט׳ן עם פאַרביי

---

*) אין די קאַנטיגע קלאַמערן ווערט דאָ געבראַכט אַ וואַריאַנט פון פורי־לישער אָבשטאַמונג.

פאַרבײַ גיהנום׳ס־טהיר,
שטעהען דרײַ מלאכים
מאַכען צו די טהיר.
ואז ער אי׳ געקומען
צום גיהנום־טויער,
פאַלען צו די ריגעלעך,
שליסט־זעך צו דאָס טויער].
טראָגט׳ן עם פאַרבײַ
פאַרבײַ גן־עדן טהיר,
שטעהען דרײַ מלאכים,
עפענען אָף די טהיר.
בעט׳ן עם אויבענאָן,
זעצט׳ן עם אָף אַ שטול
אין גאָלד און זילבער אָנגעטון.
פיר װאָכען, שלושים אויס
פירט׳ן דעם נגיד
פון שטאָדט ארויס.
פירט׳ן עם פאַרבײַ
פאַרבײַ גן־עדן־טהיר,
שטעהען דרײַ מלאכים,
מאַכען צו די טהיר.
[אז ער אי׳ געקומען
צום גן־עדן־טויער,
פאַלען־צו די ריגעלעך,
שליסט־זעך צו דאָס טויער].
פירט׳ן עם פאַרבײַ
פאַרבײַ גיהנום־טהיר,
שטעהען דרײַ מלאכים,
עפנען אָף די טהיר.
[— ברוך (!) הבא,
דער רשע אי׳ דאָ!]
בעטען עם אויבענאָן,

זעצט'ן עם אַף אַ שטוהל,
אין פּעך און שוועבעל אַנגעטהון!
—ברודערל דו מיין, ברודערל דו פיין,
נעהם מיך פאַר אַ בענקעלע
אונטער די פיס.
—ווי זאָל איך דיך נעהמען
פאַר אַ בענקעלע אונטער די פיס,
אַ' פון מיר שטינקט דאָך
אַזוי פון אַ שוויין?

צו דער דאָזיגער אָבטיילונג געהערט אויך אַנ'אַנדער ליד אויף אַ פּאָפּולערען אַלטען מאָטיוו: „דער ויכוח מיט דעם טויט”—אַ פינסטער און אַנ'אומהיימלעך ליד לויט זיין קבר־טאָן:

שטעהט שרה'נקע לעבען שפּיגעל
און זאָגט:
—אי' בין שען או' מיין טאַטע אי' רייך,
ווער אי נאָך צו מיר גלייך!
דאָ קומט אַנ'אַלטער, אַ גרייזער מאַן
און זאָגט:
—אי' בין צו דיר גלייך,
דו מוזט מיט מיר געהן.
—מיין טאַטע או' מאַמע
האָבען מיך זעהר האָלט,
זיי 'עלן פאַר מיר ניט זאַלעווען
טונען מיט גאָלד.
—טונען מיט גאָלד
מוזען בלייבען שטעהן,
און שרה'נקע, די שענע פיינע מיידעלע,
מוז דאָך מיט מיר געהן.
—מיין טאַטע או' מאַמע
האָבען מיך זעהר ליב,
זיי על'ן פאַר מיר אַוועקגעבען

אַ קינד פֿון וויג.
— דאָס קינד אין וויג
ס׳ בלייבן אי דער היים,
און שרהנקע, די שיינע-פֿיינע מיידעלע
מוז דאָך מיט מיר גיין.

אין דער „זאַמלונג" איז פֿאַרהאַן אַ גאַנצער ציקל זעהר כאַראַקטעריסטישע לידער, דערהויפּט רעליגיעז־נאַציאָנאַלע, אין דער רוסישער שפּראַך (דערהויפּט אין ווייסרוסיש און קליינרוסיש) אָדער אויף אַ געמישטען רוסיש־יודישען לשון. צווישען זיי דאַרפֿען זיין לידער פֿון חסידישער אָפּשטאַמונג, און דאָך איז אין דער „זאַמלונג" ניטאָ קיין איין מיסטיש אָדער סימבאָליש ליד. כ׳וועל ברענגען פֿון מיין אייגענער קאָלעקציע איין סימבאָליש ליד אַזאַ, וואו עס ווערט אונטערן נאָמען малец Марко אַרויסגעפֿיהרט דער שטן מקטרג:

Ах, ты, малец Марко,
Ходіше па ярмалку,—
Не купуеш, не таргуеш,
Толькі робішь сварку!
Нет, нет нічаго,
Не боюся нікаго,
Толькі Бога аднаго.

אַ צווייטער וואַריאַנט:

Ах, ты, дурень Марко,
Што ты робішь сварку
Не купуеш, не таргуешь
Толькі людзей псуешь.

אַנטפֿערט דער יצר־הרע:

— Пасланьца ня бьюць і ня сякуць.*)

אַן אַנדער ליד איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס אין אים ווערן געבראַכט צוויי טעקסטען פון איין און דעם זעלביקען אינהאַלט, אַ רוסישער און אַ יודישער און ס׳איז דערביי שווער פעסטצושטעלן, וועלכער פון זיי איז אָריגינאַל און וועלכער — איבערזעצונג.

לאָמיר שפּאַנען די גראָע פערד,
לאָמיר גיכער פאָרן,
טאָמער וועלן זיי דעריאָגן
אונזערע יונגע יאָרן.

Запрягайцце, хлопцы, коні,
Коні вороные,—
Тай дагонім лета наше,
Лета молодые
— — — — — — — — — — — — .
— — — — — — — — — — — — .
— — — — — — — — — — — — .
— — — — — — — — — — — — .
Мы дагнали лета наше
Устараго погоста
Ох, вернитес лето нашь
Хоць до нас у юсти.

מיר וועלן שוין אגב־אורחא ברענגען נאָך אַ ליד, וואָס איז לויטן מאָטיוו ענליך אויף די רוסיש־יודישע לידער פון דער „זאַמלונג“, אָבער צום אונטערשיד פון יענע הייבען זיי זיך אָן מיט באַזינגען ירושלים:

*) מיטגעטיילט ס. ל. גורעוויטש, וויסעבסק.

Ейрушолаим славный городъ,
Люди говорили;
По три раза каждый год
Мы туда ходили (bis).
Мы там ѣли мы там пили,—
Богу там молили (bis).
— Эй, батько, батько, батько,
Выбуди нам хатку,
Выбуди нам матку.
— Сынку, сынку, не журися,
Хатка буде выбудена,
Матка буде выкуплена

במהרה בימינו!

אין דער גרויסער אָפּטיילונג „היסטאָרישע לידער", וואָס זענען דאָ אין דער „זאַמלונג", מערקט זיך אַ איינטעניגער אויסוואַל. אַלע געהערען זיי צו דער קאַטעגאָריע רעקרוטען אָדער סאָלדאַטען=לידער. היסטאָרישע לידער אין בּרייטן זין פון וואָרט איז פאַרהאַן סך=הכל אַ 4 אָדער 5. שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די יידישע מאַסע, וועלכע רעאַגירט אַזוי לעבּעדיג, און טיילמאָל אַזוי ליידענשאַפטלעך, אויף אַלע בּאַדייטענדנ היסטאָרישע געשעהענישען וואָס האָבן אַפילו ניט קיין דירעקטע שייכות צו יודען (למשל: מלחמות, ניט נאָר די רוסיש=טערקישע און יאַפּאָנישע, נאָר אויך די פראַנצויזיש=פרייסיש), זאָל לחלוטין ניט האָבען קיין היסטאָרישע לידער. מסתמא זענען זיי יאָ פאַרהאַן און נאָר צופעליק זענען ניט פאַרשריבען געוואָרען דורך די פערזאָנען, וועלכע האָבען צוגעשטעלט מאַטעריאַל פאַר דער „זאַמלונג".

אין דער „זאַמלונג" איז אָפּגעדרוקט אַ ליד (אונטער № 57), וואו עס ווערט מיט אַ ניט בּאהאַלטענעם מיטגעפיל געשילדערט דער גורל פון אַ פּוילישען „פּאָווסטאַניעץ" פון דעם מאָמענט, ווען ער ווערט אַרעסטירט, בּיז ער ווערט דערשאָסען. צווישען די לידער, וואָס איך האָב פאַרשריבּען, איז פאַרהאַן נאָך איין ליד אויף אָט דעם טעמע:

*) אַנאַלאָגיעס אין דער זאַמלונג 15—17.

פירס'ן מיך דורך דער גרויסער גאַס,
הער איך דאָרט אַ גרויסן רעש,
און די גאַס—אַ ראָד דורכאויס,
אַ שרעק, אַ שרעק, איך האַלט נישט אויס!
—זייט געזונט, מיין ווייב און קינד,
איך זעה אייך היינט און מעהר שוין נישט.
און די גאַס...
—דאָרטען שטעהט אַ גרויסער סלופּ,
און לעבן עם אַ גרויסער גרוב,
און די גאַס...
—און דער גלח לעבן מיר
• • • • • • • • •
און די גאַס...
—דאָס אי' מיין קלייד, דאָס אי' מיין שטוב,
דאָס אי' מיין העמד, דאָס אי מיין גרוב,
און די גאַס—אַ ראָד דורכאויס,—
אַ שרעק, אַ שרעק, איך האַלט נישט אויס!

ווי געזאָגט, פעהלט כמעט אין דער „זאַמלונג" דער ציקל סאָציאַלע לידער. מ'דאַרף משער זיין, אַז אויך דאָס איז געשעהן צוליב ריין צופעליגע אומשטענדען. די יודישע מאַסע פערהאַלט זיך מיט זעהר אַ פיינעם הוש צו דער עקאָנאָמישער אומגלייכקייט און די סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען,—און דאָס ווייזט זיך גאַנץ בולט אַרויס אין אַנדערע צווייגען פון דעם יודישען פאָלקלאָר, אין דער גרויסער צאָהל שפּריכווערטער, משלים און מעשיות פון סאָציאַלען כאַראַקטער (שוין אָבגערעדט פון די רעוואָלוציאָנערע לידער פון דער לעצטער צייט). מסתמא צירקולירט ביים פאָלק אויך געגוג לידער אויף אָט דער טעמע.

דער איינציגער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס מיר געפינען אין דער זאַמלונג—איז דאָס זעהר כאַראַקטעריסטישע „ליד פון דעם אָרעמאַן" (פערעפענטליכט אין דער אָבטיילונג פון די לעבענס-שטייגערישע לידער" אונטער'ן № 307), וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

רבונו של עולם, וואָס האָסטו פֿון מיר געוועלט.
וואָס האָסטו בעשאַפֿען אַ קבצן אויף דער וועלט?

וואָס איז שייך די סאַטיריש-סאָצ'אַלע לידער—אַ פאָרם, ווי'ס איז צוממעהרסטען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאָלקס-שאַפונג, פעהלען זיי גאָר אינגאַנצען אין דער „זאַמלונג". און דאָס איז בעזונדערס צו בעוואונדערן. אַז אַזעלכע לידער זענען פערשפרייט אין פאָלק—קאָנען עדות זאָגען די דאָזיגע דריי לידער, אין וועלכע דער אָרימאַן שפעט אויף אַ פערשידענעם שטייגער אָב פון דעם גביר (אָבער פון דעם, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גביר):

כאָץ די מאַדאַם איז אַ געלע, אַ גרינע,
טראָגט זי דאָך אַ קאַרנאַלינע.
'אָט זי ני' געטאָט פאַרוואָס צו קויפען,
'אָס זי גענומען פון קאַדקע די רייפען,
'אָט זי ני' געהאַט קיין אונטערשלאַק,
'אָט זי גענומען אַ בולבע-זאַק,
איז זי געגאַנגען גרויפען קויפען,
'אָט זי פערלאָרען איהרע רייפען,
'אָט זי זיך געזעצט נייען ד נאָנטן,
יאָט זי די גרויפן אויסגעשאָטן.

הגם דאָס צווייטע ליד טראָגט אַנ'אָרטיגען כאַראַקטער, דאָך געהערט עס צו די פערשפרייטע פאָלקס-לידער; בלויז די נעמען פון דער שטאָדט און דער גאַס ווערען וואַריאַאירט אָב-הענגיג דערפון, וואו דאָס ליד ווערט געזונגען:

וויטעבסקער נגידים זיצען אויפ'ן פליגעל,
זעהען זיי זייער דלות ווי דורכ'ן שפיגעל.
זאַדונעוויער*) קבצנים
זאָגען צו די רייכע לייט:
מיר 'עלן ווערען מחותנים

*) אַ גאַס אין וויטעבסק.

אין אַ געלער צײַט.
צאָהלט זעך אויס מיט לײַטען,
זײַט איהר גלײַך מיט אונז.
וואָס אי אײַך די פּעולה,
וואָס אײַערע המזוזער זענען שוין געמאָלט
אַז ס'איז נאָך גאָר אַ סברה,
אַ' פאָר זײַ אי' ניט בעצאָהלט?
צאָהלט זעך אויס...
וואָס אי' אײַך די פּעולה,
פון די זאַלען מיט די שענע קאַטיאָרען,
קומען די בעלי־חובות,
רײַסען אָב האַלבע יאָהרען.
צאָהלט זעך אויס מיט לײַטען...
וואָס אי' אײַך די פּעולה,
וואָס אײַערע װײַבער טראָגען שענע צירונג...

. . . . . . . . . . . . .

---

וואָס מעהר קבצן, מעהר הוליאַקע*),
—און וואָס הער איך זיי!
וואָס מעהר נגיד—מעהר סאַבאַקע,
—און וואָס דאַרף איך זיי!
און דעם פּעקעל אויפ'ן פּלעקעל
—און וואָס הער איך זיי!
און דעם פּעקעל אויפ'ן פּלײצע,
—און וואָס דאַרף איך זיי!
און פון קריצעוו אין באַרדיצעװ,

---

*) די ערשטע סטראָפע און די דריטע איז אָבגעדרוקט אין דעם ליד פון דער „זאַמלונג“ אונטער'ן נומ. 375, משמעות—צופעליג, אָהן שום צוזאַמענהאַנג מיט'ן קאָנטעקסט.

—און װאָס הער איך זיך!
און פון בּאַיעיר קיין ראָמאַנאָװ,
און װאָס דאַרף איך זיין!

צום סוף װעלען מיר ברענגען צװיי פון די נײעסטע פאָלקס-לידער, פון װעלכע מ׳קאָן זיך מאַכען אַ געװיסע פאָר-שטעלונג װעגען דער עװאָלוציע פון דעם פאָלקס-ליד פאַר די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען. איין ליד איז פון אַ שיכּור, דאָס צװייטע—אַ ליבּע-ליד.

צייט די מאָנאָפּאָל איז אויף דער װעלט,
בּין איך אויף איהר אין כּעס:
זי קאָסט מיר אָפּט מיין גאַנצע געלד,
און טרינקען טרינק איך אויפ׳ן גאַס.
איך נעהם די מאַנאָפּאָלקע אין האַנד אריין,
כּדי דער פּראָפּס זאָל אַרויס,
צעבּרעכט זעך די פלעשעלע בּיי מיר אין האַנד
און די בּראָנפּען גיסט זעך אויס.
מיט מיין װייבּעלע טהו איך זעך שטאַרק קריגען,
כּדי זי זאָל מיר האָבּען צו געדענקען,
און איך טהו איהר שטענדיג זאָגען,
אַ׳ די מאַנאָפּאָלקע ׳על איך איהר נישט שענקען
איך האָב אַמאָל די מאַנאָפּאָלקע געבּראַכט אהיים
און אָבּגעלעגט צוקאָפּען,
איז אויפגעשטאַנען די װייבּעלע אי מיטען דער נאַכט
און ׳אָט אויסגעטרונקען בּיז אַ טראָפּען.
אַך! זיבּען און פופציגער אי׳ פאַר מיר צו שװאַך,
עס הויבּט מיך גישט אָן צו ריהרען,
און נייענציגער אי פאַר מיר צו רייך,
איך קאָן זעך אַזוי גרויס נישט פיהרען.

. . . . . . . . . . . . .

בּרונפּען און בּיר אי׳ פאַר מיר דער עיקר,
בּיי מיר אויפ׳ן קבר װעט שטעהן אויפגעשריבּען,
אַ׳ דאָ ליגט אַ גרויסער שיכּור.

איך וואָלט דעם שענקער סמ'ען
און אַליין אין קויף אַריין,
איך וואָלט פֿערקויפֿט דעם טאַטען מיט דער מאַמען,
אַבי אַ שנאַפּס זאָל זיין!*)

---

איך 'אָב געליבט אַ מיידעלע פֿון אַכצעהן יאָהר,
איך 'אָב איהר געליבט צייט פֿיער יאָהר.
צוועלף אַ זייגער נאָך 'אַלבע נאַכט,
צו דעם יונגען קנאַבע אַ בריף געבראַכט.
ווי ער 'אָט גענומען דעם בריף אין האנד,
אַזוי 'אָט ער פֿערשטאַנען, אַז זיין געליבטע אי' קראַנק.
די געשעפֿטען געבראָשעט, די געלד פֿערלאָרען,
צו זיין געליבטע איז ער אַוועקגעפֿאָהרען.
—גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, דו ליבסטע מיין,
ווי קומסטו דאָ אויף דיזען בעט צו זיין?
—גוט יאָהר, גוט יאָהר, מיין ליבער קנאַבע!
אַ דיזע בעטעלע אי' מיין בעגראַבע!
ווי ער 'אָט איהר גענומען אונטער די אָרעם,
ד' אי' שוין קאַלט, זי אי' גאָר נישט וואַרעם.
שנעלע, שנעלע די ליכט געבראַכט,
מיין געליבטע געהט אויס די נאַכט.
ווי איך 'אָב גענומען דעם אַלמער שליסען,
אַזוי 'אָט זעך גענומען פון מיר טרעהרען גיסען;
ווי איך 'אָב אַרויסגענומען די שוואַרץ טרויער-קלייד,
מיין געליבטע אי' גאַנץ שען בינייט.
אויף דיין קבר עס וואַקסען בלומען,
איכ'ל צו דיר איינגיכען קומען.
עס 'אָט נישט געדויערט קיין פריהמאָרגען,

---

*) מיטגעטיילט אַ 19־יאָהריגער אַרבייטער מיללערזאַקאָן, ווילנאַ.

דער יונגער קנאַבע אי' קראַנק געוואָרען,
עס 'אָט נישט געדויערט קיין פריהמאָרגען.
דער יונגער קנאַבע איז אויך געשטאָרבען.
אין שטעדטיל אי געוואָרען אַ יאָמער, אַ קלאָג:
צווי געליבטע אין איין טאָג!
אויפ'ן קבר וואַקסט אויס אַ בוים,
און אויפ'ן בוים אַ צווייג,
און אויפ'ן צווייג שטעהט אָנגעשריבען,
אַז צוויי געליבטע טהוען אין קבר ליגען.*)

די אויבענגעבראַכטע מוסטערן, וואָס זענען, ווי געזאָגט שוין, דאָס רוב גענומען פון דעם רעפּערטואַר פון בלויז איין פאַמיליע, קלעקען צו איבערצייגען, אַז דעם יודישען פאָלקס-ליד זענען נישט פרעמד קיין שום מאָטיוועו פון די פאָלקס-לידער פון אַנדערע פעלקער און אַז אין ענין זאַמלען די פאָלקס-לידער איז ביי אונז געמאַכט געוואָרען נאָר דער ערשטער פּרוב. אָבער די עצם אויפגאַבע פון דעם סיסטעמאַטישען און דירעקטען זאַמלען לידער און אַנדערע פּראָדוקטען פון דער פאָלקס-שאַפונג וואַרט נאָך אויף איהר פערווירקליכונג. זי שטעהט אויפ'ן סדר היום.

*) דער זעלביגער מקור.

# פאלקס־קינדער־לידער

# I

בשעת עס קומט צו רייד וועגען דער אָרטאָדאָקסאַל-יודישער פאָלקס-דערציהונג, רוקט מען געוועהנליך קודם-כל אַרויס דעם אַלטען חדר מיט זיין „אומוויסענדיגען“ מלמד, מיט זיין פערעלטערטען מעטאָד פון לערנען, מיט זיין אַנטיהיגיענישער אויסערליכקייט. און דערביי ווערט אינגאַנצען אויסגעלאָזט פון זינען, אַז אויך ביז׳ן חדר און מחוץ דעם חדר בעקומט דאָס יודישע קינד אַ בעשטימטע דערציהונג; אַז אין אונזער אַלטען לעבענס-שטייגער פראַקטיצירט זיך אַ שטרענג-אויסגעאַרבייטער סיסטעם-דערציהונג, וואָס נעהמט אַרום דאָס לעבען פון קינד, דינט עס הויבט אָן אויפצעוואַכען זיין בעוואוסטזיין ביז ער ווערט בר-מצוה. די גרונד-אויפגאַבע פון דער דאָזיגער דערציהונגס-סיסטעם איז—בהדרגה, אָדער סיסטעמאַטיש אַריינצופיהרען דאָס קינד אין דעם קרייז רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון פאָלק. דאָס קינד, דעם יונגל, איז מען פון קינדוויז אויף מצרף צו אַלע רעליגיעז-נאַציאָנאַלע מצוות און פייערליכקייטען. מ׳פיהרט איהם אין שוהל אַריין, מ׳לערנט איהם ענטפערן אמן, מ׳גיט איהם קושען די „ריינינגקייט“, מ׳איז איהם מצרף צו די יום-טוב׳דיגע מנהגים ביים טיש א. אַז. וו.

יעדער יום-טוב האָט זיינע מנהגים און פריידען, וואָס זענען צוגעפאַסט צו דער מדרגה פון אַ קינדס השגות. די מי-

סטעריע פון די סדרים פסח איז לויט איהר ענטשטעהונג דער עיקרשט אויסגערעכענט אויף צו דערוועקען אין די קינדער אַנ׳אינטערעס צו די געשעהענישען פון דעם ווייטען פערצייטענס,—און די ערשטע ראָלע אין דער דאָזיגער מיסטעריע שפּילט דער יונגסטער זוהן פון דער משפּחה, וועלכער איז מחויב צו פרעגען די פיער קשיות. פאַר די קינדערס וועגען איז אויך אַריינגעשטעלט אין דער הגדה דאָס לידל „חד גדיא״ און, מן הסתם, „אחד מי יודע?״ דערצו איז צוגעגעבען דער ריין אַמוזירענדיגער מנהג פון „גנב׳ענען דעם אפיקומן״, וועלכער ווערט אויסגעקויפט דורך מתּנות. נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אַ קינדער-יום-טוב איז פּורים: די פּורים-שפּילער, וואָס געהען פון שטוב צו שטוב און שטעלען פאָר די „אחשורש-שפּיל״; די שלח-מנות, וואָס די קינדער שיקען זיך איינס דעם אַנדערן; דאָס שלאָגען מיט ספּעציעלע גרעגערס המנ׳ען ביים לייענען די מגילה. אַ ספּעציעל שפּילכעל פאַר די קינדער ווערט אויך געמאַכט אויף חנוכּה—אַ דריידעל פון צין (אַ „גאָר״), אויף וועלכען עס זענען אויסגעקריצט די ראשי-תּבות פון „נס גדול היה שם״. שמחת תּורה טראָגען די קינדער געדרוקטע פאָנעס („בוניער״) מיט בילדער פון נאַציאָנאַלען אינהאַלט; מיט די דאָזיגע פעהנדלעך, צו וועלכע עס ווערען צוגעפעסטיגט ברענענדיגע ליכט, געהען די קינדער צוזאַמען מיט די גרויסע צו די הקפות אין שוהל, און טיילמאָל—אויך אין גאַס, דער טאָג פון ל״ג בעומר איז שוין אַנ׳אויסשליסליכער קינדער-יום-טוב פון פריהלינג. די קינדער געהען אַוועק אויף אַ שפּאַציר הינטער שטאָדט אין וואַלד, וואו זיי פערברענגען אַ גאַנצען טאָג אין שפּילען און שיסען פון אַ פיילענבויגען, וועלכער ווערט ספּעציעל געמאַכט פאַר דעם דאָזיגען יומא דפגרא. דאָ אין וואַלד ווערט אויך געמאַכט אַ סעודה פון די מאכלים, וואָס יעדער יונגעל ברענגט מיט זיך.

פאַרהאַן נאָך קינדער-יום-טובים, וואָס זענען פערבונדען מיט בעשטימטע דאַטען אין דעם לעבען פון קינד. אַז דעם קינד ווערט דריי יאָהר, שערט מען איהם דאָס ערשטע מאָל

אָב די האָהר, און לכבוד דעם פראַוועט מען אַ יום-טוב פון „אָבשערעניש“, מ׳מאַכט אַ סעודה, אויף וועלכער מ׳ברענגט צו פיהרען אויך אנדערע קינדער; דעם קינד שענקט מען מתנות. דערביי עקזיסטירט אַ ריהרענדער מנהג: די עלטערן וועגען אָב דעם קינדס אָבגעשוירענע האָר און זענען מנדב אויף דער שוהל אָדער פאַר אָרימעלייט אַזאַ וואָג זילבער אָדער גאָלד. אַז מ׳גיט אַ קינד אָב אין חדר, מאַכט מען אויך אַ מאָהלצייט פאַר קינדער און דערוואַקסענע. דער פאָטער טראָגט אויף די הענד אַוועק דאָס קינד, איינוויקלענדיג איהם אַריבער׳ן קאָפּ אין אַ טלית (כדי עס זאָל אויפ׳ן וועג נישט דערזעהן עפּעס אַ טמאה זאַך). אין חדר ווייזט דער מלמד מיט אַ טייטעל דעם קינד די ערשטע אותיות פון אלף-בית און רופט איהם אָן זייערע נעמען, און דאָס קינד זאָגט זיי איהם נאָך. אין דער רגע פאַלען אויפ׳ן אלף-בית פון אויבען פון הינטער׳ן קינדס רוקען לעקעכלעך, צוקערלעך און אַנדערע גוטע זאַכען אָדער מטבעות, דערביי וויל מען דעם קינד איינריידען, אַז דאָס וואַרפען איהם מלאכים פון הימעל, צו לערנען מיט התמדה. טיילמאָל בעשמירט מען אין אלף-בית די אותיות מיט האָניג און מ׳גיט עס דעם קינד אַ לעק צו טהון, „כדי ער זאָל פיהלען די מתיקות פון די הייליגע אותיות“. אַז דער יונגעל הויבט אָן חומש, מאַכט מען ווידער אַ מאָהלצייט. און דער בעל-שמחה זאָגט דערביי אַמאָל אַנ׳איינגעחזר׳טע דרשה—און אַלע ווינשען איהם צו. דאָס אייגענע קומט פאָר, ווען דאָס יונגעל הויבט אָן לערנען גמרא—לויט דעם „לקח טוב“—וואָס ענטהאַלט שטיקלעך פון גמרא, וועלכע זענען צוטריטליך אויך פאַר קינדער. אָבער דערהויפּט ווערט געמאַכט גרויס פאַראַד ביים פייערן בר-מצוה, ווען דאָס יונגעל ווערט שוין אַ פולבערעכטיגטער מיטגליד פון דער עדה. אויף דאָס אָ שמחה מוז דער יונגעל אומבעדינגט זאָגען אַ דרשה, וואָס ער לערנט אויס פון ספּעציעלע ספרים.

## II

צוגלייך מיט די דאָזיגע קינדער־מנהגים און קינדער-שמחות, וואָס האָבען אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, עקזי-סטירט אַ היבשע „תורה שבעל פה"—אַלס צוהילף צו דער קינ-דער-דערציהונג אין דער היים, וואָס גיט יניקה דעם קינדס מה און ענטוויקעלט דעם כח-הדמיון.

פאַרהאַן ציקלען קינדער-מעשיות, זעהר קורצע, פשוט׳ע, דאָס רוב פאַנטאַסטישע, קאָמישע אָדער ריהרענדע, וועלכע זע-נען אַ וואונדער ווי צוגעפּאַסט צו דעם קינדס השגה. צום אונ-טערשייד פון די יודישע פאָלקס-מעשיות פאַר דערוואַקסענע, פעהלט דאָ כמעט אינגאַנצען דער דידאַקטישער עלעמענט. גע-וועהנליך הויבען זיך די קינדער-מעשיות אָן מיט דעם ספּעצי-פישען אַריינפאָהר:

אַמאָל אִי׳ געווען אַ רב מיט אַ רבי׳צין, ׳אָבען זיי נישט געהאַט קיין קינדער, ׳אָצעך דער רב אַוועקגעשטעלט אין איין ווינקעל תפילה טהון און די רבי׳צין אין דעם אַנדער ווינקעלע.

און אויסלאָזען זיך לאָזען זיך די דאָזיגע מעשה׳לעך אויס מיט דעם רוסישען נאָכוואָרט:

אי׳ בין דאָרטען אויך געווען,
מעד און וויין געטרונקען,
איבער׳ן באָרד גערונען,
אין מויל נישט אַנגעקומען!

דאַן איז פאַרהאַן אָהן אַ שיעור קינדער-לידער (ד. ה. ספּעציעל פערפאַסטע פאַר קינדער), צווישען וועלכע דעם ערש-טען אָרט פערנעהמען די וויג-לידער. ווייטער געהען קינדער-רעטענישען*). פון די רעטענישען איז אָט די—די פערשפּרייט-

*) זעה ב ײ לין, הדר־רעטענישען און אויפגאַבען פון ליטווישע יודען Евр· Старина, II, 389.

סטע און פּאָפּולערסטע: „דורך אַ צעבראָכענער שויב איז אין פענסטער אַריינגעפלויגען אַ פויגעלע; אַז זי זאָל נישט אַרויס-פליהען צוריק, האָט מען אַרויסגענומען אַן׳אַנדער שויב פון פענסטער און אַריינגעשטעלט אויפ׳ן אָרט פון דער צעבראָ-כענער״.

פון אַזאַ שטייגער זענען כמעט אַלע רעטענישען, וואָס זענען אויסגערעכענט אויף צו ענטוויקלען די תפיסה און אויפ-מערקזאַמקייט פון קינד:

נח ט׳געהאַט דריי זין, שם, חם, יפת—ווי ט׳ן גערופען זייער טאַטען?
דרייצען, דרייצען איבער׳ן שטוב און שטעלצען אין ווינקעלע, אַ בע־
זעם—וואָס אי׳ דאָס?

אַלס מוסטער פון קינדער-אויפגאַבען קאָן מען ברענגען:

וויפיל איז: איינס און אָנדערטהאַלבען,
צוויי און דריי און דריטהאַלבען!

אַ מוסטער פון גיך-ריידענישען

פיר פּאָר פּאָרצעלייענע פּאָרפּורקעס!

ווייטער איז פאַרהאַן אַ גאַנצע רייה שפּרוכען און זאָגעכ-צען, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו די אָדער יענע ערשיינונגען פון קינדער-לעבען. אַז דאָס קינד שטעהט אינדערפריה אויף, זאָגט עס נאָך „מודה אני״, נאָך דער מאַמען אָדער דער אַם:

איכ׳ל טהון וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט, וואָס אַלע גוטע און פרומע לייט הייסען מיר צו גוטען טהון. אַ ברכה, אַ הצלחה אַף מיין קעפּעלע, אמן סלה.

און זיך לעגענדיג שלאָפען, זאָגט דאָס קינד:

לעג איך מיר אַנידער מיט אַלע מיינע גאַנצינקע גלידער, מאָרגען אי־מירצעשעם (אם ירצה השם) געזונדינקערהייט אופשטעהן ווידער. אַ גוצינקע נאַכט דעם טאַטען, אַ גוצינקע נאַכט דער מאַמען...

אַז מ׳טהוט דעם קינד אָן אַ פריש העמד, מאַכט מען דעם אָנשטעל, אַז מ׳שפּייט אין העמד אַריין (אַרויסצוטרייבען פון דאָרט די סטרא אחרא) און מ׳שפּרעכט צו:

טפיו, טפיו, טפיו! געזונדינקערהייט אָנטהון, געזונדינקערהייט אויסטהון, געזונדינקערהייט צרייסען...

אַז אַ קינד ניסט, „ענטפערט“ מען איהם:

צו געזונט, צו לעבען, צו לאַנגע יאָהר, צו אַ גוטען דור, אַ גוטער, פרומער יודעלע (אַ גוטע, אַ פרומע יודינקע) זאָלסטו זיין.

אַז דאָס הוסט, זאָגט מען איהם:

אַ הוסטעלע אַרויס, אַ געזונטעלע אַריין, זאָלסט מיר אַ פרישינקער, אַ געזונטינקער זיין!

אַז ס׳קינד טהוט אַ געגעץ, מאַכט מען דעם אָנשטעל, אַז מ׳וויל איהם אָנשפייען אין מויל אַריין, און גיך-גיך זאָגט מען:

טפוי, טפוי, טפוי, נאַרעלע!

אַ צאָהן, וואָס איז אַרויסגעפאַלען ביי אַ קינד, וואַרפט מען אַרויף אויפ׳ן אויווען און דריי מאָל שפּרעכט מען צו:

מייזעלע, מייזעלע, נאַ דיר אַ ציינדעלע,
נאַ דיר אַ ביינערנעם, גיב מיר אַן׳אייזערנעם.

אַז מ׳ברענגט אין שטוב אַריין אַן׳אָקאָרשט געלעגטע איי, פיהרט מען דערמיט דריי מאָל אַרום איבער דעם קינדס פּנים און מ׳שפּרעכט צו:

ווי די אייעלע אי׳ פריש, אַזוי זאָל (נאָמען) זיין געזונט און פריש; ווי די אייעלע אי׳ קלאָר, אַזוי זאָל (נאָמען) צורקעלע (פּנימ׳ל) זיין קלאָר; ווי די אייעלע אי קיילעכדיג, אַזוי זאָל (נאָמענס) צורקעלע (פּנימ׳ל) זיין קיילעכדיג.

פאַרהאַן נאָך אַ סך אַנדערע פערוויילונגען פאַר קינדער, וואָס ווערען בעגלייט מיט לידלעך און צושפּריכלעך. גאָר קליי-נע עופה׳לעך לערנט מען פּאַטשען אין די הענטעלעך און דער-ביי שפּרעכט מען צו:

פּיץ-פּאַץ לאַדינקעס,
אין די רייכע שיכעלעך,
אין די זיידענע זעקעלעך!

דאָס בעקאַנטע רוסישע לידעלע „סאָראָקאַ—וואָראָנאַ“, ביי וועלכען מ׳קיצעלט דאָס קינד לייכט צו, לאָזען די יודען אויס מיט אַ גיך-ריידעניש:

מיזעלע—מאַזעלע—
מעזעלע, קיץ-קיץ-קיץ!

מ׳נעהמט דאָס קינד אויף די אַקסלען, טראָגט ארום אי־בער שטוב און מ׳רופט אויס:

סיודי בארצן, סיודי בּאראן,
כ׳האָב א שעפּסעלע צו פערקויפען

—און ס׳הויבט זיך אָן אַ דיאַלאָג. עמיצער רופט זיך אָפּ:

—ווי טײַער?
— א דרײַער.
—ווי א מקח?
—א לעקעך.
—ווי א שאַץ!
—אַ פּאַק (פּאַטש).

דערבּיי פּאַטשט מען דאָס קינד לייכט צו איבּער דער פּלייצע.

אַז דאָס קינד שטעהט צו מ׳זאָל איהם דערצעהלען אַ מעשה און מ׳וויל פון איהם זיך אָבּטשעפּען, זאָגט מען איהם:

איך דערצעהל, דו דערצעהל,
דערצעהלען דיר א מעשה?
—א ציגעלע א ווייסע,
א קעלבעלע א רייטע,
א הינטעלע א שווארצער,
(נאָמען) א פּ. . . . .

אָדער מ׳ווענדט אָן אַזאַ מיטעל: מ׳פרעגט דעם קינד:

—איך דערצעהל, דו דערצעהל,
דערצעהלען דיר א מעשה?

דאָס קינד ענטפעריט געוועהנליך: „דערצעהל״
דאַן זאָג מען איהם ווידער:

—איך זאָג „דערצעהל״, דו זאָגסט „דערצעהל״
דערצעהלען דיר אַ מעשה?

און וואָס דאָס קינד זאָל נישט זאָגען, חזר׳ט מען אי־בער זיינע ווערטער מיט די ווערטער „איך זאָג... דו זאָגסט...״, ביז איהם ווערט נמאס פרעגענדיג.

## זח

אַ חוץ דער דאָזיגער קינדערשער „תורה שבעל פה״ (וואָס ביים סיסטעמאַטישען זאַמלען וואָלט מען דערמיט קאָנען אָנפי־לען אַ גאַנצען באַנד), וואָס דאָס רוב האָבען עס געמאַכט דער־וואַקסענע—צום דערצעהלען אָדער פאָרזינגען די קינדער,— איז פאַרהאַן נאָך אַ „תורה שבעל פה״, דערהויפט לידעלעך, וואָס זענען געשאַפען פון די קינדער גופא אָדער זענען אי־בערגענומען ביי גרויסע און צוגעפּאַסט צום קינדער-שטייגער. דאָס זענען דאָס רוב שפּיל-לידעלעך, דיאַלאָגען, צעהלענישען, צושפּריכלעך, חדר-לידלעך צום „רייצען זיך״ וכדומה.

אַ כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט פון די שפּיל-לידער, פערפאַסט פון די קינדער גופא,—איז—זייער קורצקייט, ליבליכע קלאַנג-פולקייט, דאָס פולשטענדיגע פעהלען פון מוסר-זאָגעריי, לייכטקייט פון אינהאַלט, גרעסטענטיילס—פעהלט בכלל יעטווע־דער אינהאַלט, און ועל-כולם—די געגראַמטקייט? פון די ערשטע צוויי ווערטער אָדער די איבער׳חזר׳ונג פון דעם ערשטען וואָרט, למשל: אַלטער—קאַלטער, איצקעלע—פיצקעלע, ציגעלע—מיגעלע, איינדל—ביינדל, בייגעלע—פייגעלע, זין—זין, היי—היי, צין—צין, רוטי—רוטי.

די בעליבטסטע שפּיל ביי יודישע קינדער איז—בלענדע־ניש (זשמורקעס). צו בעשטימען, ווער דאַרף דער ערשטער זיך „בלענדען״, „צעהלט״ מען זיך: מ׳לייענט מיט אַ רעטשיטאַטיוו אַ לידעלע, און ביי יעדען וואָרט פון דעם לידעלע ווענדט מען זיך צו איינעם פון די שפּילער, און אויף וועמען עס געפאַלט דאָס לעצטע וואָרט, יענער דאַרף זיך „בלענדען״. מיר ברענגען דאָ אַ רייה אַזעלכע צעהל-פערזען:*)

---

*) אַ חוץ די דאָ געבראַכטע לידער, וואָס איך האָב פערשריבען דערהויפט אין צפון-מערב׳דיגען קאַנט (וויטעבסק, ווילנא, מינסק) איז אין דער „זאַמלונג״

## 1

איינדל—ביינדל האַנע,
מאָרגען ט׳זיין די זאַנע,
אין דריי וואָכן
׳על׳ן מיר קרופּיץ קאָכן.
רייטע שטערן, גרינע שטערן,
לאָזט מיך אַרויס פון מיין קרן,
פּיק—פּאַק, נוס—קנאַק.

(וויטעבסק).

## 2

איינקל—ביינקל, שטופּ אַ ציינקל,
אשר וואָשער כל אַ ריידע,
הינדע דוואָשע,
ווער דיין האָשע?
זיסקע—קאָרישקע,
משוגענע קישקע.

(ווילנא)

## 3

איינגע, ביינגע, סטופּ אַ ציינגע,
אַרצע, באַרצע, גאָלע שוואַרצע,

---

פון גינזבורג—מאַרעק אָבגעדרוקט איבער 25 אַזעלכע לידלעך מיט וואַריאַנטען. מיר מעלען אגב בעמערקען, אז ווייט נישט אַלע לידער, וואָס זענען דאָרט פערעפענט־ליכט אין דער אָבטיילונג „קינדער־ און חדר־לידער“, קאָנען צוגערעכענט ווערען צו קינדער־לידער. פון די לעצטע 16 לידער פון דער דאָזיגער אָבטיילונג (פון 118 ביז 133) געהערען בלויז 3 (NN 120, 132 און טיילווייז 129) צו די קינדער־לידער.

אוימל—רוימל, בייגעלע—פייגעלע—
האָפּ!
(מינסק).

### 4

רוטי—רוטי, בולדעווי,
השם יתברך שטעהט דערביי,
אַף ווּעמעס האַנד ליגט?
(וויטעבסק).

### 5

צין-צין, פאַלאַצין,
פּאָסטערהולע, פּאָמערהולע.
יעכאַל פּאַן, דאָברי יוואַן,
סאָלדאַט יאָן.*)
(וויטעבסק).

### 6

אַכּצי—דיבאַכצי פּאָניושקאַ,
טרי קאָפּייקאַ דעניושקאַ,
ניעט—ניעט, ני כאַטשו,
זאַ סאָלדאַטאַ ני פּאַידו.
(ווילנא).

---

*) אין דער זאַמלונג „רוסישע קינדער-לידער" פון פּ. וו. שעין איז דאָס אייגענע לידעל פאַרהאַן אויך אויף רוסיש: „דין—דין, פּאַלאַדין" א. אַז. וו.

## 7

איינס—צוויי—דריי,
לאָזער—ליזער—ליי,
אָקן—באָקן,
ביידע גלאָקן,
צירעלע, פערעלע,
דופּס אַרויס!

(וויטעבסק).

## 8

איינס, צוויי, דריי, פיר,
באַ דעם מלך אין דער טהיר,
באַ דעם גאָלדשמיד אין די שויבען
שטעהען אַ פּאָר טויבען
אין די רייטע הויבען.
וואָסער ווייליטיג האָבען זיי?
ביזל מיטיג שלאָפען זיי.
אין מאַרק לייפען זיי,
פּאָצט-פּאַפּיר קייפען זיי,
בריוועלעך שרייבען זיי,
אין חלשות בלייבען זיי.

(וויטעבסק).

## 9

אלף—אַן אָדלער,
בית—אַ באָנדער,
גימעל—אַ גלעקעל

. . . . . . . . .

ו—אַ וואָסערער?

זין—אַ זילבערנער.
חית—חאַפּט איהם,
טית—טאַפּט איהם,
יוד—יאָגט איהם,
כף—כלאַפּט איהם
למד—לעגט איהם.

. . . . . . . . .

(וויטעבסק).

כדי צו געבען די שפּילער אין בלענדעניש צייט צו בעהאַלטען זיך אָדער זיך צו צעלויפען, פיהרט מען מיט דעם „פערבלענדטען“ אַ דיאַלאָג, און אַז ער ענדיקט זיך, הויבט זיך אָן די שפּיל*):

## 10

—אַף וואָס שטעהסטו?
—אַף אַ פּאַס.
—וואָס טרינקסטו?
—עפּעל-קוואַס.
—וואָס עסטו?
—אַ בייגעל.
—כאַפּ אַ פייגעל!

(וויטעבסק).

## 11

—לייבעלע אי' מיינער.
—וואו סיט עם געגומען?

---

*) זעה וואריאַנטען אין דער „זאַמלונג“ פון גינזבורג און מאַרעק, №№ 108—110.

—הינטער אַ לאָדען.
—וואָס ס'ט עס געגעבען (עסען)?
—כּוטער מיט פלאָדען.

(וויטעבסק).

## 12

—איינס, צוויי, דריי, פיער
—וואו אי' דער טאַטע?
—געפאָהרען אין רי (ריגע)
—וואָס ט'ער ברענגען?
—אַ פעסעלע ביר.
—וואו ט'ער שטעלען?
—הינטער טהיר.
—ווער עט טרינקען?
—איך מיט דיר.

(וויטעבסק).

ביים שפילען אין „ווינקלען" פיהרט זיך אַזאַ דיאַלאָג

## 13

—קאַמער קאַמער הויז!
—געה אין יענער הויז!
—די טייך ברענט!
—פייגעלעך פליהען!

(וויטעבסק)

ביי קאַראַהאָדען ווערען געזונגען לידעלעך און די קינדער געהען בשעת'ן זינגען איינס הינטער'ן אַנדערן מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, און נאָכ'ן אָבזינגען דאָס ליד נעהמען זיי זיך פאַר די הענד און הייבען זיך אָן צו דרעהען. מיר ברענגען דאָ אַ פּאַר אַזעלכע קאַראַהאָד-לידער:

## 14

אַך, אַ צרה און אַ גזרה!
איך 'אָ' פערלוירען די רייטע פאַציילע
מיט די גרינע ברעגען,
מיט די רייטע עקען.
בין איך זי געגאַיען זוכען,
'אָב איך געפונען אַ קוכען.
'אָב אי זיך געזעצט עסען,
'אָב איך מיינע צרות פערגעסען.
(וויטעבסק).

## 15

אַיי, אַ צרה מיט אַ גזרה,
איך 'אָ' פערלוירען מיין רייטע פאַציילע!
בין איך געגאַיען אַרום קאָרן,
'אָב איך מיין רייטע פאַציילע פערלאָרן;
בין איך געגאַיען אַרום ברונען,
'אָב איך מיין רייטע פאַציילע געפונען.
(דווינסק).

ביי דער שפיל פון מיידלעך אין „שטאָק" ווערט געזונגען אַ לידעל, וואָס איז איבערגענומען פון די דערוואַקסענע— וועגען נאַפּאָלעאָן III און פרייסען:

## 16

נאַפּאָלעאָנס נאָמען קלינגט ווי אַ גלאָק,
ביי אַלע קיסרים פול.
פיל מאָל האָט מען געשריען „שטאָק",
ער בלייבט אַלץ אויף זיין שטוהל.
מיט אַמאָל קומט פרייס צו געהן,

„שטאָק!״ שרייט זי אויס.
נאַפּאָלעאָן בלייבט אין ביוש שטעהן,
די וועלט לאַכט איהם אויס.*)

פון די אַנדערע קינדער-לידער פערנעהמען אַנ׳אָנגעזעהע-נעם אָרט די חדר-לידער און די „רייץ״-לידער, אין וועלכע דער אויבענאָן ווערט אָבגעגעבען דער „אָנגעוועהטאָגטער״ פראַ-גע פון חדר-לעבען—דעם שמייסען; דאַן געהען גאַס-לידער (ווע-גען רעגען און וועטער) און פערשידענע אַנדערע, וואָס ווערען טיילמאָל אויך בענוצט אַלס צעהלענישען, ביים

## 17

איצקעלע, פּיצקעלע, קאָזאַניצקעלע,
קומט דער טאַטקעלע,
לעגט אַ לאַטקעלע;
קומט די מאַמקעלע
און רייסט אָב.
קומט דער טאַטקעלע
און שמייסט אָב.

(יעליעץ).

## 18

יענקעל, דערלאַנג דעם בענקעל,
שמעון, דערלאַנג דעם רימען!
פייגעלעך געבראָטען,
ליכטעלעך געקנאָטען.

(מינסק).

---

*) פערעפענטליכט פון ד״ר אליעניסט אין „פריינד״, 1908, N 88.

## 19

געשמיסענער ת...
געבאַקטע איי,
אַרויסגעוואָרפען
אַפן שניי,
שיסעלעך געהאַנגען,
בלוט געגאַנגען,
פייער געשאָסען,
בלוט געגאָסען.

(וויטעבסק).

## 20

די צערעדע געהט,
דאָס בענקעלע שטעהט,
דער רבי שמאַסט,
דער ת... באַסט

(בערדיטשעוו).

## 21

אל מיילעך (מלך),
קאַצקע דריילעך (פרעהלעך),
מיר אַנ׳עפעל,
דיר אַ צעפעל,
מיר אַ קויל,
דיר אַ פאַג אין מויל.

(בערדיטשעוו).

## 22

שבת-גוי
לאַדני,

נעם אַ טאָפּ,
צעבּרעך די קאָפּ!

(חיטעבּסק).

23

יינגעל, צינגעל,
פּוטער־יאַייכעל,
אַ געשוויר דיר
אין דיין בּייכעל!

(וויטעבּסק).

אַ רעגען, אַ רעגען,
די כּלה געלעגען,
דער חתן געקומען,
די כּלה אַוועקגעשוואומען

(וויטעבּסק).

25

אין דרויסען געהט אַ רעגען
די כּלה אי׳ געלעגען.
—וואָס ׳אָ׳ צי געהאַט?
—אַ יינגעלע.
—ווי אַזוי ט׳עס געהייסען?
—משהוניע.
—וואָס ט׳עס געגעסען?
—פּליישוניע.
משה׳לע, משה׳לע, קיישעלע,
מאַך אַ בּרית.

צעהן גילען אַנ׳אָקע פיש..
ליגט אין קאַסטען,
אַלטע מוידען פאַסטען

(בערדיטשעוו).

26

זין–זין, קים אַהער,
דאָ אי׳ וואַרעם, דאָרט אי׳ קאַלט,
דאָרט ס׳טו עסען ברויט מיט זאַלץ,
דאָ ס׳טו עסען קרעפּלעך מיט שמאַלץ.

(בערדיטשעוו).

27

גוואַלד, גוואלד, מאָרגענשטערן!
ווען ׳על איך אַ כלה ווערען?

(מינסק).

28

זיצט דער זיידע,
אַ פּיפּקע רייכערט,
און די באָבּע
זיצט און שמייכעלט,
און די מוהמע
גיט אַ לאַך
און מיט׳ן גלעזעל
טהוט זי אַ מאַך.

(כאַרקאָוו).

29

ציגעלע, מיגעלע, קאָצינקע,

רייטע פּאָמעראַנצען—
אַ׳ דער טאַטע פוהרט אַוועק,
ליגט די מאַמע אַליין אין בעט.
אַ׳ דער טאַטע קומט צו פוהרען,
ווערט די מאַמע אַ קימפּעטורין.

(בערדיטשעוו).

## 30

פייגעלע, פייגעלע, גרייט צום טיש,
נאָמיר עסען יויך און פיש,
נאָמיר טרינקען מעד און וויין,
נאָמיר געהן אין בעט אַריין,
נאָמיר זעך צודעקען מיט אַ קיסען..׳
און נאָמיר זעך...

(כאַרקאָוו).

## 31

אַיי, וויי,
גיט מיר טהיי;
טהיי אי׳ ביטער,
גיט מיר צוקער;
צוקער זיס,
גיט מיר ניס;
ניס האַרט,
דער בויך שפּאַרט;
דער נאָפּל דרעהט,
די באָבע געהט;
די באָבע געקומען,
ס׳קינד צוגענומען.

(וויטעבסק).

## 32

משה רבינו פון דער גאַנצער וועלט,
וואַרף מיר אַראָב אַ זעקעלע געלד.
—וואָס ווסטו טהון מיט'ן זעקעל געלד?
—כ'על מיר באָוען אַ שולכן.
—וואָס ווסטו טהון מיט'ן שולכן?
כ'על דאַווענען מנחה-מעריב.
(בערדיטשעוו).

## 33

געה איך אַ ביסעלע וואַטער!
טראָגט אַ קיה אַ האַטער (אייטער)
(פוהרט מיר אַקעגען אַ ראַטער).
דער ראַטער וויל מיך שלוגען,
געה איך מיך צום פריץ זיך קלוגען;
דער פריץ 'אָט אַ הינטעלע,
וויל עס מיך באַסן.
—ראַטער, ראַטער, שמאַס מיך ניט,
הינטעלע-פינטעלע באַס מיך ניט
(הינטעלע-פינטעלע, שטעה אויף דער טהיר).
צוויי טויבען בודען זיך,
חתן-כלה שלוגען זיך,
טהיר און טויער אָפען,
חתן-כלה אַנקלאָפען;
טהיר און טויער פאַרמאַכט,
חתן-כלה אַ גיטע נאַכט!
(בערדאָוו, וואָלינער גוב.)

# שפּריכווערטער און גלייכ-
# ווערטלעך

אַ סך שפּריכוואָרטער, וואָס האָבּען זיך דערהאַלטען אין תּלמוד, בּעגעגענען זיך בּיי היינטיגען טאָג אין אַ וואָרטליכער איבּערזעצונג בּיי פערשידענע אייראָפּעאישע פעלקער. דאָס ווייזט, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ מאַסע וואַנדערענדיגע שפּריכוואָר-טער, וועלכע געהען אַזוי ווי פילע לעגענדעס, איבּער פון איין פאָלק צו דעם אַנדערן און ס׳איז שווער פעסטצושטעלען זייער ערשטען מקור. פון די פילע שפּריכווערטער, וואָס קומען פאָר אין דער יודישער ליטעראַטור פון דער נאָכ׳תּלמוד׳ישער תּקופה (ד. כהן האָט צונויפגעזאַמעלט פון זיי אַ צווייהונדערט, פער-עפענטליכט אין „האסיף" III 125—132), זענען מאַנכע פער-שפּרייט איצט בּיי פערשידענע פעלקער אין אַ וואָרטליכער אי-בּערזעצונג. דאָס היינטיגע לעבּעדיגע יודישע לשון איז אומ-געהויער רייך מיט שפּריכווערטער. צונויפגעזאַמעלט און אַרויס-געגעבּען איז בּלויז אַ קלענער טייל פון זיי—סך הכל אַרום 5000.

אויפ׳ן שפּריכוואָרט, אַזוי ווי אויף אַלע אַנדערע געבּיטען פון יודישען פאָלקלאָר, האָט אַ גרויסע השפּעה געהאַט די אַל-טע יודישע ליטעראַטור, די בּיבּלישע און תּלמוד׳ישע, וואָס פון איהר האָט דאָס פאָלק אַנטליהען סיי פאַרטיגע שפּרוכען, סיי אויך מאָטיווען פאַר זיינע שפּריכווערטער. פאַרהאַן אַ סך שפּריכ-

ווערטער, וואָס זענען אומגעענדערטערהייד אַריבערגעטראָגען סיי פון לשון-הקודש, פון תנ"ך, דערהויפט אָבער פון דער גמרא. אַ סך פון די דאָזיגע שפּריכווערטער ווערען בענוצט אין יודישער איבערזעצונג: „אמת וואַקסט פון דער ערד אַרויס" אאַז"וו. דאַן זענען פאַרהאַן שפּריכווערטער, וואָס באַזירען אויף ביבלישע, תלמוד'ישע, רעליגיעזע א. אַנד. מאָטיוען. אַחוץ דעם טיילט זיך אַ ציקל אייגענאַרטיגע שפּריכווערטער, וואָס זייער גאַנצער טעם בעשטעהט אין דער בכוונה געענדערטער פערטייטשונג פון די העברעאישע שפּרוכען. אין די דאָזיגע שפּריכווערטער ווערט צוגלייך מיט אַ געוויסער סענטענץ, אויך אויסגעדריקט אַ סאַטירע אויף אומלאָגישען דענקען, אויף אַ ווידעראַנאַנד צווישען פאָרם און אינהאַלט, ווי אויך אַ געשפּעט אויף עם-הארצים, וואָס דאָס שפּריכוואָרט זאָגט אויף זיי: „ער שרייבט נח מיט זיבען גרייזען", אאַז"וו.

אַ היבשע ווירקונג אויף די יודישע שפּריכווערטער האָט געהאַט די בעקאַנטשאַפט פון דער פאָלקס-מאַסע אין די לשונות פון די פעלקער, צווישען וועלכע זי לעבט. זיך בעציהענדיג מיט גרויס רעספּעקט צו דער לעבענס-חכמה פון די דאָזיגע פעלקער, האָבען די יודען אַנטליהען ביי זיי אַ סך שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך.

ווייטער טרעפען זיך אַ רייה שפּריכווערטער, וואָס זענען פערפאַסט אויף רוסיש אָדער פויליש, דאָס רוב—צוגעמישט מיט יודישע ווערטער, וועלכע דאָס שפּריכוואָרט גופא כאַראַקטעריזירט איראָניש אַלס „האַלב דייטש, פּאָלאָווינאַ רושעס". למשל: „יחוס נאַ קברות, אַ דאָמאַ צרות". פאַרהאַן טאָפּעלטע שפּריכווערטער, וואָס בעשטעהען פון יודיש און גוי'איש („לא מעוקצן ולא מדובשן—ניע דאַי אי ניע לאַי"). אָבער מעהר איז אַזעלכע, וואָס אין זיי, אַזוי ווי אויך אין די שפּאַסיגע שפּריכווערטער אויף לשון-הקודש, ווערט צו דעם יודישען שפּרוך צוגעגעבען אַ גאַנץ אומגעריכטער טייטש אויף רוסיש, דערביי ווערט דער קאָמיזם אָפט פערשטאַרקט דורך דעם, וואָס דער דאָזיגער טייטש פעררופט זיך אויף רש"י: „ניבא המן—[illegible]

רש״י: „טשאָרט יעוואָ פריניאָס״.

פאַרהאַן שפּריכווערטער אַרויסגענומען פון פאָלקס-לידער, מעשיות וכדומה. פאַרהאַן שפּריכווערטער, וואָס זענען געבויט אויף אַ היסטאָרישער געשעהעניש אָדער לעגענדע: „עס וועט דויערן ווי רב שאול וואַלס מלוכה״. אָבער אינגאַנצען פעהלט דער מין שפּריכווערטער, וואָס איז גענומען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, און שפּרוכען פון גרויסע מענשען.

אַ סך שפּריכווערטער זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אויסדרוקען פון פאָלקס-גלויבונגען, זאַבאָבאָנעס און סימנים. אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער, האָבען די יודען אַ סך שפּריכווערטער מיט שפּאַסיגע כאַראַקטעריסטיקעס פון שטעדט און שטאַנדען.

דער טרעפליכער סאַרקאַזם און פיינער הומאָר, די מעלות פון יודישער פאָלקס-שאַפונג, ווייזען זיך בעזונדערס בולט אַרויס אין די שפּריכווערטער. דערפאַר בענוצען זיך די יודען אַזוי אָפט מיט אַ שפּריכוואָרט. „פון אַ שפּריכוואָרט קאָן מען זיך נישט בעהאַלטען״.

דער שאַרפזין פון די שפּריכווערטער מאַכט אין אַ גרויסער מאָס ווייכער דעם פעסימיזם זייערן. דאָס שפּריכוואָרט פערטראָגט נישט קיין טרוקענע מוסר-זאָגעריי און די אלף-בית אַ פאַר-מאָראַל. דאָס שפּריכוואָרט איז נישט וואָס עס לערנט, ווי עס קלערט-אויף, דערקלערט, ענטפּלעקט (דעמאַסקירט) דאָס לעבען און די מענשען, דערביי זיך פאַר קיין זאַך נישט אָבשטעלענדיג. אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט מאָטיוען פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, איז עס לחלוטין עמאַנציפּירט פון דעם דרוק פון דער רעליגיעזער סענטענץ און אָפט פרעגט זי עס אָב דורך סענטענצען, וואָס זענען גענומען פון דער לעבענס-ערפאַהרונג. אויף אָט דעם באָדען האָט זיך געשאַפען אַ גאַנצע רייה אייגענאַרטיגע צווייגלידערדיגע שפּריכווערטער, וואָס זייער ערשטע העלפט בעשטעהט פון אַ רעליגיעזען שפּרוך, און די צווייטע פון אַ קאָרעקטיוו צו איהם, אַ קאָרעקטיוו, וואָס פרעגט דאָס רוב אָב די רעליגיעזע סענטענץ. מיט דעם אייגענעם

קריטישען פּעסימיזם געהט דאָס שפּריכוואָרט צו צו אַלע לעבענס-ערשיינונגען, צו אַלע פעלזען-פעסטע יסודות פון לעבען, אין אַלעם אַראָבּרייסענדיג די מאַסקע פון פאַלשקייט און דעם ווידעראַנאַנד צווישען אידעאל און וואָהר. דאָס שפּריכוואָרט אָנערקענט נישט קיין שום אויטאָריטעטען. די אומצופרידענקייט געגען דעם שקר פון לעבען דריקט זיך אין דעם שפּריכוואָרט אויס אין דער אייגענאַרטיגער פאָרם פון פּרעטענזיעס צום רבונו-של-עולם און שאַרפע טענות צו איהם.

צוגלייך מיט די דאָזיגע קריטישע און שטראָפערישע דידאַקטישע שפּריכווערטער האָט דאָס פאָלק געשאַפען אויך ציקלען פּאָזיטיווע שפּריכווערטער, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעזאָגט טיפע לעבענס-חכמה, ווי למשל: „נישט מיט שעלטען, נישט מיט לאַכען קאָן מען די וועלט איבערמאַכען".

אָבער ביי דעם גאַנצען פּעסימיזם זיינעם און טיפען זין פאַר'ן פּראַקטישען לעבען, גיט דאָס יודישע שפּריכוואָרט אַ ציקל פון הויך-מאָראַלישע און מענשליכע לעבענס-כללים. ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס דאָס פאָלק בעציהט זיך צום שפּריכוואָרט מיט גרויס אַכטונג, דריקט זיך אויס וועגען איהם אַזוי: „אַ שפּריכוואָרט איז אַ וואָהר וואָרט";

אַ חוץ די זאַמלונגען ביבּלישע און תּלמוד'ישע שפּריכווערטער און אַפאָריזמען, זענען פאַרהאַן זאַמלונגען פון יודישע שפּריכווערטער: איגנאַץ בערנשטיין—„יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען", וואַרשא 1908 (אין צוויי אויסגאַבען, אַ פּאָפּולערער און אַ פּראַכטפולער מיט אַ לייטיינישער טראַנסקריפּציע און אַ גלאָסאַר—בסך-הכל אַרום 4008 שפּריכווערטער, דערהויפּט פון די פּוילישע יודען) און די קליינע זאַמלונג (אַ ביסעל מעהר ווי 1000 שפּריכווערטער) פון י. פּיראָזשניקאָוו „אידישע שפּריכווערטער", ווילנא 1908.

# שפּרוך, ווערטעל.

אַזוי הייסט אַ קורצער אויסדרוק אָדער אַ קינסטלערישער פערגלייך, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין דער פאָלקס-שפּראַך, צו כאַראַקטעריזירען אַ מענשען, צו בעשטימען אַ גע-גענשטאַנד, אַנ'ערשיינונג, אַ צושטאַנד. אַ ווערטעל איז דער עמבריאָנעלער צושטאַנד פון שפּריכוואָרט, גיט דעם ערשטען טייל פון שפּריכוואָרט, די בעשטימונג, אָהן דער אָנווייזונג אויף דאָס, וואָס ווערט בעשטימט. דאָס ווערטעל איז לאַקאָני-שער פון דעם שפּריכוואָרט און ענטהאַלט נישט קיין סענטענץ נישט קיין אַפאָריזם. דאָס יודישע ווערטעל נעהמט זיינע פערגלייכען אומעטום, אָבער מעהר ווי אַלץ פון די קלאַסישע ביבלישע, תלמוד'ישע און היסטאָרישע טיפּען און פון דעם רעליגיעז-נאַציאָנאַלען לעבענס-שטייגער, און מחמת דעם איז עס נאַציאָנאַל. אַ ליאַדע בעגריף אָדער צושטאַנד ווערט דעפינירט דורך אַ קינסטלערישען פערגלייך, גענומען אָדער פון תנך: („שיכור ווי לוט", „שטאַרק ווי שמשון הגבור"), אָדער פון גמרא, אגדתא און דאַוונען („רוהט נישט ווי דער ים סמבטיון", „קלאָר ווי אַ יוד אין אשרי". אין אַ סך ווערטלעך זענען די פערגלייכען גענומען פון היסטאָרישען לעבען און רעליגיעזען ריטואַל: „לאַנג (פינסטער) ווי דער יודישער גלות". צוגלייך ווערען די פערגלייכען אויך גענומען פון דער אַרומיגער נאַ-טור: „שען ווי די זון אין תמוז"; אויס דער מלוכה פון די בעלי-חיים וכדומה. צווישען די פערגלייכענישען איז פאַרהאַן אַ סך שפּאַסיגע וואָס דערנעהנטערן זיך צו דעם טיפּ שפּריכ-ווערטער: „שיינט ווי די לבנה אין קוימען", „לויפט ווי אַ מויז איבער'ן צימבעל.

אַנדערע ווערטלעך, נאָך מעהר לאַקאָנישע, ווייזען נאָר אויף אַ בעשטימטער אייגענשאַפט אָדער צושטאַנד, לאָזען אי-בער אָנצושטויסען זיך, מיט וואָס דאָס ווערט פערגליכען. די

דאָזיגע ווערטלעך זענען אויך זעהר רייך מיט נאַציאָנאַלע גע-שטאַלטען: „אַלטער תּרח", „מעשי סדום".

פאַרהאַן ווערטלעך העכסט אָריגינעלע לויט זייער קאָנ-סטרוקציע. צו בּעשטימען ווייטע קרובה'שאַפט זאָגט מען: „פערד-פוס-קאָפּיטע-פּאָדקאָווע-צוועקעל". צו בּעשטימען אַ געלעכטער דורך טרעהרען געבּרויכט מען גאַנץ אומגעריכטע פערגלייכונ-גען: „לאַכט מיט גרינע ווערים". ס'קומען אויך פאָר ווערטלעך פון היסטאָרישען כאַראַקטער: „עס איז נאָך פון כמעלניצקיס צייטען".

פאַרהאַן אַ סך ווערטלעך, וואָס ענטהאַלטען זידעל-נעמען אָדער חוזק-צונעמענישען פון שטעדט, ערטער, נאַציאָנאַליטע-טען: „אַ האַרץ פון אַ טאָטער".

צו די ווערטלעך געהערען אויך די געגראַמטע ווערטלעך, וואָס האָבּען נישט קיין בּעשטימטען זין, אָבּער אין ריידען בּע-קומען זיי אַ געוויסע בּעדייטונג: „געלד-שמעלד", „כאַפּ-לאַפּ", „קידער-ווידער".

דאָס פאָלק כאַראַקטעריזירט דאָס ווערטעל מיט אַזאַ שפּריכוואָרט: „יעדער ווערטעל האָט זיין ערטעל".

# יודישע פאלקס־רעטענישען

„יודישע פאָלקט-רעטענישען". געזאַמעלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי. צווייטע אויפלאַגע. פערלאַג „די נייע יודישע פאָלקס-שול" סעריע פאָלקלאָר № 1. ווילנא 1919.

אַ קליין, קליין ביכעלע, אינגאַנצען 22 זייטלעך אין פאָרמאַט פון געוועהנליכע „קאָפּיקע-מעשיות". און דאָך ענטהאַלט אין זיך דאָס קליין ביכעלע אַ גאַנצען אוצר פאָלקס-חכמה און פאָלקס-קונסט. סך הכל געפינען זיך אין ביכעלע 171 רעטענישען, נאָר פאַר אָט דעם מין פאָלקס-שאַפונג איז עס נישט וועניג. דער זאַמלער האָט אַ ביסעל אַ טעות, און ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז ביי די „אומות העולם צעהלען מיר צעהנדליגער זאַמלונגען פון פאָלקס-רעטענישען". רעטענישען איז ד זעלטענסטע פאָרם פון פאָלקס-שאַפונג ביי אַלע פעלקער. דאָס איז אַ מין עדלווייס צווישען די בלומען פון פאָלקלאָר. בעת אַ ווערטעל, אַ גלייכווערטעל אָדער אַ משל דרינגען דורך די לעבעדיגע שפּראַך, און איהר קאָנט זיי הערען אויף טריט און שריט; בעת אַנדערע עלעמענטען פון פאָלקס-שאַפונג, מעשיות, לעגענדען, אָבשפּרעכענישען, מנהגים וכדומה האָבען זייער אָרט און צייט, זייערע בעשטימטע דערצעהלער, זינגער און אָבהיטער,—האָט נישט די רעטעניש די אַלע אייגענשאַפטען. זי דאַרף מען נישט בלויז זוכען, נאָר אויסזוכען.

וואָס איז אַזוינס אַ רעטעניש? אויב אַ גלײַכוואָרטעל האָט אין זיך אַ פילאָזאָפישען געדאַנק אָדער אַ מאָראַלישע סענטענץ, אויסגעדריקט אין אַ קורצען, געפּרעסטען און קינסטלערישען אויסשפּרוך, איז אַ רעטעניש אַנ׳עסטעטיש, כּמעט אַ פּלאַסטיש קונסטווערק, איינגעפּאַסט אין עטליכע געפּרעסטע שטריכען. אַ גלײַכוואָרטעל לערנט, מוסר׳ט; אַ רעטעניש „שאַרפט דעם מח״, ענטוויקעלט די אויפמערקזאַמקייט, וועקט דעם חוש צו שענ-קייט, צו קונסט. אַ גלײַכוואָרטעל שטעלט זיך אָב אויף דער אינעווייניגסטער זייט פון אַ זאַך און איז אַבסטראַקט; די פאָלקס-רעטעניש האָט צו טהון נאָר מיט דער אויסענווייניג-סטער זייט, מיט דער פאָרם. זי נעהמט די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון אַ זאַך אָדער אַנ׳ערשיינונג און שאַפט פון זיי איין עסטעטיש בילד. דהיינו, דאָס גלײַכוואָרטעל גיט אונז אַזוינע מינים מאָראַלישע און פילאָזאָפישע סענטענצען:

„גאָט שטראָפט—אַ מענש איז זיך נוקם״.

„אַז מען האָט קינדער אין די וויגען, דאַרף מען לאָזען לייטען צופרידען״.

די רעטעניש גיט אונז אין דיזעלביגע געפּרעסטע אויס-דרוקען גאַנצע קינסטלערישע בילדער, געמאָהלט מיט עטליכע כאַראַקטעריסטישע שטריכען, ווי דהיינו:

„פליהט אָהן פליגעל, מויערט אָהן ציגעל, לעגט זיך ווי אַ האַר, שטעהט אויף ווי אַ נאַר״ (שניי).

„הויך ווי אַ מויער, גראָב ווי אַ פויער, ביטער ווי גאַל, זיס ווי צוקער״ (אַ בוים, בלעטער, פּירות).

„אַ גראָבע מאַמע, אַ רויטער טאַטע, אַ הויכער ײהג, [illegible] משוגע׳נע טאָכטער״ (אַנ׳אויוועז, פייער, קוימען, רויך).

„אַ לעבעדיגער שלאָגט אַ טויטען, דער טויטער שרייט און ס׳הערט זיך ווייט״ (גלאָקענקלונג).

* *
*

אין דער קלוגער און הייס אָנגעשריבענער הקדמה וויזט אויף ה׳ באַסטאָמסקי אויף דער אומגעהויער גרויסער ראָל װאָס

„דאָס גילדענע בוך פון אונזער גרויסען רייכען פאָלקלאָר, וועלכער איז נאָך ליידער צעזייהט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבען ימים, קאָן און מוז שפּילען אין אונזער נייער פאָלקס־שול און אין דעם גאַנצען סיסטעם פון אונזער פּעדאַגאָגיק אַ וויכטיגע ראָל. דאָס איז זעהר ריכטיג בכלל, און דערהויפּט איז עס ריכטיג בנוגע צו אַזעלכע פאָלקס־שאַפונגען ווי רע־טענישען, וועלכע זענען פון פאָלק גופא געשאַפען געוואָרען כמעט אויסשליסליך צוליב אַ פּעדאַגאָגישען ציל.

אַז עס קומט צו רייד וועגען אונזער אַלטער פאָלקס־בילדונג און פאָלקס־ערציהונג, שטעלט מען געוועהנליך אַרויס דאָס טראַדיציאָנעלע חדר מיט אַלע זיינע חסרונות, דערהויפּט שטעלט מען זיך אָב אויף דעם קאָנפעסיאָנעלען כאַראַקטער פון חדר; דערביי אָבער פערגעסט מען, אַז מיר האָבען בירושה פון דעם אַלטען דור אַ גאַנצען אויסגעאַרבייטען סיסטעם פון פאָלקס־ערציהונג, אַזוי צו זאָגען: אַנ'אייגענאַרטיגע יודישע פּע־דאַגאָגיק. חוץ דעם חדר האָט דער אַלטער דור געהאַט אַ גאַנ־צען און אַ ברייטען סיסטעם פון נאַציאָנאַלער ערציהונג. נישטאָ כמעט קיין איין יום־טוב, וואָס זאָל נישט האָבען זיין ערצי־הונגס־עלעמענט, קיין קינדער־שפּיל אָדער פערוויילונג. דער גאַנצער סדר פון פסח, מיט די קשיות מיט דעם חד־גדיא און „אחד מי יודע" איז אויסגערעכענט אויף קינדער; דער המן־קלאַפּער פורים; דער „גאָר" חנוכה; תשעה־באב די הילצערנע שפּיזען, וואָס קינדער טראָגען אויפ'ן בית־עולם און צעברעכען איבער די קברים צום אָנדענקען פון די אַמאָליגע יודישע העל־דען; היינט די פענער שמחת־תורה, די שפּאַצירונגען מיט די סעודות ל"ג בעומר און פיל אַנד.

צוגלייך מיט דעם האָט די אַלטע פּעדאַגאָגיק גאַנצע ציקלען פון קינדער־מעשיות, קינדער־לידעלעך, שפּילונגען, שפּרוכען, רעטענישען וכדומה.

אָט די אַלע עלעמענטען פון דער אַלטער פאָלקס־פּעדאַ־גאָגיק זענען געווען לחלוטין איגנאָרירט פון די שעפער פון דער נייער יודישער שוהל. און מען קאָן זאָגען, אַז דער הער

באַסטאָמסקי איז כמעט דער ערשטער, וואָס האָט נישט נאָר אָנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט אויסצונוצען די אַלטע שאַפונגען פון פאָלק פאַר דער נייער שוהל, נאָר ער האָט גענומען אַליין פראַקטיש דורכפיהרען עס, זאַמלען און פערעפענטליכען די מאַטעריאַלען.

צום שלוס וואָלט איך וועלען אויפמערקזאַם מאַכען דעם זאַמלער אויף איינגיגע פעהלערן, וואָס געפינען זיך אין דער איצטיגער אויסגאַבע, דערהויפט אין דער קלאַסיפיצירונג פון דעם מאַטעריאַל. די רעטעניש̇ען האָבען געדאַרפט זיין סיסטעמאַטיזירט לויט אַ געוויסען סדר. ווייטער האָבען געדאַרפט זיין אָבגעטיילט קינסטלערישע רעטענישען—ווי דהיינו די, וועלכע איך האָב פריהער געבראַכט, פון אַזוי גערופענע איינפאַל-רעטענישען („פאַרוואָס נעהמט אַראָב דער קיסר דאָס היטעל?—פאַר'ן דאַשיק". „ווען בלייבט אַ סוחר אין איין העמד?—שטענדיג"), חשבון-רעטענישען (וויפיל וועט זיין איינס און אַנדערהאַלבען, צוויי און דריטהאַלבען?). צו בעמערקען איז נאָך ווערט, אַז די רעטעניש געהערט מעהר צו „גיך-ריידענישען" ווי צו רעטענישען. די רעטעניש נומער 131*) איז בוכשטעבליך איבערגעזעצט פון רוסיש און האָט געמעגט אויסגע-

---

*) אַמאָל איז אַנ'אורח געקומען אין אַ קרעטשמע, האָט ער דאָרטען געטראָפען אַ קליין מיידעלע. פרעגט ער ביי איהר—וואו איז דער טאַטע? ענטפערט זי—דער טאַטע וואַרפט די לעבעדיגע אויף די טויטע. פרעגט ער—וואו איז די מאַמע? ענטפערט זי—די מאַמע קרענקט אין נחת. פרעגט ער ווייטער—וואו זענען דיינע ברידער? ענטפערט זי—זיי זענען געגאַנגען זוכען דאָס, וואָס זיי האָבען נישט פערלאָרען. פערשטעהט ער נישט, וואָס זי מיינט, און פרעגט ווייטער—וואָס זאָל איך טהון מיט מיין פערד? ענטפערט זי—מאַך איהם חתונה מיט'ן זומער אָדער מיט'ן ווינטער. האָט ער אַלץ נישט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט. ווי דאַרף מען פערשטעהן איהרע תשובות? (דער טאָטע זייהט (וואַרפט קערנער), די מאַמע ליגט אין קינפעט, די ברידער אָוועק קלייבען יאַגדעס; שפאַן איין דעם פערד אין וואָגען אָדער אין שליטען).

שלאָסען ווערען. עס איז נאָך צו בעדויערן, וואָס די רעטע-נישען זענען נישט איבערגעגעבען פּאָנעטיש, אַזוי ווי זיי ריי-דען זיך אַרויס, און עס איז נישט אָנגעוויזען לכל-הפחות, וואו זיי זענען פערשריבען. אָהן דעם פערלירט די זאַמלונג אַ גרויסען טייל פון איהר וויסענשאַפטליכען ווערט.

נאָר דאָס אַלץ זענען פעהלערן, וואָס קאָנען גרינג אויס-געבעסערט ווערען. וויכטיג איז, וואָס ה׳ באַסטאָמסקי האָט גע-פונען דעם ריכטיגען וועג צו אַ גרויסער קולטורעלער און נאַ-ציאָנאַלער אויפגאַבע און מיר קאָנען נאָר אַרויסזאָגען אונזער הייסען וואונש, ער זאָל ווייטער פיהרען זיין אַרבייט און זאָל געפינען צווישען די יודישע לעהרער וואָס מעהר נאָכפאָלגער.

# יודישע מלחמה=גלייכווערטלען

נישטאָ אין דער וועלט נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן אַ גלייכוווערטעל, ווי דאָס יודישע פאָלק. אַ יוד קאָן זיך נישט בעגעהן אָהן אַ גלייכוווערטעל. אפילו די טראַגישסטע און ביטערסטע געשעהענישען פון זיין לעבן לאָזט ער נישט דורך אָהן אַ גלייכוווערטעל. דער יוד איז דערשלאָגען, דערשראָקען, פערביטערט, פערוויינט. נאָר מיט אַמאָל גיט ביי איהם אויך די ליפען אַ שפיל אַ טרויעריג שמייכעל און כמעט נישט ווילענדיג ווערט אָבגעזאָגט דאָס גלייכוווערטעל. קומען קומט עס דערפון, וואָס דאָס אמת יודישע ווערטעל איז לחלוטין נישט קיין פרעהליכער וויץ, ווי ביי אַנדערע פעלקער. אויב עס רופט ארויס אַ שמייכעל אָדער אַ געלעכטער, איז עס דערפאַר, וואָס עס איז קלוג, נישט וויל עס איז וויציג. דאָס איז נישט קיין אומישנע משונה׳דיגע קאָמבינאַציע אָדער אַ פאַראַדאָקס, וואָס רופען אַרויס אַ געלעכטער דורך זייער אומגעריכטקייט, ווי אַ גרימאַסע אויפ׳ן פנים. דאָס יודישע גלייכוווערטעל איז ווי דאָס שפריכוואָרט אָדער דער אַלטער משל, קודם כל טיפזיניג: עס דריקט אויס אַ הויכען געדאַנק, אַ פסיכאָלאָגישע בעשטימונג. אַזוי ווי עס דערגרייכט דאָס דורך אַ קלוגען געלונגענעם איינפאַל, וואָס רופט אַרויס אַ שמייכעל, איז זיין ווירקונג נאָך טיפער און שטאַרקער

אויב דאָס אַלץ איז ריכטיג וועגען יודישע גלייכוועדט-לען סתם, איז עס נאָך ריכטיגער בנוגע צו מלחמה-גלייכ-ווערטלעך. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מלחמה האָט פערפלייצט דאָס יודישע לעבען מיט בלוט און טרעהרען, האָט מען נישט אויפגעהערט צו גלייכווערטלען זיך וועגען איהר. יעדער פאַזיס איהרער איז געווען בעלויכטען און אָפּגעשאַצט דורך גלייכווערטלעך, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט דער גאַנצער יודישער קוק אויף מלחמה און דער אויפטראָג פון יודען צו איהרע אוממיטעלבאַרע טיילנעהמער.

אָנגעהויבען האָט זיך די מלחמה מיט אַ פּאַטריאָטישער התלהבות, וואָס אין די ערשטע טעג האָט זי פערכאַפּט אפילו יודען. פון אַלע זייטען האָט געדונערט דער געשריי וועגען אמת, יושר און רעכט, וועלכע ווערען געטראָטען מיט די פיס פון די וועלט-רויבער די דייטשען, און ווערען העלדיש גע-שיצט דורך די רוסען און זייערע מיטקעמפפער. דעם היפוך דערפון האָבען גע׳טענה׳ט די דייטשען. אָבער קיינער, חוץ אַ הייפעל אויסלענדישע אינטערנאַציאָנאַליסטען, האָט נישט גע-וואַגט אַרויסצוזאָגען דעם געדאַנק, אַז ביידע צדדים זענען נישט מעהר ווי רויבער. דער יוד אָבער מיט זיין ניכטערן קוק האָט פון ערשטען מאָמענט תופס געווען די אמת׳ע צילען פון ביידע צדדים און מיט עטליכע ווערטער אָפּגעשאַצט זיי.

1)—די איצטיגע מלחמה איז מלחמת גוג ומגוג, ווייל גוג מאַכט: „גנב און גזלן" און מגוג מאַכט: „מעהר גנב און גזלן".

דאָסגלייכען האָט דער יוד פון דער ערשטער מינוט אָן תופס געווען די ראָל פון רוסלאַנד אין דער מלחמה. זי וועט פערגיסען בלוט פון פרעמדע אינטערעסען וועגען, און אַליין וועט זי גאָרנישט נישט האָבען פון דער מלחמה.

2)—דער ענגלישער קיסר האָט געשווירען, אַז ער וועט מלחמה האַלטען ביז׳ן לעצטען טראָפּען... רוסיש בלוט.

3)—דער ענגלענדער, דער דייטש און דער רוס האָבען

זיך גענומען קאָכען אַ יויך: דער ענגלענדער גיט וואַסער, דער דײַטש־פייער, און דער רוס—פלייש.

4)—כּדי נישט דאַרפען געהן דינען, האָט ניקאָלאַי גע־גומען אַ פּאָדריאַד צושטעלען אויף דער מלחמה „פלייש".

פאַר יודען איז קלאָר געווען, אַז רוסלאַנד, פערגיסענדיג מעהר פאַר אַלעמען בלוט, וועט סוף כּל סוף פערלירען די מלחמה. אין דעם האָט קיינער נישט געצווייפעלט פון אָנהויב אָן, אפילו אין דער צייט, ווען דער רוסישער חייל האָט אָב־געהאַלטען אין גאַליציע גלענצענדע נצחונות און פערנומען אַ שטאָדט נאָך אַ שטאָדט, האָט דער יוד פאָראויסגעזעהן, אַז די נצחונות וועלען ברענגען צו אַ מפּלה.

5)—עם תּועי לבב—הדומה לחמור (דער רוס) האָט פער־בלאָנדזשעט אין לוואָוו (לעמבערג). „והם לא ידעו דרכי"— און אַהיים וועלען זיי נישט געפינען דעם וועג. „אשר נשבעתי באפּי אם יבאון אל מנחתי"—ווייל איך האָב געשוואוירען מיט מיין גרימצאָרן, אַז זיי וועלען שוין נישט זעהן קיין רוה.

6)—„והחזיר מפריס פרסה"—און דער חזיר (רוס) שטעקט אויס דאָס פיסעל. „וגרה לא יגרה"—אָבער וואוינען דאָרטען וועט ער נישט וואוינען.

7)— קרפּת (קאַרפּאַטען) איז די ראשי־תּבות: „קבורת רוסיה פּה תּהיה".

8)—ניקאָלאַי האָט פאָרגעלעגט ווילהעלמען: „לאָמיר שלי־סען שלום אויף די תּנאים: איך גיב דיר אָב פוילען און דו לאָז מיך אַרויס פון גאַליציע.

און אַז די נביאות איז מקוים געוואָרען, האָט מען צו־געגעבען:

9)—אין דער מלחמה איז ניקאָלאַי געוואָרען אַ בעל־בטוח און ווילהעלם האָט אָנגעוואָרען דעם גאַנצען קרעדיט. ניקאָלאַי, אַז ער נעהמט עפּעס, גיט ער אָב צוריק מיט אַ גוטען פּראָ־צענט, און ווילהעלם, אַז ער נעהמט עפּעס, וועט ער שוין צו־ריק נישט אָבגעבען.

די זיכערקייט, אַז רוסלאַנד וועט האָבען די מפּלה איז

געווען געבויט אויף דעם נידעריגען קולטורעלען מצב פון רו-
סישען פאָלק און דערהויפּט אויף דער טיפער פעראַכטונג צו
ניקאָלאַיען, ווי צו אַ פרא-אדם.

די אָבשאַצונג פון גייסטיגען מצב פון די רוסען איז שוין
גאַנץ קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין די פריהער געבראַכטע
עפּיטעטען: „עס הדומה לחמור" (אַנדערע האָבען נאָך געפונען
פאַר ריכטיג איבערצודרעהען די ווערטער: „חמור הדומה לעם"),
חזיר אדג"ל. דאָסזעלבע האָבען אונטערגעשטריכען אויך אַנדע-
רע גלייכווערטלעך

10)—די וועלט געהט צו קינד: דער דייטש „געהט מיט'ן
קאָפּ", געהט ער כשורה; דער רוס „געהט מיט די פיס"—נישט
כשורה—וועט מען איהם אַרויסשלעפּען שטיקערווייז, מיט צוואַנ-
גען.

נאָר דערהויפּט האָבען זיך געשאָטען גלייכווערטלעך ווע-
גען ניקאָלאַיען און בעזונדערס וועגען דעם, וואָס ער איז גע-
וואָרען דער אויבערשטער הויפּט-קאָמאַנדיר.

11)—דער אויבערשטער האָט אַרויסגערופען ניקאָלאַיען
אויף אַ משפט: פאַרוואָס ער רודפ'ט יודען. האָט ניקאָלאַי גע-
נומען זיך פערענטפערן: „וואָס בין איך שולדיג? דו האָסט מיר
געגעבען אַ גרויסע מדינה און אַ קליינעם קאָפּ, בין איך נישט
אימשטאַנד אַלץ צו בעזאָרגען."—ביזט גערעכט, האָט איהם דער
רבונו של עולם געענטפערט,—איך וועל דיר קומען צו הילף:
אין דער איצטיגער מלחמה וועט דיין מדינה קלענער ווערען
און דער קאָפּ וועט ביי דיר געשוואָלען ווערען.

12)—אין „פּריסוטסטוויע", בעת מען נעהמט צו רעקרוטען,
טענה'ט אַ ייד: „איך האָב די דער"—דער צונעהמער ענטפערט
איהם: „נישקשה, דער גענעראַל ברוסילאָוו האָט אויך די דער,
פונדעסטוועגען האַלט ער גוט מלחמה". אַ צווייטער יוד טענה'ט:
„איך בין בלינד"—און ער בעקומט אַ תשובה: „נישקשה, דער
גענעראַל איוואַנאָוו איז אויך בלינד, פונדעסטוועגען קאָמאַנדע-
וועט ער מיט אַ גאַנצער אַרמיי". דער דריטער יוד טענה'ט:
„איך בין אַ אידיאָט!".—„נישקשה, ענטפערט מען איהם, דער

אויבערשטער הויפט-קאָמאַנדיר (ניקאָלאַי) האָט נעבעך אויך די-זעלביגע קרענק, פונדעסטוועגען טהוט ער אַב מעשים!".

13)—ניקאָלאַי האָט גענומען אויף זיך די אויבערשטע הויפט-קאָמאַנדירונג מיט דעם ציל אומצוברענגען ווילהעלמען. ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז ווי נאָר ווילהעלם וועט וועגען דעם זיך דערוויסען, וועט ער פּלאַצען פון געלעכטער.

14)—אַ יודישער סאָלדאַט קלאָגט זיך: „וואָס פאַר אַ גוטס קאָן מען שוין דערוואַרטען, אַז איך בין די „דאָבּלעסטנע אַר-מיע" און ניקאָלאַי איז דער אויבערשטער הויפט-קאָמאַנדיר!

אויף וויפיל דער יוד איז געווען זיכער אין דער מפלה פון רוס, אויף אַזוי פיל האָט ער נישט געצווייפעלט אין דעם נצחון פון דייטש.

15)—דער דייטש און דער רוס טענה'ן ביידע אין איין קול: „מיר!" (שלום). דער דייטש טענה'ט: „פוילען—מיר! רו-מעניע—מיר! בעלגיע—מיר!" דער רוס טענה'ט: „וועה איז מיר: ווינד איז מיר! אַ בראָך צו מיר!"

16)—וועט נעהמען דער דייטש ווערדען?—„ווער דען?"

17)—האָט גאָט געשיקט משה רבינו אויף דער ערד איינ-שטעלען שלום. ענטפערט משה: „מיך געהט עס נישט אָן, מיינע יודעלעך האָבען זיך גוט איינגעאָרדענט אין די „סאָיו-זען" און אין אַנדערע אַנשטאַלטען". שיקט גאָט קריסטוס'ען. ענטפערט ער: „מיר איז געפעהרליך צו געהן. איך בין נאָך יונג און מען קאָן מיך אַליין צונעהמען פאַר אַ סאָלדאַט". הויבט זיך גאָט אַליין אויף צו געהן, נאָר באַלד קעהרט ער זיך אום צוריק. „פאַרוואָס געהסטו נישט?" פרעגען איהם די מלאכים. „איך האָב מורא, אַז אויב איך וועל אַוועקגעהן, וועט מיין אָרט פערנעהמען ווילהעלם. אַ קשיא אויף דעם שייגעץ!"

אָבער ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכען די דייטשע רע-וואָלוציע, האָט זיך גלייך געשאַפען וועגען ווילהעלמען דאָס גלייכווערטעל:

18) מען האָט איהם צוגעלעגט אַ נאָמען: (נחום) נאָך איהם.

דאָס יודישע גלייכווערטעל האָט זיך סאַרקאַסטיש אָבגערופען אויף די פאַנאַנדערגעבלאָזענע נצחונות פונ׳ם רוס, אויף די פאָגראָמען און אויף דעם בלבול, אַז די יודען העלפען דעם דייטש.

19) — עס האָט זיך בעקומען אַ ידיעה: דער רוס האָט פערנימען אַכציג שטעדט און האָט זיי אַלע חרוב געמאַכט. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט פערנומען איין שוהל, וואו עס זענען געווען אַכציג שטעדט (ערטער).

20) — עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די יודען העלפען טאַקע דעם דייטש. ווען נישט יודען, וואָלט ער נישט האָבען אַזאַ גרויסען חייל. יעדער מלמד מאַכט אויף יעדען וואָרט צעהן „טייטשען”. היינט מאָהלט זיך, וויפיל טייטשען עס האָבען געשאַפען אַלע מלמדים צוזאַמען!

דאָס גלייכווערטעל האָט זיך נישט אָבגעהאַלטען פון אַנ׳איראָנישען שמייכעל איבער דעם יודישען אויפטראָג צו דער מלחמה. אויף צו להכעיס איינינגע יודישע כלל-טהוער, וועלכע זענען געקראָכען פון הויט צו דערווייזען דעם „יודישען פאַטריאָטיזם”, זאָגט זיך דאָס גלייכווערטעל אָפען אַרויס, אַז יודען ווילען נישט אוועקלעגען דאָס לעבען אויפ׳ן שלאַכטפעלד, נאָך בעת דעם יאַפּאַנער קריג איז בעשאַפען געוואָרען אַ קלוג ווערטעל:

21) — פאַר דער מוקדן-שלאַכט האָט מען געבראַכט און פונאַנדערגעגעבען די סאָלדאַטען פערציג טויזענד ברוסט-פאַנצערס. בעת דער שלאַכט זענען אַלע פערציג טויזענד סאָלדאַטען געפאַלען. גאַנץ זענען געבליבען נאָר דריי יודען. קוראָפּאַטקין האָט זיי צוגערופען און געפרעגט: ווי אַזוי איז דאָס אויסגעקומען, אַז די איינציגע דריי יודען זענען גאַנץ געבליבען. זיי האָבען פריהער נישט געוואָלט ענטפערן. נאָר אַז ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען נישט בעשטראָפט ווערען און דערצו נאָך בעקומען אַ געשאַנק, האָט זיך איינער אָבגערופען: „וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! מיר האָבען פאָרויס פער-

שטאַנען, אַז מען וועט לויפען, האָבען מיר גלייך אָנגעטהון די פאַנצערס אויפ׳ן רוקען״.

אין דער מלחמה זענען אויך בעשאַפען געוואָרען גלייכ-ווערטלעך אין אָט דעם אַרט:

22)—די דייטשען האָבען גענומען אַ יוד אין פלען און געוואָלט איהם אָבלאָזען צוריק. האָט ער אויסגעשריען: „דאָס געהט נישט! וואָס גענומען, איז גענומען!״

23)—אַ יודישער סאָלדאַט שרייבט דעם ווייב: „דאַנקען גאָט, איך לעב, בין געזונד און בין פערפאַלען געוואָרען אָהן ידיעה״(Пропалъ безъ вѣсти).

24)—אַלע יודישע סאָלדאַטען פון דער רוסישער אַרמעע זענען „פריוויליגע״ וויל ווער עס האָט נישט געוואָלט, איז נישט געגאַנגען.

די געבראַכטע גלייכווערטלעך זענען ווי אַ טראָפען אין ים לגבי די אַלע, וואָס די יודישע שאַרפזיניגקייט האָט גע-שאַפען פאַר דער צייט פון דער מלחמה. נאָר אפילו אין אָט די עטליכע, וואָס זענען דאָ געבראַכט, האָט זיך אויך גענוג אָבגעשפיגעלט דער איידעלער יודישער הומאָר און די טיפע וויטציכטיגקייט פון דעם יודישען פאָלקסגייסט.

„סעג״, ווילנא, 1919, №19, 20.

# אלטע שוהלען און זייער לעגענדע

# I

בשעת איך בין מיט אַכט-צעהן יאָהר צוריק אַרומגעפאָה-רען איבער וואָהלין און פאָדאָליען זאַמלען עטנאָגראַפישע מאַ-טעריאַלען, האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויף אַ וואונדערבאַרער ערשיינונג:

די שטעדטלעך—אָרימע, פער׳חושכ׳טע; די יודישע בע-פעלקערונג בעשטעהט דורכאויס פון ביטערע אביונים, וועלכע שלאָגען זיך קוים-קוים דורך מיט דער חיונה. די הייזלעך—מעהרסטענטיילס נידעריגע, קליינע, אַלטע און אָבגעלאָזענע. און אויף איינעם פון די זייטיגע, פערוואָרפענע געסלעך, צווי-שען די האַלב-איינגעפאַלענע, אין דער ערד איינגעוואַקסענע הייזלעך, טרעט מיט אַמאָל אַרויס אַ גרויסער און הערליכער פאַלאַץ, אַ געמויערטער, אַ מאַסיווער, מיט זעהר דיקע ווענד, פון אַנ׳אָריגינעלער אַרכיטעקטור, אַ בנין וואָס קאָן, לויט זיין גרויס און שענקייט, קאָנקורירען מיט׳ן פאַלאַץ פון פריצ׳ס הויף. דאָס איז דער שטאָלץ און די צירונג פון שטעדטיל—די אַלטע שוהל.

פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? ווער האָט זי געבויט? פון וואַנען האָט מען בעקומען מיטלען אויפצושטעלען אַזאַ גרויסען און רייכען מויער? אפשר זענען אין די אַמאָליגע צייטען דאָ געווען יודישע מאַגנאַטען, וואָס האָבן זיך געקאָנט

פערגינען אַזאַ לוקסוס? איך נעהם די אַלטע פּנקס׳ן, אָבער איך געפין אין זיי אַ קלאָרען בעווייז, אַז מיט 100—200 יאָהר צוריק איז די יודישע בעפעלקערונג אין די שטעדטלעך געוועזן נאָך אָרימער ווי איצט. אַ גילדען איז דעמאָלט געוועזן אַ קאַפּיטאַל. אַ גראָשען—אַ גרויסע מטבע.

אַלטע כראָניקעס ענטדעקען פאַר אונז דעם סוד. פון זיי דערוויסען מיר זיך, אַז די געמויערטע שוהלען מיט זייערע דיקע ווענד, מיט די שענע טורעמלעך, זענען געוועזן נישט קיין לוקסוס זאַך, נישט אַ לשם-שמים׳דיגע שאַפונג, נאָר אַ ביטערע נויטווענדיגקייט פון יענער עפּאָכע, אַנ׳אָפּשפּיגלונג פון דער שרעקליכער אומבעהאָלפענקייט, אין וועלכער עס האָט זיך דאַן געפונען די יודישע בעפעלקערונג.

גאַנצע יאָהרהונדערטען האָבען יודען אין יענע שטעדט און שטעדטלעך זיך געפונען אויף אַ ווואולקאַן, נישט זיכער געוועזן מיט זייער לעבען און גוטס. פון צייט צו צייט זענען אָנגעפאַלען רויבערישע באַנדעס אָדער רעגולער חיל האָבען בערויבט און חרוב געמאַכט דאָס שטעדטיל און אויסגע׳הרג׳עט די יודען. ביי אַזאַ קאַטאַסטראָפע פלעגען יודען קודם-כל לויפען אין שוהל תפילה טהון, און דאָס רוב פלעגט דאָרט פאָרקומען די שחיטה. די מערדער פלעגען אָדער אַריינרייסען זיך אין שוהל און דאָרט אַלעמען אויסקוילען אָדער אונטערצינדען זי, און די פערזאַמעלטע יודען פלעגען אין איהר פערברענט ווערען.

ווי אַ דענקמאָל פון די שרעקליכע געשעהענישען זענען אין אַ גאַנצער רייה שטעדט און שטעדטלעך פערבליבען אַנטקעגען די שוהלען אַרומגעצוימטע קברים׳לעך, וואָס טראָגען דעם נאָמען „הייליגע קברים׳לעך“. וועגען אָט די קברים׳לעך חזר׳ט זיך איבער אומעטום איין און דיזעלבע לעגענדע, אַז דאָרט איז בעגראָבען אַ חתן מיט אַ כלה, וועלכע „כאַמעליוק“ (כמעלניצקי) האָט גע׳הרג׳עט בשעת מען האָט זיי געפיהרט צו דער חופה. באמת זענען דאָס קברים פון די דער׳הרג׳עטע אין שוהל, בעת אַנ׳אָנפאַל פון רויבערישע באַנדעס אָדער קאָזאַקען.

ביסלעכווייז איז מען געקומען צום געדאַנק פון בויען אַזעלכע שוהלען, וואָס זאָלען קאָנען דינען אַלס שוץ פאַר דער יודישער בעפעלקערונג בעת אַנ'אָנפאַל. מען האָט גענומען אויפשטעלען מויערן, וואָס האָבען געהאַט אַ כאַראַקטער פון פעסטונגען און געקאָנט אויסהאַלטען אפילו אַ דויערהאַפטע בעלאַגערונג. די פוילישע רעגירונג, וועלכע האָט נישט געהאַט די מעגליכקייט צו בעשיצען די יודישע בעפעלקערונג פון אָנפאַלען, האָט זיך בעצויגען גוטוויליג צו דעם אויפבוי פון יודישע פעסטונגען. מעגליך, אַז זי אַליין האָט געגעבען יודען דעם געדאַנק אויף אַזאַ אופן צו בעשיצען זיך, און אפשר אויך געקומען זיי צו הילף דערין. עס זענען פערבליבען דאָקומענטען, וואָס בעשטעטיגען, אַז די רעגירונג האָט אפילו געפאָדערט, אַז יודען זאָלען פערוואַנדלען זייערע שוהלען אין בעוואָפענטע פעסטונגען. אין 1626 האָט זיגמונד דער דריטער געגעבען דער לוצקער קהלה אַנ'ערלויבעניש אויפצובויען אַ שוהל, נאָר מיט דעם תנאי, אַז אויבען זאָל זיין אַ שלאַג-טורעם, וואו יודען זאָלען אויף זייער חשבון אַוועקשטעלען אַ האַרמאַט, און צושטעלען צו איהם אַ מענשען, אַ פעהיגען צו בענוצען זיך מיט איהם. דעם זעלבען טיפ פעסטונגען האָבען געהאַט, חוץ דער לוצקער שוהל, אויך פיל אַנדערע: די עלטסטע (פון פערצעהנטען יאָהרהונדערט) אויסטרער שוהל, די שוהלען אין זשאַלקיעוו (זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט), טאַרנאָפאָל, לובאָמיל, טרעמבאָווע, טאַרנאָגראָד און אַנדערע.

די יודישע כראָניק און לעגענדען דערצעהלען אונז כמעט גאָרנישט וועגען דעם, ווי אַזוי האָט די אָרימע יודישע בעפעלקערונג בעוויזען אויפצובויען אַזעלכע ריזיגע און רייכע שוהלען. וועגען די עלטסטע און שענסטע פון זיי איז פערשפרייט אַ לעגענדע, אַז זיי זענען „נישט-געבויטע”. מען האָט זיי געפונען אונטער דער ערד אויסגעבויטע: קינדער האָבען זיך געשפּילט אויף אַ בערגעל, געגראָבען אין זאַמד און דערזעהן אַ דאַך, האָט מען גענומען גראָבען און געפונען די שוהל אין איינעם לעגענדעס ווערט נאָך צוגעגעבען, אַז אין

שוהל האָט מען געפונען אַ זקן מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער איז געזעסען ביי אַ ספר און געלערנט.

ווי אַלע לעגענדעס, האָט אויך די לעגענדע אַ געוויסען גרונד. פיל פון די אַלטע שוהלען זענען טאַקע „געפונענע". בעת גזירת ת"ח און גאָנטע איז אין פיל שטעדטלעך אומגעקומען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג, פון אַנדערע זענען אַלע יודען זיך צעלאָפען. אין אַ צייט אַרום, אַז יודען האָבען זיך ווידער געגומען בעזעצען אין די שטעדטלעך, האָבען זיי דאָרט „געפונען" די אויפגעבויטע שוהלען.

אויף אַנ'עהנליכער צווייזייטיגקייט פון וואָרט האָט זיך געשאַפען אַ פערשפרייטע לעגענדע וועגען דער אויסטרער שוהל, אַז דאָרט „הענגט אין לופטען" אַ האַרמאַטען-באָמבע. ענדע פון 18-טען יאָהרהונדערט האָט דאָס רוסישע מיליטער בעלאַגערט אויסטראָ. דאָס פוילישע מיליטער האָט פערלאָזט די שטאָדט, נאָר די רוסען האָבען אָנגענומען די געמויערטע שוהל פאַר אַ פעסטונג, גערעכענט אַז דאָרט געפינט זיך מיליטער און האָבען זי בעשאָסען פון האַרמאַטען. איין באָמבע איז אַריין אין וואַנד און דאָרט פערבליבען. די צווייטע האָט דורכגעבראָכען די וואַנד, אַריינגעפלויגען אין שוהל, נאָר נישט אויפגעריסען. אָט די באָמבע האָט מען, לזכר פון דעם נס, אויפגעהאַנגען אין מיטען שוהל אונטער'ן באַלקען אויף אַ קייט, און זי הענגט דאָרט עד היום. די מעשה, אַז זי „הענגט אין דער לופטען" איז אַ ריכטיגע. אָבער אומעטום, וואו מען האָט עס מיר דערצעהלט ווי אַ נס, איז מען געווען זיכער, אַז זי ווערט פון גאָרנישט אונטערגעהאַלטען.

דער גרעסטער טייל לעגענדעס וועגען אַלטע שוהלען ווייזען דייטליך, אַז אין דעם אויפבוי פון די שוהלען האָבען גענומען אַ וויכטיגען אָנטייל די אָרטיגע פריצים, די פוילישע פירשטען און גראַפען, צו וועמען עס האָבען אין יענער צייט געהערט די שטעדטלעך.

# II

וועגען דער אַלטער שוהל אין לודמיר (וולאַדימיר-וואָלינסק) דערצעהלט מען, אַז עס האָט זי געבויט דער פירשט לובאָמירסקי. ער האָט געהייסען אויפשטעלען זעהר דיקע ווענד. ווען דער בוי-מייסטער האָט איהם געפרעגט ווי דיק זיי זאָלען זיין, האָט ער געענטפערט:

—לעג דעם פונדאַמענט אַזוי ברייט, אַז איך זאָל קאָנען איבער איהם פאָהרען אין מיין קאַרעטע געשפאַנט אין דריי פערד.

און ווען דער פונדאַמענט איז געווען געלעגט, איז ער אויף איהם טאַקע דורכגעפאָהרען אַהין און צוריק אין זיין קאַרעטע מיט דריי פערד, און עס איז נאָך בּיי די זייטען געבליבען פרייער פּלאַץ.

וועגען דער מעזעריטשער שוהל דערצעהלט די לעגענדע פאָלגענדעס:

דער פּריץ האָט צוגעזאָגט דער יודישער קהלה אויסצובויען אַ שוהל. ער האָט בעשטימט זי אַוועקצושטעלען אַקעגען זיין פּאַלאַץ, כּדי צו זעהן, אויב די יודען געהען בעצייטענס דאַווענען. נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט צו ערפילען זיין הבטחה איז ער געשטאָרבען. ווען דער יורש, דער יונגער פּריץ, איז געקומען אין שטעדטיל און די יודען האָבען איהם דערצעהלט וועגען פאָטערס הבטחה, האָט ער זיך אָבגעזאָגט צו ערפילען. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער ווייס נישט, צי דער פאָטער האָט עס באמת צוגעזאָגט. איז דער פאָטער געקומען איהם צו חלום, האָט בעשטעטיגט זיין צוזאָג און געהייסען איהם בויען אַ שוהל. אָבער דער יונגער פּריץ האָט דאָס אויך נישט גענומען אין אַכט. האָבען איהם די יודען אַרויסגערופען צום רב אויף אַ דין-תּורה. ביים רב האָט ער געפרעגט די יודען:

—פאַרוואָס קאָנט איהר אַליין נישט אויסבויען זיך אַ שוהל?

האָבען זיי געענטפערט:

—מיר זענען זעהר אָרים און האָבען קיין מיטלען נישט צו בויען זיך אַ שוהל. דער פּריץ איז אונזער האַר, דאַרף ער אונז בעזאָרגען מיט אַ שוהל...

האָט איף דעם דער פּריץ ווייטער גע׳טענה׳ט:

—איהר זייט אָרים אין געלד, אָבער כח האָט איהר דאָך מתעסק צו זיין זיך אין אַ דבר שבקדושה?

האָט דער רב גע׳פסק׳ענט, אַז דער פּריץ דאַרף געבען אויף דער שוהל ציגעל, ליים און געהילץ, און די יודען דאַרפען זי אַליין אויסבויען. און אַזוי איז עס געווען.

מעהר פאַנטאַסטיש איז די לעגענדע וועגען דער אַליקער שוהל.

די יודען האָבען אַ לאַנגע צייט געבעטען דעם פּריץ, ער זאָל זיי אויפבויען אַ שוהל—האָט ער זיך אָבגעזאָגט. דאָס גלייכען האָט ער אָבגעזאָגט די קריסטען אין זייער בקשה, ער זאָל זיי אויסבויען אַ קאָשציאָל. דערפאַר האָט ער צוגעזאָגט אויפצושטעלען אַ ראָטהויז. ויהי היום, איז ער געפעהרליך קראַנק געוואָרען און קיינער האָט איהם נישט געקאָנט העלפען. האָט ער זיך אַ נדר געגעבען אויפצובויען אַ גרויסען און הערליכען קאָשציאָל. נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפען און ער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען שוואַכער. ווען ער האָט דערזעהן, אַז עס קומט שוין זיין סוף, האָט ער אַ נדר געטהון אויסצובויען אַ גרויסע און שענע שוהל. און גלייך ווי ער האָט געגעבען דעם נדר, האָט ער דערפיהלט אַ פערבעסערונג און אָנגעהויבען קומען צו זיך. ווען ער איז געזונד געוואָרען האָט ער גענומען טראַכטען, וועלכען צוזאָג ער זאָל מקיים זיין צום ערשטען. זאָל ער לאָזען בויען דאָס ראָטהויז, וועלען אי די יודען אי די קריסטען ברוגז זיין; זאָל ער בויען פריהער דעם קאָשציאָל, וועלען די יודען ברוגז זיין; אויב די שוהל—וועלען ברוגז זיין די קריסטען. איז ביי איהם געבליבען—לאָזען בויען

אַלע דריי בנינים מיט אמאָל, לויט דעמזעלבען פּלאַן און דער־זעלבער גרויס. ער האָט אַראָבגעבראַכט פון אויסלאַנד דעם גרעסטען בוי־מייסטער און איהם געהייסען בויען פאַר אַמאָל אַלע דריי בנינים. דער מייסטער האָט אַריינגעשלאָגען דריי סלופּעס אין די ערטער, וואו עס האָט געזאָלט זיין געבויט די שוהל, דאָס ראָטהויז און דער קאָשציאָל, האָט איבער די דריי סלופּעס אָנגעצויגען אַ שטריק, און געהענדיג איבער דעם שטריק האָט ער געלעגט צו איין ציגעל אין יעדען בנין. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעבויט אויף אַמאָל אַלע דריי בנינים. זיי זענען געווען די שענסטע אין דער וועלט. האָט דער פּריץ מורא געהאַט, אַז דער בוי־מייסטער זאָל ערגעץ־וואו נישט אויסבויען נאָך אַזוינע שענע בנינים און האָט געהייסען אונ־טערהאַקען די סלופּעס, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעצוי־גען די שטריק. איז דער בוי־מייסטער אַראָבגעפאַלען און דער־הרג׳עט געוואָרען.

בעת איך בין געווען אין אַליק האָב איך דאָרט געפונען אַנ׳אַלטען קאָשציאָל פון זעהר אַ שענער אַרכיטעקטור, אָבער קיין אַלטע שוהל און קיין ראָטהויז איז דאָרטען נישט געווען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבען מיט אַ צייט צוריק אָב־געברענט.

די שענסטע און איידעלסטע לעגענדע איז וועגען דער בערדיטשעווער שוהל.

אין בערדיטשעוו איז, דאַכט זיך, אין די צייטען פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, געווען רב אַ גרויסער צדיק, ר׳ לי־בער. ער איז געווען אַ פערשלאָסענער אין זיך און האָט ליב געהאַט אַרויסגעהן אין פעלד דאַוונען. איינמאָל, ווען ער איז געשטאַנען אין פעלד נעבען אַ בוים און געדאַווענט, איז פער־ביי־געפאָהרען דער פּריץ פון שטאָדט. דערזעהן אז אַ יוד שטעהט אומבעוועגט אין מיטען פעלד אונטער אַ בוים, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געשיקט אַ היידוק פרעגען, וואָס ער טהוט דאָ. נאָר ר׳ ליבער האָט זיך נישט אומגעקוקט צום היי־דוק און איהם נישט געענטפערט: האט דער פּריץ געהייסען

איהם צופיהרען צו דער קאַרעטע, און דער היידוק האָט מיט גוואַלד אַראָבגעשלעפּט ר׳ ליבער׳ן פון אָרט און צוגעפיהרט. נאָר וויפיל דער גראַף האָט נישט גערעדט צו איהם, האָט ער נישט געענטפערט. איז דער גראַף שטאַרק אין כעס געוואָרען און געהייסען ר׳ ליבער׳ן אַוועקלעגען און געבען דרייסיג שמיץ. ר׳ ליבער האָט אָהן אַ געשריי און אָהן אַ זיפץ אַריבערגעטראָגען די יסורים. און ווען מען האָט איהם אָבגעלאָזט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צום בוים און ווידער גענומען דאַוונען. דאָס האָט שוין פערוואונדערט דעם פריץ, און ער איז געבליבען וואַרטען, כדי צו זעהן וואָס דאָ וועט זיין. ווען ר׳ ליבער האָט געענדיגט דאַוונען, איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע און רוהיג געזאָגט צום פריץ:

—מיין ברודער, וואָס האָסטו געוואָלט פרעגען ביי מיר? איך בין גרייט דיר צו ענטפערן.

דער פריץ איז געוועזן איבערראַשט פון רב׳ס ווערטער און געזאָגט:

—איך וויל זאָלסט מיר ענטפערן אויף צוויי שאלות: ערשטענס, פאַרוואָס, ווען איך האָב דיך פריהער גערופען און גערעדט צו דיר, האָסטו מיר נישט געענטפערט. צווייטענס, ווי אַזוי רופסטו מיך „ברודער״, נאָכדעם ווי איך האָב דיך אַזוי אכזריות׳דיג געשלאָגען?

אויף דעם האָט איהם ר׳ ליבער געזאָגט:

—איך האָב דיר נישט געקאָנט ענטפערן, ווייל בשעת דו האָסט גערעדט צו מיר, בין איך געשטאַנען פאַר דעם האַר פון אַלע האַרען און אָבגעגעבען איהם אַ דין וחשבון פון מיין לעבען אויף דער וועלט; האָב איך נישט געקאָנט מפסיק זיין. און „ברודער״ רוף איך דיך דערפאַר, ווייל אַלע מענשען זענען גאָטס קינדער, און ווי קינדער פון איין פאָטער, זענען זיי ממילא ברידער.

—און דאָס וואָס איך האָב דיך געשלאָגען, האָט עס דען דיך נישט אויפגערייצט געגען מיר?

—ניין. איך האָב נאָר אויף דיר רחמנות געהאַט.

—פאַרוואָס?

—ווייל נישט דו האָסט מיך געשלאָגען, נאָר גאָט האָט מיך געשטראָפט. און רחמנות האָב איך אויף דיר געהאַט דערפאַר, וואָס גאָט האָט דיך אויסגעקליבען פאַר אַזאַ שוידערליכער זאַך, ווי שלאָגען מענשען.

די ווערטער האָבען געמאַכט אויפ'ן פריץ אַ שטאַרקען רושם און ער האָט זיך אָבגערופען:

—איך זעה, אַז דו ביזט אַ געטליכער מאַן און האָב שטאַרק חרטה, וואָס איך האָב דיך געשלאָגען. איך בעט דיך, זאָלסט מיר מוחל זיין און געבען מיר אַ תשובה.

—איך בין דיר מוחל. און אויב דו ווילסט אַ תשובה, גיב זיך אַ וואָרט, אַז דו וועסט מעהר נישט אויפהויבען דיין האַנד אויף אַ ברודער.

—און ווי זאָל זיין מיט מיינע פויערים? זאָל איך דען זיי אויך נישט שלאָגען?—האָט געפרעגט דער פריץ.

—די פויערים זענען אויך גאָטס קינדער און דיינע ברידער.

האָט דער פריץ געגעבען אַ וואָרט. און כדי מפייס צו זיין ר' ליבער'ן פאַר דעם וואָס ער האָט איהם געשלאָגען, האָט ער איהם צוגעזאָגט:

—אויף דעמזעלבען אָרט, וואו דו האָסט תפילה געטהון און איך האָב דיך געשלאָגען, וועל איך אויסבויען אַ שוהל.

און ער האָט מקיים געווען זיין צוזאָג און אויסגעבויט אויף דעם אָרט אַ גרויסע שטיינערנע שוהל. ווען בערדיטשעוו האָט זיך פערגרעסערט, איז די שוהל אויסגעקומען אין מיטען שטאָדט.

---

די לעגענדע האָט אַרומגערינגעלט די אַלטע שוהלען, ווי די גרויסע געמויערטע, אַזוי אויך די הילצערנע און פרימיטיווע, מיט אַ טיפער פערהייליגונג. די שוהל ברענט נישט. ביי דער גרעסטער שרפה האָט דאָס פייער אויף איהר קיין שליטה

נישט געהאַט. ווען עס טרעפט אַז עס צינדט זיך אָן דער דאַך, קומען צופליהען מחנות פויגעל, פּאַכען מיט די פליגעל, ביז זיי פערלעשען דאָס פייער. נאָר איבערהויפּט היט אָפּ די לעגענדע די אַלטע שוהלען פון וועלכע עס איז איבערבויעני־שען און רעפּאַראַציעס, וואָס וואָלט צעשטערען זייער פּרימיטי־ווע אָריגינאַליטעט. אין דעם אופן איז די לעגענדע זעהר שטרענג. אַנ'אַלטע שוהל טאָר מען אפילו נישט קאַלכען די ווענד. ווען מען קאַלכט זיי, בייזערן זיי זיך און וואַרפען מיט שטיינער.

די פּיליאָניער שוהל, וואו עס איז געווען דער בעל־שם און וואו עס האָט געדאַווענט דער פּיליאָניער מוכיח (דער „תולדות״) איז געווען אַנ'אָרימע, אַ געדעקטע מיט שטרוי. די פּענסטער איהרע זענען געווען זעהר קליין, ווי אין די פּויער־שע הייזלעך. האָט זיך געפונען אַ נדבן, וועלכער האָט אויף זיין חשבון איבערגעדעקט דעם דאַך מיט ברעטער און פּער־גרעסערט די פּענסטער. ווען אין אַ צייט אַרום איז געקומען אין פּילאָניע ר' זוסע אַניפּאָלער, איז ער געגאַנגען אין שוהל „אויף אַלע פיער״ און געקראָכען איבער די בענק, כּדי נישט אָנצוריהרען מיט די פיס דעם אָרט, וואו עס האָבען געטראָטען אַזעלכע גדולים, ווי דער בעל־שם און דער תולדות.

ווען ער האָט דערזעהן די פערגרעסערטע פּענסטער, האָט ער זיך צעוויינט און אויסגעשריען:

—מען האָט פינסטער געמאַכט אין שוהל!

אויף וויפיל עס זענען טיפזיניג די אַלע שטרענגע פּאַר־באָטען—אָנצוריהרען די אַלטע שוהלען, האָב איך זיך איבער־צייגט, ווען איך האָב בעזוכט די לוצקער אַלטע שוהל. דאָרט האָבען זיך גבאים נישט גערעכענט מיט דעם פערבאָט, האָבען אויסגעקאַלכט די שוהל און פערשמירט די שענסטע ציורים, וואָס זענען דאָרט געווען אויף די ווענד און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסען קינסטלערישען ווערט.

אין שטעדטיל פּאָוואָלאָטש האָט זיך דער גבאי (אַ קצב) פּאַר מיר בעריהמט:

—אונזער שוהל איז געווען אַ שטאַל, האָב איך עס גע-מאַכט פאַר אַ בית-המקדש!

אין דעם „בית-המקדש״ האָב איך געפונען, אָנשטאָט די פערשמירטע אַלטע ציורים אויף די ווענט—בילדער, אַראָבגע-מאָהלענע פון אַנ׳אילוסטרירטער צייטונג, אַ שרעקליכע שמירע-ריי פון אַנ׳אָרטיגען פאַרבער.

# געגענזייטיגע קולטורעלע איינפלוסען

## פון קריסטען צו יודען.

אונטער דעם וואָרט „אַסימילאַציע“ פערשטעהען מיר געוועהנליך אַזאַ ערשיינונג, ווען איין אייגצעלנער מענש אָדער אַ גרופּע מענשען רייסען איבער מיט אַלע טראַדיציעס פון זייער פאָלק, הערען אויף צו לעבען מיט זיין קולטור און נעהמען איבער איינגאַנצען די קולטור פון אַ פרעמדען פאָלק, צו וועלכען זיי רעכענען זיך צו, ווי זיינע געבוירענע קינדער.

פאַר דער ערשיינונג איז אָבער וועניגער ווי אַלץ פּאַסיג דער טערמין „אַסימילאַציע“, וועלכער דריקט אויס אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ נאָרמאַלער, סטיכישער, מעהרסטענטייל אומבעוואוסטזיניגער אויפנעהמונג און איבעראַרבייטונג פון עלעמענטען פון אַ פרעמדער קולטור, און האָט נישט צו טהון מיט דער צעבראָכענקייט און פערגוואַלדיגונג פון דער מענשליכער נאַטור, וועלכע קומט פאָר ביי אַן׳איבערגאַנג פון איין קולטור צו אַן׳אַנדערער.

דאָס וואָרט „אַסימילאַציע“ איז פּאַסיג נאָר פאַר אַזעלכע ערשיינונגען, ווען צוויי קולטורען בעגעגענען זיך אין לעבען, געפינען זיך אַ לענגערע צייט אין אַ נאָהנטען קאָנטאַקט און האָבען אַן׳איינפלוס איינע אויף דער אַנדערער, נעהמען איבער

איינע פון דער צווייטער זייטליכע, קולטורעלע, קינסטלערישע און אפילו רעליגיעזע עלעמענטען, אַרבייטען זיי איבער אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער אייגענער, נאַציאָנאַלער פסיכיק און בעהעפטען זיי צו דער אייגענער קולטור. ביי אַזאַ געגענזייטיגען קולטורעלען איינפלוס קומט נישט פאָר קיין שום פערגוואַלדיגונג און אונטערדריקונג פון איין קולטור איבער דער אַנדערער.

אַלס אילוסטראַציע צו דעם קאָן דינען די יודישע קולטור אין איהר צוזאַמענטרעפונג מיט די קולטורען פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע יודען געפינען זיך אַ לענגערע צייט.

נישט אָבשטעלענדיג זיך אויף די פריהערדיגע צייטען, ווען די העלענישע אָדער מאַווריטאַנישע קולטורען האָבען געהאַט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער יודישער, ווילען מיר נאָר אָנווייזען אויף דער ווירקונג פון די קולטורען פון יענע פעלקער—פּאָליאַקען, אוקראַאינער, ווייס-רוסען און אַנדערע,— צווישען וועלכע עס לעבט אין די לעצטע הונדערטער יאָהרען אַ קאָמפּאַקטע יודישע בעפעלקערונג.

נישט קוקענדיג אויף דער פערשלאָסענקייט פון דעם רעליגיעזען יודענטום קעגען די אַרומיגע קריסטליכע פעלקער, נישט קוקענדיג אויף דער פיינדליכער שטימונג און טיפער פעראַכטונג פון יודען צו דער קריסטליכער קולטור, האָבען יודען איבערגענומען פון די אַרומיגע פעלקער זעהר פיל עלעמענטען פון זייערע קולטורען, מנהגים, זיטען, פאָלק-שאַפונגען און אפילו רעליגיעזע אָנשויאונגען.

בולט'ער פאַר אַלץ האָט זיך אויסגעדריקט די איבערנעהמונג בנוגע צו דער שפּראַך: יודען האָבען איבערגענומען עטליכע מאָל די שפּראַכען פון די אַרומיגע פעלקער, אַסימילירט זיי און פערוואַנדעלט אין יודישע שפּראַכען. אפילו דאָרט, וואו זיי האָבען די שפּראַך נישט איבערגענומען, האָבען זיי אַסימילירט זעהר פיל ווערטער און רעדענסאַרטען. די יודישע שפּראַך אין מזרח-אייראָפּא איז אָנגעזאַפּט מיט פּוילישע, רוסישע און אוקראַאינישע ווערטער. דאָס זעלבע קומט פאָר אין

אַמעריקאַ, וואו די יודישע שפּראַך נעהמט אין זיך אַריין אַלץ מעהר ענגלישע ווערטער און אויסדרוקען.

און נישט נאָר אין דער אַלטעגליכקייט. אפילו אין זיינע פּאָעטישע שאַפונגען ווייזט דאָס יודישע פאָלק אַרויס אַ נייגונג צו בענוצען זיך מיט דער שפּראַך פון די אַרומיגע פעלקער. צווישען די יודישע פאָלקס-לידער זענען דאָ פיל אַזעלכע, וואָס זענען פערפאַסט אין אוקראַיניש, ווייס-רוסיש אָדער פויליש. און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס די פרעמדע שפּראַך ווערט בענוצט צום אויסדרוקען אַקוראַט טיף רעליגיעזע אָדער נאַציאָ-נאַלע שטימונגען, ווי, למשל, די לידער:

סטאָרי אבּראַם, סיווי אבראַם,
שטאָ־טי זאַזשוריוווסיאַ?
—סינאַ סואָיהאָ נאַ עקידו וויאָל,
דראָם פּאָטרודיוווסיאַ!

אָדער:

אי ווסטאַוואַלאַ כאַנאַ (חנה) ראַנאָ,
טאַ אי ראַנענקאָ.

איבּערהויפּט איז צו בּעמערקען, אַז די מיסטיש-רעליגיע-זע חסידישע לידער ווערען מעהרסטענטייל געשאַפען אין אַ נישט-יודישער שפּראַך, ווי, למשל, דאָס בּעוואוסטע חסיד׳ישע לידעל:

אָך, טי מאַלעץ מאַרקאָ,
כאָדיש פּאָ יאַרמאַרקו,
נע קופּויעש, נע טאָרהויעש,
טילקי ראָבּיש סוואַרקו.
ענטפּערט ער, דער יצר־הרע:
„פּאָסלאַנציאַ ניאַ בּיוטש, ניאַ סיאַקוטש!"

אין אַלגעמיין האָבּען חסידים און איבּערהויפּט גוטע יו-דען, און דיקאָ פון די מעהר מיסטיש געשטימטע, ליב געהאַט צו בענוצען זיך מיט גוי׳אישע ווערטלעך, אויסדרוקען און אפילו מאַכען פּירושים אויף גוי׳אישע לידלעך (דהיינו: דער בּעוואוסער פּירוש אויף „קאַטערינאַ-מאַלאַדיצאַ" - כת רינה—

מלא דיצה) געבען אויף יודישע ווערטער גוי׳אישע ראשי תבות׳ן (דהיינו: כבד מאַכט הין און צוריק: „קאָלי באַטקאָ דאָברי—דאָבראָמו באַטקו כבד, קאָלי באַטקאָ דורני—דורנאָמו באַטקו קיעם״ (מיט אַ שטעקען). אויך האָבען זיי ליב געהאַט אַריינלעגען אין אַ גאַנץ געוועהנליכען וואָרט פון אַ גוי, אַ מיסטיש-רעליגיעזע בעדייטונג:

ר׳ זושיע אַניפּאָלער האָט זיך אַמאָל, געהענדיג אין וועג, אָנגעשטויסען אויף אַ גוי, ביי וועמען עס האָט זיך איבערגעקעהרט אַ וואָגען מיט היי. דער גוי האָט געבעטען ר׳ זושיען ער זאָל איהם העלפען צוריק אויפשטעלען דעם וואָגען:

—זשידקו, פּאָמאָזשי!

—ניע מאָהו,—האָט איהם געענטפערט ר׳ זושיע.

דער גוי האָט אויף איהם אַ קוק געטהון און מיט אַן-אויפוואורף געזאָגט:

—מאָזשעש, טאַי ניע כאָטשעש!

ר׳ זושיע האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ און אָנגעהויבען ביטער שרייען:

—איי, זושיע, זושיע! „מאָזשעש, טאַי ניע כאָטשעש!״ דו קאָנסט דינען דעם בורא, נאָר דו ווילסט נישט!

צו ר׳ לייוויק יצחק בערדיטשעווער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער אַ גוי אַ שוסטער און געפרעגט:

—מאַיעש שאָ פּאָטשיניט?

האָט זיך ר׳ לייוויק יצחק אַ כאַפּ געטהון פון אָרט מיט שרעק.

אינ׳ם גוי׳ס ווערטער האָט ער געזעהן אַ רמז, אַז ער האָט עפּעס צו פעררעכטען" (מתקן צו זיין).

אויב צווישען די פאָלקס-לידער איז דאָ אַ געוויסע צאָהל, וואָס איז געשאַפען אויף אַ פרעמדער שפּראַך, זענען צווישען די פאָלקס-נגונים, איבערהויפּט חסיד׳ישע, דאָ פיל איבערגענומענע ביי די שכנ׳ישע פעלקער, איבערגעאַרבייטע און פערדישטע, פון די מעשיות וועגען בעל שם טוב זעהט מען, אַז ער, ווי אויך זיינע תלמידים, האָבען זיך בעצויגען מיט אַ

רוסען אינטערעס צו גוי'אישע נגונים. איין לעגענדע דער-צעהלט, אַז דער בעל שם, געהענדיג אין גאַס, האָט דערהערט, ווי אַ שיכור'ער גוי זינגט. האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אויס-געהערט זיין געזאַנג ביז'ן סוף. אַז די תלמידים האָבען איהם געפרעגט, וואָס האָט ער געפונען אין שיכור'ן גוי'ס נגון, האָט ער געענטפערט:

—אין אַ נגון איז זיך אַ מענש מתודה אויף זיין לעבען. און אַז אַ מענש איז זיך מתודה, דאַרף מען איהם אויסהערען.

איינמאָל האָב איך אין אַ זומער־גאָרטען געהערט, ווי אַן'אונגאַרישער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ מעלאָדיע זעהר אַן'עהנליכע צום לי"דיער רבי'נס נגון.

אויף מיין פראַגע, וואָס פאַר אַ מעלאָדיע דאָס איז, האָט דער קאַפּעלמייסטער מיר געענטפערט, אַז דאָס איז זעהר אַ פּאָפּולערער אונגאַרישער נאַציאָנאַלער נגון.

דאָס זעלבע וואָס וועגען פאָלקס-נגונים קאָן געזאָגט ווע-רען אויך געגען פאָלקס-מוזיק, איבערהויפּט חתונה-מוזיק. דאָס מעהרסטע טייל זאַכען פון יודישע כלי-זמרים זענען איבערגע-נומענע און האָבען אפילו אויפגעהאַלטען זייערע נישט-יודישע נעמען. ווי דהיינו, אַ „דאָברי-דזען", אַ „סקאָצנע", א. ד. גל.

אויך אין אַנדערע געביטען פון פאָלקס-שאַפונג—מעשיות, לעגענדעס, גלייכווערטלעך, שפּריכווערטער—איז דאָ פיל איבער-גענומענע פון פרעמדע פאָלקס-שאַפונג. אין די יודישע פאָלקס-מעשיות טרעפען זיך אָפט עלעמענטען איבערגעטראָגענע פון רוסישע אָדער איראָפּעאישע פאָלקס-מעשיות. דהיינו, אין אַ מעשה וועגען דעם אר"י, ווערט דערצעהלט ווי אַ מענש איז געפלויגען אין דער לופטען, און אַראָבלאָזענדיג זיך צום אר"י, וועלכער האָט מחדש געווען די לבנה, דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און דערביי איבערגעגעבען די גאַנצע גע-שיכטע פון האָמער'ס „אָדיסיי". עס זענען דאָ אַ היבש ביסעל יודישע שפּריכווערטער אין פרעמדע שפּראַכען („פּורים ניע סוויאַטאָ, אַ טראַסיציאַ ניע כוואָראָבאַ"; „יחוס נאַ קברות, א

דאָמאַ—צרות״, א. ד. גל.) און נאָך מעהר איבערגעזעצטע פון פרעמדער שאַפונג.

נאָך מעהר פון אַלץ זענען אַריינגעדרונגען פרעמדע עלע-מענטען אויף דעם געביט פון זיטען, פאָלקס-סגולות, פערשפרע-כעגישען. אין דער יודישער פאָלקס-מאַסע איז פערשפרייט אַ גרויסער צוטרויען צו קריסטליכע פערשפרעכער, טרעפערינס, מכשפים, איבערהויפט טאָטער׳ן. צווישען די יודישע פערשפרע-כונגען פון עין-הרע און אַנדערע קרענק, זענען דאָ פיל בוכ-שטעבליך איבערגענומענע פון קריסטליכע פערשפרעכער.

נאָר, אויב יודען האָבען איבערגענומען פיל עלעמענטען פון די שכנ׳ישע קריסטליכע קולטורען, איז דערפאַר אויך די יודישע קולטור נישט געבליבען אָהן אַ ווירקונג אויף די פעל-קער, צווישען וועלכע עס וואוינען יודען.

וועגען דעם אין צווייטען אַרטיקעל.

II

## פון יודען צו קריסטען.

אין דער ליטא, ווי אויך אין וואָהלין—איבערהויפט אין די קליינע שטעדטליך—זענען דאָ פיל קריסטען, וועלכע ריידען גוט יודיש און בענוצען זיך אָפט צווישען זיך מיט דער יודי-שער שפראַך. עס טרעפען זיך אפילו אַזעלכע, וואָס זענען גע-נים אין יודישקייט, און ווען נישט דאָס קריסטליכע פנים, וואָלט מען זיי געקאָנט אָננעהמען פאַר יודישע קינדער. איך האָב געקענט אַנ׳אַלטע קריסטין, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט געדינט ביי יודען, פלעגט זי יעדען פריהמאָרגען זאָגען מיט די קליינע קינדער „מודה אני״, בענשען ציצית און זעהן אַז זיי זאָלען אָבהיטען אַלע דינים און מנהגים. אַז אַ קינד פלעגט עטוואָס טהון אַנטקעגען דין, דהיינו, אַראָבנעהמען דאָס היטעל

אָדער צעבּרעכֿען עטוואָס אום שבּת, פלעגט זי אויף איהם שרייען: „גוי! מען וועט דיך שמייסען מיט אייזערנע ריטער״.

אין שטעדטיל דעראַזשנע האָב איך זיך געטראָפען מיט אַנ׳אַלטען גוי, וועלכער האָט עטליכע צעהנדליג יאָהר געדינט אין שוהל, ווי אַ שוהל-גוי, און אפילו געוואוינט אין אַ קע-מערל בּיי דער שוהל. ער האָט נישט נאָר גערעדט גוט יודיש, נאָר אפילו דערצעהלט מיר פיל חסיד׳ישע מעשיות פון גוטע יודען, אין וועלכע ער האָט ערנסט געגלויבט. דעם בּעל שם האָט ער אַנדערש נישט גערופען ווי „בּעל שם הקדוש״, און האָט זיך גרויס געהאַלטען דערמיט, וואָס בּיי דעם בּעל שם איז געוועזן אַ פוהרמאַן אַ גוי, אַלעקסעי.

מיר איז נישט אויסגעקומען אויסצופאָרשען, אויף וויפיל עס האָט אויף די אוקראַאינישע און ווייס-רוסישע שפּראַכֿען געהאַט אַ ווירקונג די יודישע שפּראַך, נאָר עס איז קיין ספק נישט, אַז זיי האָבּען איבּערגענומען פון איהר פיל עלעמענטען. מען קאָן אָנרעכֿענען נישט ווייניג יודישע ווערטער, וועלכֿע זענען אַריין אין די שפּראַכען (בּחור, שבּת, כשר, טריף, חופּה און פיל אַנדערע). איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען אין וויטעבּסק, ווי צוויי קריסטליכֿע מאַרק-פרויען האָבּען זיך געזידעלט, און איינע האָט געשריען צו דער אַנדערער: „כֿאַר-פּאָטניצע! בּעזבּושניצע!״ (פון די ווערטער „חרפּה״ און „בּושה״).

איך האָבּ נישט קיין קאָנקרעטע פאַקטען, וועלכע זאָלען בּעשטעטיגען, אַז די יודישע פאָלקס-שאַפונג האָט געהאַט אַנ׳-איינפלוס אויף דער פאָלקס-שאַפונג פון די אַרומיגע פעלקער, נאָר דער פאָלגענדער פאַקט קאָן בּעווייזען, ווי אַזוי די יודי-שע פאָלקס-שאַפונג דרינגט אַריין אין דער קולטור פון פרעמ-דע פעלקער. דער גרויסער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר מוסאָרגסקי דערצעהלט אין זיין טאָג-בּוך, אַז בּעת ער איז געוועזן אַנ׳-אָפיציר, איז ער מיט זיין ראָטע געשטאַנען אין אַ קליין יו-דיש שטעדטיל. פערבּייגעהענדיג פאַרבּיי אַ הייזעל, האָט ער פון דאָרט דערהערט אַ נגון, וועלכער האָט איהם פעראינטערע-סירט. דאָס האָט געזונגען אַ יודישער שניידער. מוסאָרגסקי

האָט דעם נגון פערשריבען, בעאַרבייט און אַריינגעפיהרט אין זיין בעיואוסטער אָפּערע „יהושע בן נון”, ווי דער כאָר פון די לויים. נאָך מוסאָרגסקיס טויט האָט מען אויף זיין מצבה אויס-געקריצט די מעלאָדיע, ווי דאָס געניאַלסטע, וואָס ער האָט געשאַפען.

מען האָט מיר דערצעהלט וועגען אַזאַ משפט ביי אַ רב אין אַ שטעדטיל. אַ גוי האָט איבערגעגעבען אַ קרעמערין פינף און צוואַנציג רובל. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און איז געקומען צו לויפען מאָהנען. די יודענע האָט אָבגעזאָגט אומצוקעהרען דאָס געלד און האָט גע'טענה'ט, אַז זי ווייס פון גאָרנישט. האָט דער גוי זי געפּאָדערט צום רב צו אַ דין-תורה. אַז מען איז געקומען צום רב און דער גוי האָט אַרויסגעזאָגט זיינע טענות, האָט זיך דער רב געווענדט צו דער יודענע מיט די ווערטער:

—הער, יודענע! זאָלסט וויסען, אַז בשעת דו האָסט אָנ-גענומען די קליאַמקע פון מיין טהיר, האָסטו דערמיט גע-שוואוירען אַ שבועה, אַז דו וועסט זאָגען דעם אמת.

—רבי!- האָט זיך אָנגערופען די יודענע—איך דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער...

—דאָס געהט מיך נישט אָן—האָט געענטפערט דער רב.

און ער האָט זי געגנויט אומצוקעהרען דעם גוי די פינף און צוואַנציג רובל.

אין פיל ערטער האָבען דאָרפישע גוים איבערגענומען דעם גלויבען אין גוטע-יודען, און עס טרעפט נישט זעלטען, אַז גוים זאָלען קומען צום רבי'ן מיט אַ פדיון בעטען אויף קינדער. אין אַ שטעדטיל האָט מען מיר אָנגעוויזען אַ זיבעציג-יאָהריגען גוי, אַ פּאַסטוך, וועלכען אַלע רופען „מיכאַילאָ דעם רבינ'ס”, ווייל זיינע עלטערן „האָבען איהם אויסגעבעטען" ביי אַ גוטען-יודען.

—רבונו-של-עולם!—האָט דער גוטער-יוד געזאָגט—האָסט אַזוי פיל גוים, וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט האָבען נאָך אַ גוי?

איז געבוירען געוואָרען דער מיכאַילאַ. „אָבער ער האָט שוין קיין קינדער נישט געהאַט"—האָט מען מיר צוגעגעבען.

איין מאָל האָבען פויערים געבראַכט דעם אַלטען טריס-קער רבי'ן אַ פדיון און געבעטען וועגען גערעטעניש. דער רבי האָט זיי צוגעזאָגט און מכבד געווען זיי מיט בראָנפען און קיכלעך. דעם רבי'ס ברכה איז מקוים געוואָרען, עס איז גע-ווען אַ גרויס גערעטעניש. אין אַ יאָהר פופצעהן אַרום, אַז דעם טריסקער רבי'ס זוהן, וועלכער איז געוואָרען רב אויף זיין פאָ-טערס אָרט, איז דורכגעפאָהרען אַ שטעדטיל נעבען דעמזעלבען דאָרף, זענען די פויערים ווידער געקומען צו איהם מיט אַ פדיון. ער האָט זיי געבענשט און אויך מכבד געווען מיט בראָנפען. זיי האָבען אויסגעטרונקען צו גלעזלעך, נאָר זיי האָ-בען זיך נישט געריהרט פון אָרט און געוואַרט. אַז דער רבי האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי וואַרטען, האָבען זיי געענטפערט:

—דעם בראָנפען האָסטו אונז געגעבען דעמזעלבען, מיט וועלכען דיין פאָטער האָט אונז מכבד געווען, נאָר ער האָט אונז נאָך געגעבען צו פערבייסען קיכלעך. און אין זיי איז געלעגען דער גאַנצער כח פון זיין ברכה. וואַרטען מיר, דו זאָלסט אונז געבען קיכלעך צו פערבייסען.

אין שטעדטיל טעאָפיפאָל האָט זיך געפונען אַ קוואַל, וועגען וועלכען מען האָט געזאָגט, אַז איהם האָט אַרויסגערו-פען דער בעל שם און זיין וואַסער העלפט צו פיל קראַנק-הייטען. מיט דער צייט איז דער קוואַל פערשאָטען געוואָרען. האָבען די פויערים פון אַ נאָהנטען דאָרף איהם אויפגעגראָבען, אויסגערייניגט און זיך גענומען בענוצען מיט דעם וואַסער, ווי מיט אַ רפואה. זיי האָבען געזאָגט, אַז דער בעל שם איז צו איינעם פון זיי געקומען אין חלום און געהייסען אויפגראָבען דעם ברונעם.

און נישט נאָר פויערים גלויבען אין גוטע־יודען. אין אַלט-קאָנסטאַנטין האָט מען מיר דערצעהלט, אַז דער דאָרטיגער מיליטער-אַרצט האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם גוטען-יודען. מיט פיל יאָהרען צוריק איז דעם דאָקטאָרס איינציגער זוהן

קראַנק געוואָרען אויף טיפוס, און דער פאָטער אַליין האָט שוין נישט געהאָפט, אַז ער וועט בלייבען לעבען. אַ יודענע, וועל-כֿע האָט צוגעשטעלט דעם דאָקטאָר קיך-פּראָדוקטען, האָט דער-צעהלט דעם דאָקטאָרס פרוי וועגען דעם אָרטיגען גוטען-יודען און זיינע מופתים און צוגערעדט ווענדען זיך צו איהם. דעם דאָקטאָרס פרוי האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און אַוועקגע-טראָגען דעם רבי'ן אַ פדיון. דער רבי האָט איהר געגעבען זיין טאַשען-טוך, געהייסען צודעקען מיט איהר דעם קראַנקען און געזאָגט, אַז גאָט וועט רחמנות האָבען. אַקוראַט נאָכֿדעם איז פאָרגעקומען דער קריזיס און דער קראַנקער איז געזונד גע-וואָרען. פון דעמאָלט אָן האָבען דער דאָקטאָר און זיין פרוי זיך דורכֿגעדרונגען מיט אַנ'אומגעהויערען גלויבען אין דעם רבי'ן און זיין געטליכֿען כח.

אויף וויפיל די יודישע מאַסע האָט איבערגענומען קריסט-ליכֿע סגולות, רפואות און פערשפּרעכֿענישען, אויף אַזוי פיל האָט די קריסטליכע מאַסע איבערגענומען יודישע סגולות און רפואות. צו אַ יודישען פערשפּרעכֿער, איבערהויפּט צו אַזאַ, וואָס האָט אַ שם, געהען צוגלייך מיט יודען אויך קריסטען.

די קריסטליכֿע מאַסע איז אין פיל פאַלען דורכֿגעדרונגען מיט דעם גלויבען, אַז יודישע הייליגטימער האָבען דעם זעל-בען כח, וואָס זייערע קריסטליכֿע. אין פיל שטעדטליך אין וואָהלין ברענגען דאָרפישע גוי'עס אין די שוהלען ליכֿט אויף שבת, רעכֿענענדיג עס פאַר אַ סגולה צו אַלערליי קראַנקהיי-טען. אין דעם שטעדטיל פאָגרעבישטשע געפינט זיך אין מיטען מאַרק אַ שטיין, אונטער וועלכֿען, לויט דער יודישער לעגענ-דע, ליגט בעגראָבען אַ קדוש. אין שטעדטיל איז דאָ אַ מנהג, אַז נאָך אַ חופה פיהרט מען דעם חתן מיט דער כלה טאַנצען אַרום דעם שטיין. אין דער לעצטער צייט האָבען אויך די אָרטיגע גוים איבערגענומען דעם מנהג, און בשעת זייער אַ חתונה טאַנצען זיי אויך אַרום דעמזעלבען שטיין. פאַרוואָס זיי טהוען דאָס, ווייסען זיי אַליין נישט, זיי מאָטיווירען עס דער-

מיט, אַז ווען יודען טאַנצען, מן הסתם דאַרף מען טאַנצען אַרום שטיין בשעת אַ חתונה.

אין אַ דאָרף נישט ווייט פון זוויהיל (נאָווגאָראָד-וואָלינסק) האָט מען מיר אָנגעוויזען אויף אַ נישט-דערבויטען אָבגעבּרענטען קלויסטער, וועגען וועלכען מען האָט מיר דערצעהלט די פאָלגענדע מעשה: אויף דעם אָרט, וואו דער קלויסטער איז געבּויט, האָט זיך געפונען אַ קרעטשמע, אין וועלכער עס האָט לאַנגע יאָהרען געוואוינט אַ יוד. גלחים האָבען געפונען, אַז דער פּאַסענדסטער אָרט פאַר אַ קלויסטער איז דאָרט, וואו עס שטעהט די קרעטשמע. מען האָט דעם יוד אַרויסגעטריבען פון קרעטשמע, דאָס הויז אַראָבגעוואָרפען און גענומען בּויען אַ קלויסטער. פון עגמת נפש איז דער קרעטשמער געשטאָרבען. אַז דער קלויסטער איז געווען האַלב אויסגעבּויט, האָט ער זיך (דאַכט זיך, פון אַ דונער) אָנגעצונדען. די גוים האָבען אין איין קול אָנגעהויבען שרייען: „דאָס ברענען יענקעל דעם קרעטשמערס טרעהרען!״ און האָבען בשום אופן נישט געלאָזט אויפשטעלען צוריק דעם אָבגעבּרענטען קלויסטער.

אין וואָהלין און אין פּאָדאָליען טרעפען זיך אָפט אין די פעלדער, אָדער ביי אַ דערפעל, ווייט פון אַ יודישען ישוב, גרויסע, אַלטע יודישע בית-עלמינ׳ס, וועגען וועלכע מען ווייס מעהרסטענטייל נישט, פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. ווייזט אויס, אַז אַמאָל, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, האָט זיך אויף דעם אָרט געפונען אַ גרויסער יודישער ישוב, וועלכער איז פערניכטעט געוואָרען, אָדער אין אַ דערפעל, נעבען וועלכען עס געפינט זיך דער בית-עלמין, האָבען אַמאָל געוואוינט פיל יודען. אויף אייניגע פון די בית-עלמינ׳ס האָב איך נאָך געטראָפען צו עטליכע מצבות, נאָר מעהרסטענטיילס זענען אויף זיי שוין נישט פערבּליבען קיין שום מצבות. נאָר די אַלע בית-עלמינס זענען אַרומגערינגעלט מיט פּאַרקענס אָדער ווערען גלאַט אָבגעהיט, ווי אַ הייליגטום, דורך די פויערים פון די אַרומיגע דערפער, וועלכע אַקערן נישט און לאָזען אַהין נישט קיין בהמות אויף פּאַשע. זיי האַלטען עס פאַר זעהר געפעהר-

ליך. מיר איז אויסגעקומען צו הערען פון קריסטען לעגענדעס, אז א פויער האט מיט צוויי אקסען גענומען אקערן א בית-עולם, זענען ביי איהם גלייךביידע אקסען געפאלען טויט. א צווייטער פויער איז פאר דערזעלבער זינד אליין געפאלען אויפ'ן פעלד א טויטער. און מען היט אב די הייליגע יודישע ערטער ווי אייגענע.

איך האב דא געבראכט איניגע אבגעזונדערטע פאקטען פון אויסערליכען איבערנעהמען דורך קריסטען עלעמענטען פון דער יודישער קולטור. חוץ דעם האט די יודישע קולטור געוויס געהאט א טיפע אינערליכע ווירקונג אויף דעם כאראקטער, פסיכיק און רעליגיעזע אמונות פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. אויף דעם זאגען עדות די פיל סעקטען, וועלכע זענען פערשפרייט צווישען די קריסטען אין מזרח- און דרום-רוסלאנד, אין וועלכע, אנפאנגענדיג פון די שטונדיסטען, דערגעהנטערן זיך דורך די מאלאקאנעס און סובאטניקעס, צו דער אזוי-גערופענער סעקטע „פעריודישטע”, וועלכע זענען עכטע גרים און ערפילען אלע יודישע דינים און מנהגים. נאר אט די טיפערע איינפלוסען פאדערן א בעזונדערע אויספארשונג.